STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05860

DOS GESHLEKHT LEBN FUN DER FROY

W. Ostrowsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאס געשלעכט לעבן
פון דער פרוי

— פון —

דר. וו. אסטראווסקי

פארלאג פון דעם פארפאסער
לאס אנגעלעס, קאל.
1928

SEXUAL LIFE OF THE WOMAN

by DR. W. OSTROWSKY

Published by the Author
Los Angeles, Calif.

Published by

DR. W. OSTROWSKY

3646½ East 1st Street

Los Angeles, Cal., U. S. A.

Copyright 1928

Printed by

PACIFIC CO-OPERATIVE PRESS

Los Angeles, Cal., U. S. A.

55

פאַרוואָרט

דאָס פאָרליגענדע בוך פאָדערט פאַר זיך ניט קיין אנטשולדיגונג. דער אידישער ביכער מארק, אף וויפיל עס איז מיר באקאנט, איז זייער אָרעם אין ביכער פון דעם סאָרט. אויסער א פּאָר ביכער וואָס באַהאנדלען די געשלעכט פראגע און געשלעכט לעבן, איז אף אידיש מער גאָר ניט ארויסגעגעבן געוואָרן. די אורזאך פון דעם איז ערשטנס, דער אַלטער גלויבן פון די מעדיקער וואָס הערשט נאָך עד היום בא דעם עלטערן דור דאָקטוירים, איבערהויפּט אין פילע ערטער אין אייראָפּא, אז אַ דאָקטאָר דארף ניט שרייבן וועגן געזונטס פראגן פארן המון, און צווייטנס טאַקע, וואָס אונזערע פּראָפעסיאָנאלן ווען זיי שרייבן, שרייבן זיי אף אנדערע שפראכן. אונזער אידיש איז אויסגעוואקסן פון אונטן ארויף און אזוי זיינען אויך די שרייבער און זייערע ווערק געדרונגען פון דער טיף פון פאָלק, און דארום זיינען וויסנשאפטלאכע אָדער פּאָפּולער וויסנשאפטלאכע ווערק, א חוץ אף אייניקע געביטן, נאָך אַלץ זייער ווינציק. אין איר וואקסן דערגרייכט אידיש בּיסלאכווייז אויך די אינטעליגענץ און עס איז צו דערוואַרטן, אז וויסנשאפט און פּאפּולערע וויסנשאפט וועט פארנעמען מיט דער צייט א באדייטענדן אָרט אין דער אידישער ליטעראטור.

באם שרייבן דאָס בוך האָב איך זיך באמיט צו האלטן זיך אזוי נאָענט ווי מעגלאך צו מאמע לשון, אָנגעבנדיק צוזאמען מיט דער וויסנשאפטלאכער טערמינאָלאָגיע, אף וויפיל עס לאָזט זיך צו פאַר־

אידישן, אויך די פֿאָלקס אויסדרוקן. איך האָב זיך באמיט אז דאָס בוך זאָל זיין צוגאנגבאַר פאר די ברייטערע שיכטן פון פֿאָלק און דאָך האָבן געגוג אינטערעס פארן בעסערן אידישן לעזער. דורך דער גאנצער ארבעט האָב איך אָנגעדייטעט די ספּעציפיש אידישע אייגנארטיקייטן וואו נאָר זיי געפינען זיך.

פארן אָפּהיטן א ריינעם און גוטן אידיש, ווי אויך פאר די פילע עצות אין דער ארבעט, האָב איך פיל צו דאנקען מיינע פריינט ל. כאַ־נוקאָוו און ה. גורמאַן, און דעם הער מ. פרענקעל פאר זיין אינטערעס אין ארויסגעבן טעכניש שיין און גוט א אידיש בוך.

דר. וו. אסטראָווסקי.

לאָס אנגעלעס, קאל., סעפּט. 1927.

דאס געשלעכט לעבן
פון דער פרוי

אינהאלט:

זייט

איינלייטונג — — — — — — — — — — — — — — — — — 12

אנאטאָמיע און פיזיאָלאָגיע

די פארשיידנקייט פון ווייבלאכן און מאנלאכן קערפּער — — 15
די באשיצונג פון וויכטיקע אָרגאנען — — — — — — — — — 16
דער בעקן — — — — — — — — — — — — — — — — — 16
די וואולווא, די אויסערלאכע ווייבלאכע געשלעכט אָרגאנען 19

מאנס וועגערים
דער קליטאָרים
די גרויסע ליפּן
די קליינע ליפּן
דער היימען

די אינערלאכע ווייבלאכע געשלעכט אָרגאַנען — — — — — 21

די שייד, די מוטער גאנג, די וואגינא
די געבער מוטער
די מוטער רערן
די אייער שטאָקן, די אווארים
דאָס אייעלע, די אוואום

די ווייבלאכע בריסט — — — — — — — — — — — — — 28
פּובערטום — געשלעכטלאכע רייפקייט — — — — — — — — 30
קלימאקטאָריום — — — — — — — — — — — — — — — 32
די מאנאטלאכע — — — — — — — — — — — — — — — 35
היגיענע פון די מאָנאטלאכע — — — — — — — — — — — 36
באפרוכטיקונג — — — — — — — — — — — — — — — 39

זייט

די אנטוויקלונג פון דעם קינד פון דער באפרוכטפּערטער צעל 42
די דערנערונג פון פּעטוס — 49
העריַדיטעט — ביאָלאָגישע ירושה — 52
די פארשיידענע פאָרמען
מענדעלס געזעץ, אָדער מענדעליזם
די טעאָריע פון העריַדיטעט
דאָס ירש'נען פון דערוואָרבענע אייגנשאפטן

ליבע און הייראט

ליבע — 61
הייראט — 69
היגיענע פון הייראט — 79
צוזאמענלעבן — 83
צושיידונג — 95
געשלעכט בילדונג — 99
פּראסטיטוציע — 103
געבורט באשרענקונג (קאָנטראָל) — 107
יוגעניק — 112

מוטערשאפט

מוטערשאפט — 119
די ענדערונגען און שוואנגערשאפט — 121
סימנים פון שוואנגערשאפט — 127
דער דויער פון שוואנגערשאפט — 129
„פארקוקן זיך" — 132

זייט

היגיענע פון שוואנגערשאפט — — — — — — — — — — 135

דיעטע
די בריסט
די הויט
ארבייט און איבונגען, פרישע לופט און זונשיין
קליידונג
די ציין

קאמפליקאציעס פון שוואנגערשאפט — — — — — — — — — 141

ברעכן און נודען
פארגיפטונג
עקלאמפסיע
קראמף אָדערן
מערידן
הארץ ברענעניש
קרעמפן
לוקאריע
בלוט שטורץ
פארשטאָפּונג

אבאָרט — — — — — — — — — — — — — — 151

פארהיטונג
קינסטלאך פאראורזאכטע אבאָרטן

די פארוועררונג פון מוטערשאפט — — — — — — — — 155

הארץ קראנקהייט
טובערקולאָז
נירן קראנקהייט
נערוון קראנקהייטן
עפּילעפּסיע

זייט

פאָרבערייטונגען צום קינפעט — 160
אנטבינדונג — 163
קאמפליקאציעס פון אנטבינדונג — 169

שוואכע ווייען
צו שטאַרקע ווייען
טרוקענער האָבן
אומנאָרמאלע פאָזיציעס
אבנאָרמאלקייטן פון בעקן

אָפעראציעס אין אנטבינדונג — 188

די צוואַנגס אָפעראציע
די אָפעראציע פון איבערדרייען דאָס קינד
דאָס ארויסציען פון קינד
דער קייזערשניט
קראניאטאמיע

דער קינפעט — 192
פארוואלטונג פון קינפעט — 193

דיעטע
דאָס וואסער לאָזן
שטולגאנג
נאָכווייען
די בריסט
דאָס פארלאָזן די בעט

דאָס זויגן — 197
קינפעט פיבער — 200
די פיגור אויפהאלטונג — 210

קראנקהייטן

זייט

פונקציאָנאַלע אבנאָרמאלקייטן

דיסמענאָריע — — — 219
מענאָראַגיע — — — 221
וויקארישע מענסטרואציע — — — 222
אמענאָריע — — — 222
סטעריליטעט — — — 224

קראנקהייטן פון די געשלעכט טיילן

קראנקהייטן פון דער וואולווא — — — 230
איינגעבאָרענע אבנאָרמאלקייטן
וואולוויטיס
צוצויגענע אָדערן
ברוך און וואסער ברוך
געשווילאכץ
בייסעניש
קראנקהייטן פון דער שייד — — — 234
איינגעבאָרענע אבנאָרמאלקייטן
אנצינדונג פון דער שייד
וואגיניזם
אבנאָרמאלע עפענונגען
דאָס צוזאמענפאלן פון די ווענטלאך
באשעדיקונג
קראנקהייטן פון דער געבער מוטער — — — 238
איינגעבאָרענע אבנאָרמאלקייטן

זייט

אבנאָרמאלע פּאָזיציעס
איינרייסונגען
אנצינדונג
קראנקהייטן פון די אייער שטאָקן — — — — — — — — 244
איינגעבאָרענע אבנאָרמאלקייטן
אנצינדונג
געשווילאכצן
קראנקהייטן פון די מוטער רערן — — — — — — — — — 247
אנצינדונג
קראנקהייטן פון די בריסט — — — — — — — — — — — — 249
איבערפילונג
אנצינדונג
געשווילאכצן

ווענערישע קראנקהייטן

שאַנקראָיד — — — — — — — — — — — — — — — — 254
גאָנאָריע — — — — — — — — — — — — — — — — 256
סיפילים — — — — — — — — — — — — — — — — — 264
די געפארן פון סיפילים
אימוניטעט
דער שאַנקער
קאָנסטיטוציאָנעלער סיפילים
פארשפעטיקטער סיפילים
דיאגנאָז
באהאנדלונג
פארהיטונג פון ווענערישע קראנקהייטן — — — — — — — — 281

געשלעכטלאכע אבנאָרמאַלקייטן

זייט

מאַסטורבאציע — — — — — — — — — — — — — 286
אָפּוועזנהייט פון געשלעכטס געפילן — — — — — — — 287
אבנאָרמאַל פארגרעסערטע תאוה — — — — — — — — 288
סאַדיזם — — — — — — — — — — — — — — — 290
מאַזאָכיזם — — — — — — — — — — — — — — 291
פעטישיזם — — — — — — — — — — — — — — 293
האָמאָסעקסואליזם — — — — — — — — — — — — 295
סאדאמי — — — — — — — — — — — — — — — 297
טערמינאָלאָגיע — — — — — — — — — — — — — 301
צעטל פון אילוסטראציעס — — — — — — — — — — 307
אָנצייגער פון געגנשטאנדן און נעמען — — — — — — 311

איינלייטונג

עם זיינען פאראן געגנשטאנדן וואָס זיינען אזוי איינפאך, כאָטש אזוי דרינגענד, אז מען נעמט אָן פאר איבעריק ווענן זיי צו ריידן אָדער שרייבן. אָבער דער געשלעכט געגנשטאנד איז שוין, צום ערשטן בליק, אזוי איינפאך און טאקע אזוי דרינגענד, אז ריידן און שרייבן איבער געשלעכט פראגן איז געווען פארבאָטן. און דאָס איז נאָך אלץ א האלב דערלויבטע אוממאָראלישע טאָט.

נאָך מער ניט פארשטאנען און מיסברויכט איז געווען דאָס גע־שלעכט לעבן פון דער פרוי. אין אנקלאנג מיט איר סאָציאלער, עקאָנאָמישער און פּאָליטישער לאגע זיינען אירע געשלעכט אינטערעסן, איר איינטייל אין געשלעכט לעבן, געוואָרן איגנאָרירט.

מען האָט זיך איינגערעדט, אז דער פרוים געשלעכט לעבן באַ־שטייט נאָר אין דינען דעם מאן פאר זיין תאוה ווענן, צו באדינען אים, צו געבוירן פאר אים און האָדעווען זיינע קינדער.

ערשט גאָר ניט לאנג צוריק האָט מען זיך ארומגעזען, אז די נקבה פון מענטשלאכן מין האָט אויך איר געשלעכט טריב ווי דער זכר, אז דער ווייבלאכער געשלעכט לעבן איז אזוי דרינגענד, אָזוי וויכטיק פאר איר ווי דאָס איז פאר אים און אפילו נאָך דרינגענדער און וויכטיקער.

די פרוי איז אנאטאָמיש און פיזיאלאָגיש, אין געבוי און פונקציע, מער געשלעכטלאך ווי דער מאן. זי פארמאָגט מער געשלעכט אָרגא־

נען. דאָס גאַנצע לעבן פון דער פרוי איז א קייט פון זיך איבער־חזר'נדיקע געשלעכט פונקציעס. די מענסטרואַציע פון די קינדער יאָרן אָן ביזן עלטער, און דאָס שוואַנגערן, האָבן און האָדעווען די קינדער, שוין אויסער דעם נאַטירלאַכן געשלעכט טריב, דעם נאַטירלאַכן דראַנג צום צווייטן געשלעכט. האַלטן אין איין דערמאָנען דער פרוי אירע געשלעכט באַדערפעניש, קאָנצענטרירן איר גאַנצן ווען אויף דאָס געשלעכט לעבן, באַפאַרבן איר גאַנצע וועלט, אַלץ וואָס זי הערט און זעט, וואָס זי דענקט און פילט, אַלץ וואָס זי האָט און גלוסט, געשלעכטלאַך, פאַרבינדן איר גאַנצן לעבן מיט געשלעכט אינטערעסן.

דאָס געשלעכט לעבן פון דער פרוי אונטערשיידט זיך פון דעם מאַנס אויך דערמיט וואָס עס איז פיינלאַך. צוזאַמען מיט די שמערצן פון אירע געשלעכט פונקציעס לויערן אויך אַרום איר די געפאַרן וואָס שטאַמען פון איר געשלעכט לעבן און פון די געשלעכט קראַנקהייטן וואָס טרעפן בא איר אָפטער און זיינען געפערלאַכער ווי בא'ם מאַן.

דאָס געשלעכט לעבן פון דער פרוי איז פול מיט ליידן און געפאַר. די ליידן און געפאַרן פון געשלעכט לעבן מוז קאָמפּענסירט ווערן. די באַלוינונג איז אויך אין דעם געשלעכט לעבן, אין דעם געשלעכט טריב, אין דער ליבע, פריינדשאַפט און איבערגעבנקייט פון איר צום מאַן, און מאַן צו איר, אין באַפרידיקן דעם מוטער אינסטינקט.

צו פאַרלייכטערן די שמערצן, פאַרקלענערן די געפאַרן, פאַרגרעסערן די פרייד און גליק פון דער פרוי זיינען די פאָלגענדע בלעטער געווידמעט.

אנאטאָמיע און פיזיאָלאָגיע פון די
ווייבלאכע געשלעכט אָרגאנען

די פארשיידנקייט פון ווייבלאכן און מאנלאכן קערפער

דער ווייבלאכער קערפער אונטערשיידט זיך אין פילע הינזיכטן פון דעם מאלנאכן, כאָטש ער איז געבויט אויף די זעלביקע יסודות.

דער ווייבלאכער קערפער איז, געוויינלאך, קלענער און איידע־לער. די דורכשניטלאכע פרוי איז נידעריקער אין וואוקס און וועגט ווייניקער פון דעם מאן. די איינצעלנע גלידער און טיילן, ווי דער גאנצער קערפער זיינען קלענער און שוואכער געבויט. איבערהויפט אונטערשיידן זיך די ביינער און מוסקולן פון דער פרוי פון די מענער־שע דורך זייער מאָס און שטארקייט. דער אונטערשייד איז ווייניק מערקזאם ביים געבורט. אָבער מיט דעם וואוקס פון קינד און, איבער־הויפט, מיט דער געשלעכטלאכער רייפקייט איז דער אונטערשייד א דייטלאכער.

דער אונטערשייד אין דער אויסערלאכער פאָרם פון קערפער, ווי דער אונטערשייד אין אייניקע גלידער איז פאראורזאכט דורך די ספעציעלע פונקציעס פון דער פרוי און איר אויפגאבע פון רעפּראָדוצי־רונג. אזוי זיינען אירע בריסט גרעסער פון די מענערשע, ווי אויך דער בעקן איז אנדערש פון דעם מענלאכן צוליב דעם אונטערשייד אין פונקציעס.

עס זיינען אויך דאָ קלענערע אונטערשיידן אין מאנלאכן און ווייבלאכן קערפער צוליב מער אָדער ווייניקער אויסערלאכע צושטאנדן, ווי דער אונטערשייד אין באשעפטיקונג, וואָס האָט א געוויסע ווירקונג אף דעם קערפערלאכן געבוי און קען אויך איבערגעגעבן ווערן בירושה פון עלטערן צו קינדער.

די באַשיצונג פון וויכטיקע אָרגאַנען.

דער ביינערנער טייל פון קערפּער, וואָס פאָרמירט דעם סקעלעט, מעג מען אָנרופן פונדאַמענט אָדער, ריכטיקער, די ראַם, אויף וועלכער עס זיינען אָנגעהאַנגען און אין וועלכער עס זיינען אָנגעטאָן די מוסקולן. דער סקעלעט מיט די מוסקולן פאַראייניקט דורך ליגאַמענטן פאָרמירן דעם גרעסטן טייל פון פיזישן קערפּער. אָנגעלענט און פאַרטיידיקט דורך די צוויי סיסטעמען, געפינען א פּלאַץ די אַלע איבעריקע אָרגאַנען און סיסטעמען. אזוי געפינט אַן אָרט דער מאָגן און די געדערים אין דעם קאַסטן געמאַכט פון דעם רוקן־ביין, ריפּן און מוסקולן פון רוקן און בויך. דאָרט געפינט זיך אויך אַן אָרט פאַר די נירן, לעבער און פיל אַנדערע אָרגאַנען. אַנדערע וויכטיקע אָרגאַנען געפינען פאַר זיך באַזונדערע באַשיצונגס־פּונקטן. למשל, די וויכטיקע צענטראַלע נערוון־סיסטעם איז איינגעשלאָסן אין אַ שטאַרקן ביינערנעם קאַסטן, וואָס פאָרמירט דעם קאָפּ און דער רוקן־ביין מארך איז באַשיצט אין דעם שמאָלן, אָבער שטאַרקן קאַנאַל פון רוקן־ביין.

אונטער די זעלבע באַדינגונגען געפינען זיך אויך די געשלעכטס־אָרגאַנען, הויפּטזעכלאַך די ווייבלאַכע, וועלכע געפינען זיך אונטער דעם שוץ פון דעם ביינערנעם בעקן. דאָרט געפינט זיך די געבער־מוטער, די אייער־שטאָקן מיט די אייער־רערן, וועלכע פאַראייניקן די אייער־שטאָקן מיט דער געבער־מוטער.

דער בעקן

אזוי רופט זיך דער אונטערשטער, ביינערנער טייל פון קערפּער, צוזאַמען מיט די מוסקולן, וואָס רינגלען אים ארום, ווייל ער האָט דעם אויסזען פון א שיסל, אָדער א בעקן. דער בעקן האַלט אונטער די אינוויינינקסטע אָרגאַנען, ווי די געדערים און די ווייבלאַכע אָרגאַנען, וואָס איז אמהעכסטן וויכטיק, הויפּטזעכלאַך אין דעם פּעריאָד פון שוואַנגערשאַפט. אין דער צייט פון שוואַנגערן פאַלט דאָס גאַנצע געוויכט פון דער פאַרגרעסערטער געבער־מוטער און פון דעם אַנטוויק־

לענדיקן קינד אַף דעם בעקן. דער בעקן באשטייט פון פיר באזונדערע ביינער, צוזאַמענגעבונדן דורך ליגאַמענטן. די צוויי לענדן-ביינער זיינען די גרעסטע אין דעם בעקן, און קומען זיך צוזאמען פון פאָרנט. פון הינטן, צווישן די צוויי לענדן-ביינער און אונטער דעם לעצטן ביינדל פון רוקן-ביין איז אריינגעזעצט, ווי א קלין, דער קרייץ-ביין. פון אונטער דעם קרייץ-ביין איז צוגעטשעפעט דאָס פערטע ביינדל, דאָס קלענסטע און דאָס אייניציקע, וואָס באוועגט זיך מער אָדער ווייניקער, לייכט, הויפּטזעכלאך, אין אנטבינדונג.

אי די לענדן-ביינער, אי דער קרייץ-ביין נעמען אָן אין דעם ווייבלאכן קערפּער אן עטוואָס אנדערע פאָרם, ווי אין דעם מענערשן. זיי זיינען פלאכער און ברייטער כדי צו געבן מער פּלאץ אין שוואנגערשאפט פארן קינד.



פיגור 1. דער בעקן

דעם בעקן, דעם ביינערנעם טייל, צוזאמען מיט די ווייכע טיילן, וואָס רינגלען אַרום די ביינער, קען מען צוטיילן אין צווייען : דעם אויבערשטן טייל, וועלכן מען רופט אָפּט — דער פאַלשער בעקן, כאָטש דער טייל האָט טאקע דאָס אויסזען פון א שיסל, ריכטיקער, פון א פלאכער לייקע, וועלכע האָט אָבער א קליינע ווירקונג אין דעם לעבן פון מענטשן, אויסער דעם, וואָס עס האַלט אונטער די געבער־מוטער און דאָס קינד אין שוואנגערשאפט, און דעם אונטערשטן חלק, וואָס מען רופט דער אמת'ער בעקן, וועלכער האָט א צילינדרישע פאָרם, אָבער וואָס איז באַדייטנד וויכטיק, ווייל צו דעם טייל זיינען צוגעטשעפּעט די מוסקולן פון דעם אונטערשטן טייל פון קערפּער, און אויך דער טייל פון בעקן גיט די פאָרם, שאפט דעם פורעם און די ווענדונג צו דעם געבורט־קאַנאַל.

פון דער גרויס און דער פאָרם פון דעם אונטערשטן טייל פון בעקן, דעם אזוי גערופענעם אמת'ן טייל פון בעקן, הייננגט אָפּ פיל דאָס נאָרמאלע אָדער אומנאָרמאלע געבורט.

די וואולוואַ, די אויסערלאַכע ווייבלאַכע געשלעכטס אָרגאַנען.

די אויסערלאַכע ווייבלאַכע געשלעכטס אָרגאַנען, אָדער וואולוואַ, באַשטייען פון דעם, אַזוי גערופענעם, מאָנס ווענערים, די גרויסע און קליינע ליפּן, דעם קליטאָרים און היימען.

מאָנס ווענערים

מאָנס ווענערים — דאָס איז דער טייל, וואָס ווערט צו דער צייט פון געשלעכטלאַכער רייפקייט באַדעקט מיט האָר פון פאָרנט און איבער דעם שאָם־ביין. אונטער דער הויט און איבער דעם שאָם־ביין געפינט זיך אַביסל פעטס־געוועב, וואָס מאַכט עס אויסזען, ווי אַ בערגל. פון דעם קומט דער נאָמען — מאָנס ווענערים — באַרג פון ליבע.

דער קליטאָרים

דער אָרגאַן איז ענלאַך אין בוי און פאָרם צו דעם מאַנלאַכן געשלעכטס אָרגאַן, אָבער איז פיל קלענער, קוים באַמערקבאַר. אין פאַלן ווען דער קליטאָרים איז גרעסער ווי געוויינלאַך, טרעפט מען די אַנדערע טיילן פון דער וואולוואַ אומאַנטוויקעלט און קליין. די אויסערלאַכע ענדערונג, דאָס קעפּל פון דעם אָרגאַן געפינט זיך אין פאָדערשטן טייל פון דער וואולוואַ, הינטער די גרויסע ליפּן און אַרומגערינגעלט פון די פאָדערשטע ענדערונגען פון די קליינע ליפּן. דאָס קעפּל פון דעם קליטאָרים איז זייער עמפּפינדלאַך צו יעדער אָנרירונג.

די גרויסע ליפּן

די גרויסע אויסערלאַכע ליפּן, ווי מען רופט זיי, קוקן אויס פאַרשיידן. זיי באַשטייען פון אינוויינינק פון בלוט־אָדערן, דריזן און פעטס־געוועב. פון דרויסן זיינען זיי באַדעקט מיט אַ ברוינלאַכער הויט, וואָס איז באַדעקט מיט אַ שטייפער האָר. פון דער אינערלאַכער זייט זיינען זיי גלאַט און פאַרמאָגן אַ צאַרטערע הויט.

די ליפּן קומען זיך צוזאַמען מיט זייערע ענדונגען און פאָרמירן זיך אין אַן עליפּס.

די קליינע ליפּן

ווען מען צעשפּרייט די גרויסע ליפּן, קען מען זען די קליינע ליפּן. זיי זיינען צוויי דרייעקיגע דינע שטיקער, וואָס קוקן אויס רויטלאַך און זיינען פייכט. פון פאָרנט, ארום דעם קליטאָרים קומען זיי זיך צעזאַמען, און פון הינטן — אָדער זיי פארשווינדן אין די גרויסע ליפּן, אָדער זיי קומען זיך צעזאַמען.

די קליינע ליפּן האָבן ניט קיין האָר אף זיך. אין זיי געפינען זיך פיל נערוון, וואָס מאכן זיי שטאַרק פילבאַר און רייצנד. די קליינע ליפּן נעמען אָן פארשיידענע פאָרמען און גרויס בא פארשיידענע פרויען. בא אייניקע ניט ציוויליזירטע פעלקער זיינען די קליינע ליפּן פיל פארגרעסערט, אזוי, אז זיי הענגען אריבער דער וואולוואַ. מען טרעפט זיי אויך פארגרעסערט גאַנץ אָפט בא איינצעלנע פערזאָנען אויך צווישן די ציוויליזירטע פעלקער.

דער היימען, דאָס בתולים הייטל

די עפענונג צו דער שייד געפינט זיך צווישן די קליינע ליפּן. איבער דער עפענונג איז אריבערגעצויגן א הייטל. דאָס הייטל אונטערשיידט זיך פיל אין פאָרם בא פארשיידענע פרויען. אממערסטן איז אין מיטן דעם הייטל פאראַן אַן עפענונג. די עפענונג איז פון פארשיידענער גרויס און פאָרם בא פארשיידענע פערזאָנען. די עפענונג קען זיין די גרויס פון א קעפּל פון א שפּילקע, אָדער זיין אזוי גרויס, אז דאָס הייטל זאָל ניט באמערקט זיין. עס טרעפן אויך פאַלן אז די עפענונג זאָל אינגאנצן אָפּוועזנד זיין. אין אזוינע פאַלן ווערט די מאָנאַטלאַכע בלוטונג פארהאַלטן.

דאָס הייטל אונטערשיידט זיך אויך אין שטאַרקייט און אין גרעב. אייניקע זיינען דין און רייסן זיך אָדער צוציען זיך לייכט, און אנדערע, פארקערט, זיינען דיק, לאָזן זיך שווער רייסן אָדער צוציען און גיבן פיל שמערצן בא דעם ערשטן פארקער. עס טרעפן פאַלן ווען

א כירורגישע אָפּעראַציע איז נויטיק דורכצורייסן דאָס הייטל.

עס איז אָנגענומען, אז באַם ערשטן פאַרקער, ווען דאָס הייטל ווערט צעריסן, מוז זיך באַווייזן בלוט. באַ די אידן און אויך באַ אַנדערע פעלקער, ווען באַם ערשטן פאַרקער נאָך דער חתונה באַווייזט זיך ניט קיין בלוט, פאַרדעכטיקט מען די יונגע פרוי אין אומאָרנטלאכקייט. דאָס איז אָבער אַן אבערגלויבעניש באַגרינדעט אַף דער תורה, אַז דער פאַרלוסט פון מיידלשאַפט איז באַגלייט מיט א פאַרלוסט פון בלוט.

אין מערסטע פאַלן ווערט דאָס הייטל איינגעריסן באַם ערשטן פאַרקער. אָפט ווערט עס צעריסן נאָך פריער. אָבער אינגאַנצן ווערט עס צעריסן דאָס רוב נאָר נאָך דעם ערשטן קינדס געבורט. דער ערשטער פאַרקער איז דארום גאַנץ אָפט בלוטלאָז, כאָטש עס זיינען אויך דאָ פאַלן פון געפערלאכע בלוטשטורצן מיט דער צושטערונג פון דעם הייטל באַם ערשטן פאַרקער.

די אינערלאכע געשלעכטס אָרגאַנען

די שייד, די מוטערגאַנג, די וואַגינאַ

די שייד איז ענלאך צו א רער מיט די ווענטלאך צוזאַמענגעפאַלן, אָבער וואָס קענען זיך צעציען זייער ברייט, ווען עס קומט א נויטווענדיקייט, ווי אין דער צייט פון אָנטבינדונג. די לענג פון דעם אָרגאַן ציט זיך פון דער וואולוואַ ביז דער געבער־מוטער, דער האלז פון וועלכער גייט אריין אין אָט דעם אָרגאַן. דער וואַסער פענכער איז פון פאָרנט און דאָס רעקטום פון הינטן פון דער שייד.

דער גליד האָט דריי באַדייטענדע פונקציעס: ערשטנס איז דאָס דער קאַנאַל, דורך וועלכן די סעקרעציעס פון דער געבער־מוטער און דער מאָנאַטלאַכער אויספלוס גייט ארויס; צווייטנס, איז עס דער ווייבלאכער גליד פארן געשלעכטס פאַרקער, און, דריטנס, איז עס א טייל פון דעם געבורטס קאַנאַל.

די געבער־מוטער

די געבער־מוטער האָט די פאָרם פון אַ באַר מיט איר שמאָלן טייל, וואָס מען רופט — דעם האַלז, אַריינגייענדיק אין דער מוטער־שייד (וואַגינאַ), זי איז אינווייניק ליידיק און האָט דריי עפענונגען. אין דעם שפּיץ פון דעם שמאָלן טייל, וואָס פירט פון וואַגינאַ אין דער געבער־מוטער, איז די עפענונג, וועלכע פאַנגט אָן דעם קאַנאַל דורך דער געבער־מוטערס האַלז און וואָס פירט צום מיטן פון אָט דעם אָרגאַן. די אַנדערע צוויי עפענונגען געפינען זיך בּאַ די זייטן פון דעם גרעבערן טייל פון דעם קערפּער פון דער געבער־מוטער, וואָס פירן צו די מוטער־רערן. די עפענונגען זיינען אין די ווינקלען פון אַ דריי־עק, וואָס פאָרמירט זיך אינווייניק פון דער געבער־מוטער.

דער אָרגאַן איז בלויז פון 5 ביז 7½ סענטימעטער אין דער לענג, אַרום 5 סענטימעטער אין דער ברייט און אַרום 2—3 סענטימעטער דיק. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, ווען דער אָרגאַן איז ניט אין שוואַנגערן צושטאַנד, און ווען ער איז אין פולן געזונט (ניט פּאַטאָלאָגיש). אין דער צייט פון שוואַנגערשאַפט קען זיך די געבער־מוטער פאַרגרעסערן 300 מאָל פון איר געוויינלאַכער גרויס. כדי דאָס צו מאַכן מעגלאַך איז די געבער־מוטער צוזאַמענגעשטעלט פון דריי פאַכן מוסקולן. אין יעדן פאַך זיינען די קליינע מוסקולן אַנדערש געפלאָכטן, אַזוי, אַז דאָס גיט דעם אָרגאַן אַ שטאַרקייט און אַ הויכן גראַד עלאַסטישקייט.

די געבער־מוטער האַלט זיך אין פּלאַץ דורך ליגאַמענטן, וועלכע בינדן זי פון אַלע זייטן. פון פאָרנט איז די געבער־מוטער צוגעבונדן צום אורין־פּענכער, פון הינטן — צום קרייץ־ביין און פון ביידע זייטן, פון די ווינקלען, ציען זיך בענדער צו די זייטן פון דעם בעקן און בויך. אָט די באַפעסטיקונגען גיבן דער געבער־מוטער אַ מעגלאַכקייט צו באַוועגן זיך פריי מיט די פאַרשיידענע פּאָזיציעס פון קערפּער און אין פאַרהעלטנים מיטן צושטאַנד פון די אַרומיקע אָרגאַנען. אַזוי, צום ביישפּיל, ווען דאָס רעקטום איז פול, ווערט דער אָרגאַן אָפּגעשפּאַרט פאָרויס, און ווען דער אורין־פּענכער איז פול — ווערט

די געבער־מוטער אָפּגעבויגן אַף הינטן. נאַטירלאַכערוויז, געפינט זיך דער אייבערשטער, דיקער טייל, פון דער געבער־מוטער אָנגעלענט פאָרויס און דער אונטערשטער טייל, דער האלז, איז געווענדט אַף הינטער.

די מאָנאַטלאַכע בלוטונג, די מענסטרואַציע, קומט פון אָט דעם אָרגאַן.

די געבער־מוטער איז דער פלאַץ, וואו דער פעטוס (קינד) אנטוויקעלט זיך און געפינט זיך ביזן געבורט.

די מוטער־רערן, איי קאַנאַלן

די מוטער־רערן זיינען צוויי שמאָלע רערן פון רעכטס און לינקס פון דער געבער־מוטער. זיי גייען אַרויס פון די זייטן פון דער געבער־מוטער און ציען זיך צו די אָווארים. די רערן זיינען ארום צען סענטימעטער לאַנג. אין דעם פלאַץ, וואו די רער פאַראייניקט זיך מיט דער געבער־מוטער, איז די עפענונג נאָר גרויס גענוג אַף אַריינלאָזן אַ האָר. אַף דער אנדערער ענד פון דער רער לעבן דער אָווארי איז די עפענונג אביסל ברייטער. פון דער ענד פון דער רער צעשפּרייטן זיך פרענזלאַך וועלכע האָבן די אויפגאבע צו פאַרלייכטערן דאָס אַריינקומען פון די אייעלאַך אין דער מוטער־רער.

די אייער־שטאָק, די אָווארים

דאָס זיינען די אָרגאַנען וואָס אַנטהאַלטן אין זיך דעם ווייבלאַכן עלעמענט — די אייעלאַך — וואָס נעמען איינטייל אין מענטשלאַכער רעפּראָדוקציע. די אייער־שטאָקן זיינען צוויי פלאַכע מאנדל־פאָרמיקע קערפּערס און געפינען זיך בא די זייטן פון דער געבער־מוטער. אין געבוי באשטייט דער אייער־שטאָק פון פאַרשיידענע געוועבן און בלוט־אָדערן.

די פונקציע פון די אייער־שטאָקן איז צו אנטוויקלען די אייעלאַך און זיי ארויסוואַרפן פון זיך, ווען זיי ווערן צייטיק, כדי זיי זאָלן קענען דערנאָך באַפרוכפּערט ווערן פון דעם מאנלאַכן עלעמענט — די ספּערמאַטאָזאָא. דאָס איז זייער הויפּט אויפגאַבע. די אייער־

שטאָקן האָבן אָבער אויך אנדערע פונקציעס. זיי האָבן א ווירקונג אויף דער גאַנצער אַנטוויקלונג פון פרויען קערפּער. ווען די אוואַרים ווערן צעשטערט אין דער יוגנט נעמט דער פרויען קערפּער אָן די כאַראַקטער־ריסטיק פון מאַנלאַכן. די פאַרענדערונגען אין דער וואַקסענדער מיידל בײַ דער צייט פון איר רייפקייט קומען פאָר א דאַנק דעם אויספלוס פון די אייער־שטאָקן. די ענדערונגען אין דער פרוי ווען זי עלטערט זיך קומען פאָר צוליב דעם, וואָס די סעקריציע פון די אָוואַרים פאַרקלענערט זיך. די אָוואַרים האָבן א ווירקונג אויף דער מענסטרואַציע און דאָס לעצטע ווערט פאַרלאָרן ווען די אָוואַרים ווערן אַרויסגענומען.

דאָס אייעלע, די אָוואום

דאָס מענטשלאַכע אייעלע, אָדער אָוואום, איז זייער קליין, אַזוי אַז מיט דעם נאַקעטן אויג זעט עס אויס ווי א קליין פּינטעלע, כאָטש עס איז די גרעסטע צעל אין קערפּער. עס קוקט אויס ווי א גע־ווײַנלאַכע לעבעדיקע צעל, און אַזוי איז עס טאַקע אין געבוי.

די היים פון די אייעלאַך זיינען די אייער־שטאָקן. יעדעס אייעלע געפינט זיך אין א באַזונדער זעקעלע, באַקאַנט אַלס „די צעל פון גראַאף". ניט צייטיקע, ניט אַנטוויקלטע אייעלאַך געפינען זיך אין די צענדליקע טויזנטער אין די אָוואַרים פון נאָך אומגעבאָרענע קינדער.

די אייעלאַך ווערן אַרויסגעוואָרפן פון די אָוואַרים דורך דער פאַרגרעסערונג און פּלאַצן פון א גראַאף צעל, וואָס געפינט זיך אויף דער אויבערפלאַך פון אן אָוואַרי. דער פּראָצעס קומט פאָר מאָנאַטלאַך אַרום דעם מיטן פון צוויי מענסטרואַציעס. די אָוואום ווען עס ווערט אַרויסגעוואָרפן פון דער אָוואַרי געפינט איר וועג צו די רערן, וואו עס דערוואַרט איר באַפרוכפּערונג.

אויב די אָוואום ווערט דאָ ניט באַפרוכפּערט ווערט זי אומ־פאַרענדערט אַרויסגעוואָרפן. אָבער אויב די אָוואום ווערט יאָ באַ־פרוכפּערט אין די רערן אָדער אין דער געבער־מוטער פאַרבלייבט זי אין פּלאַץ און אַנטוויקעלט זיך אין א נייעם וועזן.



פיגור 2. די אינערליכע ווייבליכע געשלעכט אָרגאנען

1. די שייד; 2. די געבער מוטער; 3. די געבער מוטער פון אינווייניק;
4. דער קערפּער פון דער געבער מוטער; 5. די מוטער רערן;
6. די פרענזלדיקע ענדונגען פון די רערן; 7. די אוואריס;
8. ליגאמענטן.

פיגור 3. די אָרגאַנען אין ווייבלאַכן בעקן. געזען אין א מיטן שניט אין דער לענג

די געבער מוטער אביסל געבויגן איז צו זען אין מיטן בילד און געפינט זיך צום ענד פון דער שייד און איבער דעם אורין פענכער. איבער דער געבער מוטער איז צו זען אן אייער שטאַק, און איבער דעם ווי א געבויגן טרייבל איז א מוטער רער.



פיגור 4. דאָס מענטשלאכע איי

די ווייבלאַכע בריסט

די בריסט זיינען צוויי דריזן, וואָס זיינען אַ טייל פון דער רעפּראָדוקציאָנס סיסטעם. זייער הויפּט אויפגאַבע איז די סעקרעציע פון מילך. זיי האָבן אָבער אויך אנדערע, ווינציקער וויכטיקע פונקציעס.

יעדע ברוסט באדעקט אַ העלפט פון ברוסט־קאַסטן, פון דער צווייטער ביז דער זעקסטער ריפּ. זייער גרויס און וואָג ענדערט זיך בא פאַרשיידענע פרויען און בא דער זעלבער פרוי אין פאַרשיידענע פּעריאָדן פון איר לעבן. בעפאָר דער געשלעכטלאַכער רייפקייט זיינען די בריסט ניט אַנטוויקלט און זיינען קליין. די בריסט פאַרגרעסערן זיך מיט דעם אָנקום פון פּובערטום (רייפקייט) און ווערן נאָך גרעסער אין שוואַנגערשאַפט און נאָכן געבורט פון אַ קינד. אויף דער עלטער ווערן די בריסט אַטראַפירט. די לינקע ברוסט איז געוויינלאַך אַביסל גרעסער פון דער רעכטער.

די קיילאַכדיקע פאָרם פון די בריסט איז צוליב די באַזונדערע טיילן, די לעפּל, וואָס זיינען אויסגעלייגט אין אַ קרייז שטראַלוויז. די לעפּל זיינען פון פופצען ביז פיר־און־צוואַנציק, און צווישן יעדן לעפּל געפינט זיך אַ ווענטל פון פעטס און פילע אָדערן. יעדער לעפּל באַשטייט פון אייניקע קלענערע לעפעלאַך, וועלכע זיינען אויך פאָרמירט פון נאָך קלענערע טיילן, די אציני, וואָס מיינט אין לאַטיין ווייַנטרויבן, ווייל זיי זיינען ענלאַך צו ווייַנטרויבן. פון די טרויבן קומט די מילך, וואָס פליסט אין די קלענערע לעפעלאַך און פון דאַנען — אין לעפּל. יעדער לעפּל האָט אַ באַזונדער קאַנאַל, וואָס פירט צום ניפּל, דורך וואַנען די מילך גייט ארויס.

דער ניפּל האָט אַזוי פיל עפענונגען וויפיל לעפּלס די ברוסט האָט. באַם זויגן גייט די מילך פון יעדער עפענונג.



פיגור 5. די ברוסט

ארום ניפּל געפינט זיך אַ קאָלירט רעדל. באַ מיידלאַך איז דאָס רעדל רויטלאַך, אָבער באַם ערשטן שוואַנגערן ווערט עס טונקעלער און איז מער ברוין און באַ ברונעטקעס — שוואַרצלאַך. באַ די טונקע־לערע ראַסן ווערט דאָס רעדל שוואַרץ ווי קויל. די קויל־שוואַרצקייט פון ניפּל און רעדל אַרום ניפּל איז צו טרעפן ניט נאָר באַ די פרויען פון דער נעגערשער ראַסע, נאָר אויך באַ די האַלב־שוואַרצע און טונקע־לע, ווי די אינדיאַנער און מעקסיקאַנער פרויען.

אין שוואַנגערשאַפט און אין די ערשטע צוויי טעג פון קינפּעט קען מען ארויסקוועטשן פון די בריסט אַ פליסיקייט, וואָס מען רופט קאָלאַסטרום, וואָס איז ענלאַך צו מילך. אפן דריטן־פערטן טאָג פון קינפּעט פאַנגט אָן צו פליסן מילך פון די בריסט.

פובערטום — געשלעכטלאכע רייפקייט

פובערטום איז די צייט אין דעם מענטשנס לעבן, אין דער פרויס ווי אויך אין מאנס לעבן, ווען מען ווערט רייף געשלעכטלאך. דאָס דריקט זיך אויס אין פילע פיזישע און גייסטיקע ענדערונגען אין דער פרוי.

די געשלעכטלאכע רייפקייט, וואָס דריקט זיך אויס אין כאראַקטעריסטישע פאר דעם געשלעכט אייגנשאפטן באווייזט זיך ניט מיט אמאָל, נאָר אנטוויקלט זיך לאנגזאם, פון געבורט אָן.

באַם געבורט אונטערשיידן זיך די קינדער פוןביידע געשלעכטן זייער ווינציק. דאָס ניי־געבאָרענע מיידעלע אונטערשיידט זיך פון דעם ניי־געבאָרן אינגעל מיט דעם, וואָס איר בעקן האָט די פרויען כאראַקטעריסטיק — גרעסער און פלאכער, איר קעפל איז אויך קלע־נער און ווייכער, און דאָס ניי געבאָרן מיידעל וועגט עטוואָס ווינציקער דורכשניטלאך ווי דער אינגעל.

ביסלאכווייז, אין די ערשטע יאָרן פון לעבן, פאנגען זיך אָן ארויסצואווייזן די ווייבלאכע שטריכן. דער גאנג פון דער מיידעל, איר קול, איר האלטן זיך און אויסזען, איר פיזישע און גייסטיקע אנט־וויקלונג אונטערשיידן זיך פון דעם אינגל. געשלעכטלאך זיינען די אונטערשיידן ווינציקער מערקזאם ביז ארום אכט צו צען יאָר אין דער נקבה, ווען מען קען באמערקן דעם אָנפאנג פון ענדערונגען.

ביסלאכווייז נעמט דער קערפער אָן נייע גראציעזע פאָרמען אין דעם מיידל. די בריסטן פילן זיך אָן און ווערן גרעסער. דער בעקן צושפרייט זיך. די ארעמס און פיס פילן זיך אויס מיט פעט און אזוי אויך דער גאנצער קערפער, וואָס גיט דעם מיידלס קערפער נייע ליניען, א שיינקייט פיל באזונגען אין ליד, פארב און קליי.

און ווי דאָס מיידל וואָלט זיך איבערגענומען מיט איר נייער שיינקייט, ווערן אירע באוועגונגען שטאָלצער און שענער און דאָס מיידל ווערט נאָך שענער, גראציעזער.

די אויסערלאַכע געשלעכטס אָרגאַנען ווערן גרעסער און טונ־קעלער. האָר באוואקסט די אויסערלאַכע געשלעכטס אָרגאַנען און אונטער די ארעמס.

גייסטיק קומט אויך פאָר א גרויסע ענדערונג אין די יאָרן. דאָס מיידל הערט אויף צו דענקען קינדיש. זי פילט דעם איבערבייט אין איר לעבן. זי פילט נייע ווענדונגען אין איר, נייע שטרעבונגען. זי ווערט מער באשיידן. זי פילט א צוציאונג צום מענלאַכן געשלעכט און פילט און באמערקט אף זיך דעם בליק פון מענער און אויך באמערקט זי זיי אָפטער.

אין דערזעלבער צייט באווייזן זיך אייניקע שוואכקייטן. דאָס מיידל לאַכט און וויינט, ווערט פריילאַך און מעלאַנכאָליש אָן גענוגענ־דע אורזאכן און אין שנעלן איבערגאנג. היסטעריע איז אן אָפטע ערשיינונג אין די איבערגאַנגס יאָרן.

אין דעם פעריאָד פון דעם מיידלס יאָרן איז וויכטיק דאָס מיידל צו באַאָבאכטן און אָפהיטן פון צופיל גייסטיקער אָנשטרענגונג, פון צו שטאַרקער און אָפטע עמאָציאָנעלער אויפרעגונג. אלגעמיינע היגיענע מוז אָפגעהיט ווערן, און פיזישע באשעפטיקונג, ספאָרטס א. ד. ג. פאַרגעצויגן צו אינטעלעקטועלע און נערוועך־אָנשטרענגענדע באשעפטיקונג.

אויך גייען אָן ענדערונגען אין די אינערלאַכע געשלעכטס־אָרגאַנען. אין דער שייד, דער געבער־מוטער, די אָווארים און אין אנדערע דריזן גייט אָן א שנעלע אַנטוויקלונג אָוואולאציע, דאָס ארויסגעבן פון אָווא, פאנגט זיך אָן און די פרוי איז פעאיק צו רעפראָדוצירען, אָבער דאָך ניט פאסיק צו האָבן קינדער.

דאָס מיידל ווערט איבערראשט מיט א נייער ערשיינונג — די מאָנאטלאַכע, דער וויכטיקסטער סימן פון אָנקום פון פובערטוס, פון געשלעכטלאַכער רייפקייט.

קלימאַקטאָריום

יעדער לעבעדיקער וועזן גייט דורך דריי פיזיאָלאָגישע שטופן אין דעם פעריאָד פון נאָרמאַלן לעבן. די ערשטע שטופע איז דער פעריאָד פון וואַקסן און אַנטוויקלען זיך. דער צווייטער — די צייט פון אַקטיוון לעבן, פון פאָלקאָמער פיזישער רייפקייט. און דער לעצטער פעריאָד — די צייט פון אונטערגאַנג, עלטערן זיך, אָפּשטאַרבן.

ווי די לענג פון דעם לעבן פון פאַרשיידענע מינים באַשעפענישן אונטערשיידט זיך, אַזוי אויך אונטערשיידן זיך פּראָפּאָרציאָנעל די דריי שטופן בא פאַרשיידענע מינים באַשעפענישן. אין דעם מענטשלאַכן מין זיינען די דריי פעריאָדן צוטיילט אין ניט גלייכע טיילן, פון וועלכע דער מיטלסטער איז, גליקלאַכערווייז, דער לענגסטער, אומגעפער פינף־און־דרייסיק יאָר.

די נאַטור האָט אויסגעקליבן פאַר דעם צוועק אויפצוהאַלטן דאָס לעבן אַף דער וועלט, פאַר אויפהאַלטן דעם מין די גינסטיקע צייט פון פיזישער רייפקייט און אַקטיוויטעט, אָן צווייפעל ,די בעסטע צייט פון לעבן.

בא מענטשן איז די צוטיילונג מער מערקזאַם בא דער פרוי און איז באַצייכנט מיט צוויי פיזיאָלאָגישע דערשיינונגען — דאָס באַווייזן זיך אין אָנפאַנג פון דער מענסטרואַציע און דאָס פאַרשווינדן פון אָט דער דערשיינונג.

דער פעריאָד פון פאַרשווינדן פון דער פעריאָדישער דערשיינונג פון דער מענסטרואַציע איז באַוואוסט אַלס דאָס קלימאַקטאָריום, דאָס מאַכט אַ מערקזאַמען איבערבייט אין לעבן פון דער פרוי. עס איז דער סוף פון אַקטיוון סעקסואַלן לעבן, דער סוף פון דער פייאיקייט פון רעפּראָדוצירן, די פעאיקייט פון געבערן. זעלטן ווען אַ פרוי פאַר־לירט איר מאָנאַטלאַכע מיט אַמאָל, עס זיינען דאָ ווינציק אַזוינע גליקלאַכע פרויען. דאָס רוב דויערט דער פעריאָד פון קלימאַקטאָריום אייניקע יאָר, אין דורכשניט צוויי און אַ האַלב. געוויינלאַך פאַר־שווינדט די מענסטרואַציע ביסלאַכווייז, יעדן מאָנאַט ווייניצקער ביז עס באַווייזט זיך אינגאַנצן ניט, אָדער פאַרשווינדט פאַר אַ צייט, קומט

צוריק איבער'חזר'נדיק זיך אייניקע מאָל ביז עס באַווייזט זיך מער ניט.

אייניקע פרויען פאַנגען אָן דעם קלימאַקטאָריום מיט אומ־רעגולאַרע מאָנאַטלאַכע. דאָס בלוטיקן קומט אָן ניט רעגעלמעסיק און דויערט אַן אונבאַשטימטע צייט. עס טרעפט אויך, אַז דאָס בלוטיקן פאַרגרעסערט זיך אין דעם פּעריאָד. אין די פאַלן איז נויטיק צו אונטערזוכן די פרוי גרינדלאַך, כדי צו פאַרמיידן בלוטיקונג צוליב אַנדערע אורזאַכן.

דאָס קלימאַקטאָריום פאַנגט זיך אָן אַרום דעם עלטער פון פינף־און־פערציק ביז פופציק יאָר. בא פאַרשיידענע ראַסן אונטער פאַרשיידענע באַדינגונגען פון לעבן און קלימאַט איז די צייט פון קלי־מאַקטאָריום פאַרשיידן. אין אַלגעמיין איז צו באַמערקן, אַז די פרויען וואָס פאַנגען אָן מענסטרואירן שפּעטער, פאַרלירן די מענסטרו־אַציע אויך שפּעטער. די אידישע פרוי, אין דורכשניט, גייט דורך דעם בייט אין לעבן אינגער.

פאַרשיידענע אומשטאַנדן קענען פאַרשנעלערן אָדער פאַר־לענגערן דאָס אָנקומען פון קלימאַקטאָריום. עס טרעפן פאַלן פון אַי־בערבייט צו דרייסיק יאָר. די אורזאַכן פון אַזאַ צו פריען פאַרלירן פון די מאָנאַטלאַכע קען זיין אַ גרויסע נערוועזע אויפטרייסלונג, קראַנק־הייט, קראַנקע אָוואַרים, אַ כראָנישע קראַנקהייט פון דער געבער־מוטער און אירע צוגעבענע גלידער, און אויך שנעלער פעט ווערן.

אַ פריער איבערבייט (קלימאַקט) קומט אויך פאָר בא די, וואָס האָבן קיינמאָל ניט געהאַט קיין געשלעכטס פאַרקער. עס קומט פריער בא פעטע פרויען; און אויך איז צו באַמערקן אַז בלאָנדע פרויען גייען דורך דעם איבערבייט פריער ווי ברונעטקעס.

אין פילע פאַלן פון פריען קלימאַקטאָריום איז אונמעגלאַך צו געפינען די אורזאַכע. אין אייניקע פאַלן קען מען עס צושרייבן צו ירושה.

אויך איז צו באַמערקן, אַז אַ פאַרשפּעטיקטער קלימאַקטאָריום איז איבערגעגעבן בירושה. שוואַנגערשאַפט, געשווילאַכצן פון דער גע־בער־מוטער און אייניקע אַנדערע צושטאַנדן קענען פאַרלענגערן דאָס אָנקומען פון קלימאַקטאָריום.

דאָס קלימאַקטאָריום איז א קריטישער פעריאָד אין דער פרויס לעבן. דאָס אָנקומען פון דעם פיזיאָלאָגישן פראָצעס איז באַגלייט מיט פילע אבנאָרמאַלע, קרענקלאַכע דערשיינונגען. צו פארהיטן זיך פון דעם, מוז די פרוי זיך איינאָרדענען אונטער די בעסטע היגיענישע באַדינגונגען, אויסמיידן יעדן סאָרט אויפרעגונג און זאָרג, רוען גענוג און האָבן גענוג פיזישע איבונגען אף דער פרייער לופט. די שפייז פון דער פרוי דאַרף אויך זיין געקליבן און זיכער ניט צופיל.

מיט דעם באַווייזן זיך פון אומגעווינשטע סימפטאָמען מוז אָבער ניט געמאַכט ווערן קיין צו האַסטיקער באַשלוס, אז דאָס איז א רעזול־טאַט פון איבערבייט פון לעבן, נאָר מען מוז פריער אויסשליסן אַנדערע מעגלאַכע פאַטאָלאָגישע דערשיינונגען. די באַהאַנדלונג אין קלימאַק־טאָריום, אין דער אבוועזנהייט פון אנדערע פאַטאָלאָגישע צושטאַנדן, באַשטייט פון ברענגען דעם פאַציענט אונטער די בעסטע היגיענישע באַדינגונגען, מיט א באַהאַנדלונג פון די סימפטאָמען.

די מאָנאַטלאַכע, מענסטרואַציע, די צייט, רעגל

אונטער די טערמינען פארשטייט מען די פעריאָדישע דערשיינונג, פון א בלוט אויספלוס פון די געשלעכט אָרגאַנען, געוועגלאך באַגלייט מיט א קראַנקהאַפטן צושטאַנד, נערוועזיטעט און ווייטיקן. די ערשיינונג חזר'ט זיך איבער יעדע פיר וואָכן, מיט קליינע וואַריאַציעס און מיט דער אויסנאַמע פון דער צייט פון שוואַנגערשאַפט, דער צייט פון זויגן א קינד, און אָפט נאָר א טייל פון זויג־צייט.

די ערשטע מענסטרואַציע איז דער וויכטיקסטער סימן פון רייפקייט, וואָס קומט פאָר דאָס רוב אין די יאָרן פון דרייצן ביז זיבעצן, און די מאָנאַטלאַכע האַלטן אָן ביז אין מיטן די פערציקער יאָרן, וואָס מען קען אָנרופן דעם פעריאָד פון פרוכטבאַרקייט.

די צייט פון אָנפאַנג פון די מאָנאַטלאַכע איז פריער אין א וואַרעמען קלימאַט ווי אין א קאַלטן, בא אינגערע מיידלאך פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג, און אביסל עלטערע בא דאָרפישע. פאַר־שיידענע ראַסן אונטערשיידן זיך מיט דער צייט פון דער דערשיינונג פון די מענסטרואַציאָנס פעריאָדן. אידישע מיידלאך קריגן עס פאַר־העלטניסמעסיק פרי, ארום דרייצן.

עס זיינען אויך דאָ אויסנאַם־פאַלן פון זייער פריער ערשיינונג פון די מאָנאַטלאַכע, אפילו אין די גאָר יונגע קינדער יאָרן.

אמאָל קען מען אויך זעען א בלוט־אויספלוס בא נייי־געבאָרענע מיידעלאך. דאָס האַלט אָן נאָר אייניקע טעג, און מען דאַרף דאָס ניט אָננעמען, אלץ א מענסטרואַציאָנעלע בלוטונג.

מיט דעם סוף פון די מאָנאַטלאַכע קומט דער סוף פון דער רע־פּראָדוקציאָנס פעאיקייט. דאָס איז דאָס רוב ארום פינף־און־פערציק. עס טרעפן אָבער אויך פאַלן, ווען פרויען פאַרלירן די צייט פיל אינגער. אין זעלטענע פאַלן טרעפט עס ארום אכט־און־צוואַנציק און דרייסיק יאָר. פאַרקערט, עס זיינען אויך דאָ פילע פרויען, וואָס האַלטן אָן זייער פעאיקייט צו געבוירן קינדער פיל שפּעטער. עס איז באַוואוסט א פאַל, ווען א פרוי האָט געבוירן איר צוויי־און־צוואַנציקסטע קינד צו דריי־און זעכציק יאָר און האָט נאָך דעם אויך מענסטרואירט.

דער מענסטרואַציאָנס פּעריאָד דויערט פון (3־5) דריי ביז פינף טעג. אייניקע פרויען פילן דעם אָנקום פון דער צייט. זיי פאַנגען אָן פילן ניט אמבעסטן; קריגן ווייטאָקן אין בויך, אין רוקן, קאָפּ־ווייטיק. אָפט באַווייזט זיך פאַראויס אַ ווייסער אויספלוס און ביסלאַכווייז נעמט עס אָן אַ בלוט־קאָליר.

דאָס בלוט וואָס קומט אין דער צייט פון די רעגלען איז דורכגע־מישט מיט אנדערע סעקריציעס פון די דריזן פון דער געבער־מוטער און שייד, וואָס דערלאָזט ניט די מענסטרואירנדע בלוטן גליווערן, ווי גע־וועגלאך בלוט.

די שליים־הויט פון דער געבער־מוטער גיט אַרויס דאָס בלוט אין דיזע פּעריאָדן. אייניקע טעג פאַר דער צייט ווערט די הויט צו־זאַמען מיט די דריזן אין איר אָנגעשוואָלן, צוגעגרייט פאַר אָט דעם פּראָצעס.

פילע טעאָריעס זיינען געשאַפן געוואָרן צו באַלייכטן די אורזאַכן פון די מאָנאַטלאַכע. אין דער אמתן אָבער ווייס מען נאָך ניט די אורזאַך פון דער ערשיינונג. עס ווייזט אויס, אַז די געבער־מוטער ווערט צוגעגרייט יעדן מאָנאַט אויפצונעמען אַ באַפרוכפּערטע אייעלע, און ווען דאָס טרעפט ניט, ערשיינט די מענסטרואַציע.

היגיענע פון די מאָנאַטלאַכע

מענסטרואַציע איז אַ פיזיאָלאָגישער פּראָצעס. זעלטן, ווען נאַ־טור באַשאַפט אַ לעבעדיקן וועזן צו ליידן פון אַ פיזיאָלאָגישן פּראָצעס. די מערסטע פרויען, און הויפּטזעכלאך צווישן די ניט הויך־ציוויליזירטע פעלקער, ליידן ווינציק אָדער גאָר ניט אין די מאָנאַטלאַכע פּעריאָדן. אנדערש איז אָבער מיט דער פרוי פון ציוויליזירטע פעלקער, אונזער אַי־דישע פרוי אריינגערעכנט. דאָך זיינען צווישן אונזערע פרויען דאָ פילע באַ וועמען די מאָנאַטלאַכע גייען דורך אונבאַמערקט. דאָס זיינען דאָס רוב אַזוינע, וואָס פירן אַ געזונטן אַקטיוון לעבן.

זיכער איז די פרוי ניט באַשאַפן געוואָרן צו קרענקען יעדן מאָנאַט, נאָר עס איז מער אָדער ווינציקער אַ פּאַטאָלאָגישע ערשיינונג,

א דאנק ערוואָרבענע, אזוי־צו־זאָגען, ראסן כאראקטעריסטיק, דער־וואָרבן דורך יאָרן און דורות פון א לעבן ווייט פון די בעסטע היגיענישע באדינגונגען, סאָציאלן און סעקסואלן פארקער.

כדי צו פארמינדערן די רעזולטאטן פון די היגיענישע, סאָציאלע און סעקסואלע דעפעקטן וואָלט זיכער געווען אמבעסטן צו רעפאָרמירן אונזער היגיענישן צושטאנד, פארענדערן אונזערע סאָציאלע באציאונ־גונגען און שאפן א נייעם באגריף אין באצוג צו געשלעכטס־פראגן. מיר וועלן זיך אָבער אָפּשטעלן נאָר אף די מיטלען וואָס קענען פארהיטן און פארלייכטערן די שמערצן פון דער פרוי דעם גרעסטן טייל פון איר לעבן.

נאָך פון קינדהייט אָן מוז דאָס מיידעלע באהאנדלט ווערן אזוי, אז איר נאָרמאלע פיזישע אנטוויקלונג זאָל אָנגיין אונגעשטערט און נאָך מער — איר פיזישע אנטוויקלונג זאָל סטימולירט ווערן.

די קליידונג פון דער מיידל זאָל שטענדיק זיין גראם אזוי אז עס זאָל איר ניט שטערן פריי צו באוועגן זיך. וואָס ווינציקער דאָס קינד איז געקליידט אלץ באקוועמער און פרייער פילט עס זיך. די דער־וואקסענע מיידל איז ניט קיין אויסנאם. די באוועגונגען דארפן זיין פיל און פארשיידענארטיק. טאנצן, גימנאסטישע איבונגען, שווימען און גלאט אזוי לויפן און שפרינגן זיינען אזוי נויטיק און נוצלאך פאר מיידלאך ווי פאר אינגלאך. אונזערע אלטע אידישע עלטערן האָבן גע־האט אן אנדער מיינונג וועגן דעם. כמעט דאָס איינציקע, וואָס א מיידל איז דערלויבט געווען איז געווען נאָר טאנצן. אָבער צייטן בייטן זיך, און די מיידל איז היינט פרייער צו געניסן דעם פארגעניגן פון פיזישער אנטוויקלונג.

די יונגע מיידל פון היינטיקע צייטן איז אויך פרייער אין אירע באציאונגען צו אירע פריינט פון אנדערן געשלעכט. האָדעווענדיק זיך צוזאמען, אין שולע און פארוויילונגען, איז די צופעליקע באגעגעניש מיט א יונגן־מאן ניט מער אזא סעקסועלע אויפרעגונג, ווי עס איז גע־ווען פארצייטן, ווען יעדע באגעגעניש מיטן אנדערן געשלעכט איז גע־ווען אן אורזאך פון שטארקער אויפרעגונג.

די צו אָפטע סעקסועלע רייצונג, וואָס ווערט ניט באַפרידיקט איז זיכער אַן אורזאַך פאַר שמערצלאַכער מענסטרואַציע.

אויך מוזן מיר באַמערקן, אַז בכלל יעדע רייצונג און אָפּשוואַכונג פון דער נערוועז־סיסטעם איז אַן אורזאַך פאַר אויפרעגבאַרן און פּאַטאַלאָגישן צושטאַנד אין דער צייט פון מענסטרואַציע.

צווישן די וואָס ליידן פיל דורך דער צייט פון די מאָנאַטלאַכע זיינען דאָ פילע פרויען, וואָס זייערע שמערצן וואָלטן געקענט פאַרלייכטערט ווערן, ווען מ'גיט מער אַכטונג און אויפמערקזאַמקייט אין זייער יוגנט אויף דעם צושטאַנד פון די געשלעכטס־אָרגאַנען און זייער געהעריקער פיזישער אַנטוויקלונג.

צום באַדויערן איז ביז היינטיקן טאָג, אַ דאַנק דעם אָנגענומענעם באַגריף פון מאָראַל, די אַכטונג פאַר די געשלעכטס־אָרגאַנען, איבערהויפּט אין דער קינדהייט און יוגנט, מער מיסהאַנדלט, ווי וועלכער אַנדער טייל פון אונזער קערפּער, און דערפאַר אויך מער פאַרנאַכלעסיקט. געשלעכטס היגיענע פאַר אונזער יוגנט איז אַ זאַך, וואָס איז פאָלקאָם אומבאַוואוסט צו די ברייטע מאַסן. דאָס ערוואַכנדע מיידל, די צוקונפטיקע פרוי, איז געצוואונגען צו זוכן אביסל אינפאָרמאַציע בא אירע אומוויסנדע חבר'טעס, ווייל פילע מיידלאַך װעלן זיך שעמען אויסגעפינען אפילו בא זייערע אייגענע מוטערס.

די פאָלגן פון אונזער נאַרישער אָנגענומענער מאָראַל רופן זיך אָפּ זייער שווער אויף דעם לעבן פון דער היינטיקער פרוי.

איבערגייענדיק צו דער פּערזענלאַכער היגיענע אין דער צייט פון די רעגעלן מוזן מיר באַמערקן, אַז דאָס לעבן פון דער פרוי דאַרף אין די עטלאַכע טעג פון מאָנאַט אָנגיין ווי געוועגלאַך. עס איז ניט נויטיק און איז שעדלאַך אָנשרעקן דאָס מיידל אָדער פרוי און ארויפצווינגען אויף זיי אומנויטיקע אויסערגעוועגלאַכע פּאָרזיכטיקייט, אָדער מיטלען. וואָס זיינען געצילט כלומרשט צו פאַרלייכטערן דעם עפעקט פון די רעגעלן. אַמהעכסטן וואָס אַ פרוי דאַרף טאָן אין דער צייט איז רוען, איבערהויפּט אין דעם ערשטן טאָג פון דער מענסטרואַציע, האַלטן זיך ריין ווי מעגלאַך, און אויסמיידן יעדן סאָרט אויפרעגונג און

אויסערגעווענלאכע אנשטרענגונג. די פרוי דארף האָבן איר צייט צום שלאָפן, און זאָל ניט ארבייטן מער ווי געווענלאך. זי קען נעמען א וואַרי־מע באָד אָן שאדן, אָבער ניט קיין צו הייסע אָדער קאַלטע. א טיכל זאָל באַזאָרגט ווערן צו ארייננעמען די בלוטן, און דאָס זאָל אָפט גע־ביטן ווערן.

געשלעכטלאכער פארקער אין דיזער צייט מוז אויסגעמידן ווערן.

באַפרוכטיקונג

דער וויכטיקסטער ביאָלאָגישער געזעץ איז דער געזעץ פון רעפּראָדוקציע, דאָס אָנהאַלטן פון דעם מין. דער ערשטער וויכטיקער שריט אין דער הינזיכט איז די באפרוכטיקונג פון די ווייבלאכע סעקס־צעלן דורך די מאַנלאכע סעקס־צעלן. נאטור באַזאָרגט, אז דאָס זאָל שוין פּאָרקומען.

בא דעם ציוויליזירטן מענטשן איז צוליב דעם צוועק פון באַ־פרוכטיקונג און דער דערציאונג פון דעם דור אנטוויקלט געוואָרן די אינסטיטוציע פון הייראט און די פיל באַזונגענע און באַשריבענע ער־שיינונג פון ליבע, וואָס פירט צו הייראט.

ליבע, די סעקסואלע צוציאונג פון די צוויי געשלעכטן, איז נאָר אַן אויסדרוק פון דער באדערפעניש פון רעפּראָדוצירן, און א וועג צום צוזאַמענברענגען די צוויי געשלעכטן פאַר דער הויפּט אויפגאַבע — באַפרוכטיקונג. באפרוכטיקונג קומט פאָר דורך דער פאַראייניקונג פון די צוויי פארשיידענע געשלעכטס צעלן.

מיר האָבן אין א באַזונדערן ארטיקל באַהאַנדלט די אָוואום. די מאַנלאכע סעקס צעל, באוואוסט אלס ספּערמאַטאַזאָאַן, איז די קלענסטע צעל אין מענטשלאכן קערפּער, דער קעגנזאַץ צו דעם אָוואום וועלכע איז די גרעסטע צעל אין קערפּער. דער ספּערמאַטאַזאָאַן איז א דינע לאַנגע צעל און מען צוטיילט זי אין דריי טיילן, — קאָפּ, קערפּער און עק. דאָס קעפּל פון דעם ספּערמאַטאָזאָאַן דינט אום



פיגור 6. מענטשלאכע ספערמאטאזאָא

ווי זיי זעען אויס אונטערן מיקראָסקאָפּ און איינע דיאגראמאטיש פאָרגעשטעלט: 1. דער קאָפּ, 2. האלדז,
3. דער קערפּער, 4. דער עק.

דורכברעכן דאָס ווענטל פון דעם אָוואום באַם צוזאַמענקומען, און דער עקל דינט אַלס מעכאַניזם צום באַוועגן זיך, כדי דורכצומאַכן דעם שטח פון דעם האַלז פון דער געבער־מוטער, דורך דעם אָרגאַן אין די מוטער־רערן און צו דער אָוואום.

ווי די אָווא קומען פון דער אָוואַרי, אַזוי קומען די ספּערמאַ־טאָזאָאַ פון אַן ענלאַכן אָרגאַן — פון די טעסטיקולן.

די טעסטיקולן זיינען צוויי דריזן, וועלכע טיילן אויס די זאָמען פליסיקייט אין וועלכע עס שווימען אַרום די מאַנלאַכע סעקס־צעלן—די ספּערמאַטאָזאָאַ.

אויסער די ספּערמאַטאָזאָאַ טיילן די טעסטיקולן אויך אויס, אַזוי ווי די אָוואַריס, אַ סעקריציע, וואָס האָט אַ וויכטיקן איינפלוס אויף דער אַנטוויקלונג פון קערפּער און די מאַנלאַכע געשלעכטס אייגנ־שאַפטן.

דורך די באַוועגונגען, וואָס דער עק פון די ספּערמאַטאָזאָאַ איבט אויס און אויך מיט דער הילף פון אַנדערע אומשטענדן דערגרייכן די ספּערמאַטאָזאָאַ די אָווא, וועלכע ערוואַרט זיי אין די מוטער־רערן, די מאַנלאַכע סעקס־צעל דרינגט דורך די אויבערפלאַך פון דער ווייבלאַכער סעקס־צעל, און פון די צוויי צעלן ווערט איינס. פון אַט דער פאַראייניקונג קומט אַרויס די באַפרוכטיקטע צעל, וועלכע אַנטוויקלט זיך אין דעם פעטוס — אַלס דאָס קומענדיקע קינד.

די אַנטוויקלונג פון דעם קינד פון דער באפרוכפּערטער צעל

מיט דער אריינדרינגונג פון דעם ספּערמאַטאזאָאָן אין דער אָוואום פאנגט זיך אָן דער פּראָצעס וואָס פירט צו א זעלבסטשטענדיקן לעבעדיקן וועזן, וואָס שטאַמט פון צוויי פאַרשיידענע אינדיווידואומען, די עלטערן, און וועלכער וועט פאראייניקן אין זיך די אייגנשאפטן פון ביידע עלטערן.



פיגור 7—8. א אריינגאנג פון די ספּערמאַטאזאָא אין איי.



פיגור 9—10. די צונויפשמעלצונג פון ספּערמאַטאזאָאָן און איי.

גלייך נאָך דעם ארייגדרינגן אין אָוואום פארליהט דער ספער־מאטאזאאן דעם עקעלע. פון דעם קעפל און האלז ווערט א קערנדל, א נוקלעוס, וואָס אנטהאלט די כראמאזאָמען פון מאנלאכן צד. דער נוק־לעוס דערנענטערט זיך צו דעם מיטן פון דער אָוואום, און דער נוקלעוס פון דעם אָוואום, דער ווייבלאכער נוקלעוס, גייט אנטקעגן, ביז זיי באגעגענען און שמעלצן זיך צוזאמען. דער ניי פאָרמירטער נוקלעוס אנטהאלט די שטאָפן פון דיביידע פאָרמירטע נוקלעיען, אנטהאלט די שטאָפן פון די ביידע עלטערן, וואָס טראָגן אריבער די אייגנשאפטן פון זייערע פריערדיקע דורות.



פיגור 11, 12, 13 און 14. די ערשטע צעל צוטיילונג.

א נייער פּראָצעס פאנגט זיך אָן אין דעם אָוואום. עס הויבט זיך אָן אויסלענגערן און איינשניידן זיך אין מיטן און צוטיילט זיך אויף צוויי גלייכע טיילן וועלכע קוקן אוים אלצאיינס. דאָס זיינען איצט צוויי באזונדערע צעלן. די ביידע צעלן חזר'ן איבער דעם זעלבן פּראָצעס פון צוטיילונג און עס ווערן פיר צעלן. דער צוטיילונגס־פּראָצעס גייט אָן און עס ווערן אַכט, זעכצן א. א. וו. יעדע ניי־געבאָרענע צעל טיילט זיך ווי די אַלטע, אייניקע שנעלער, אַנדערע פאַרשפּעטיקן אין טיילן זיך. באלד קלייבט זיך אויף א בערגל צעלן וואָס האָבן דאָס אויסזען פון א מאַלינע. דאַן גרופּירן זיך די צעלן וואָס פאָרמירן צוויי פאַכן, אַן אויבערשטן פאַך פון וועלכן עס אנטוויקעלט זיך די פלאצענטא, און אַן אינערלאַכן פאַך פון וועלכן עס קומט ארוים דער עמבריא. צווישן די צוויי פאַכן פאָרמירט זיך א פליסיקייט. די צוויי פאַכן קומען זיך צוזאַמען נאָר אין איין פּלאַץ, דאָרט וואו די צוקונפטיקע עמבריא וועט זיך אַנטוויקלען.

אין דערזעלבער צייט ווען די פארמערונג פון די צעלן קומט פאָר, קייקלט זיך עס ארוים פון די מוטער־רערן אין דער געבער־מוטער און טשעפּעט זיך צו צו דעם ווענטל פון דער געבער־מוטער, וואו די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג קומט פאָר.

די אינערלאַכע גרופּע צעלן צוטיילט זיך ווידער אין דריי פאַרשיידענע פאַכן. פון יעדן פון די פאַכן פאַנגן זיך אָן אנטוויקלען געוויסע אָרגאַנען.

די אַלע דערמאָנטע ענדערונגען קומען פאָר אין די ערשטע פאָר טעג פון אַנטוויקלען זיך. אין דער צווייטער וואָך פון דער אַנט־וויקלונג פון דעם עמבריא פון דער באפרוכטעטער אָוואום קען מען שוין אונטערשיידן דעם קאָפּ־ענד פון דעם פיס־ענד. אין דער דריטער וואָך קען מען שוין זען דעם אָנפאנג פון די הענט און פיס. אין דער פינפטער וואָך איז דער קאָפּ כמעט אַזוי גרוים ווי דער גאנצער קערפּער. אין דער פינפטער וואָך קאָן מען שוין דערקאָנען די פינגער. בא דער ענדע פון צווייטן מאָנאט קען מען שוין אונטערשיידן יעדן אויסער־לאַכן אָרגאַן. די גרוים פון עמבריא אין דער צייט איז נאָר ארום דריי־סיק מילימעטער אין לענג.



פיגור 15. מענטשלאכע עמבריאס. נאטירלאכער געשטאלט

עמבריאס 1—11 זיינען 4 ביז 6 וואָכן אַלט. 12—15 זיינען 6—7וואָכן.
נומער 15 איז די איבערגאנג שטופע פון עמבריא צו פעטוס.

צו דער ענדע פון דריטן מאָנאַט איז דאָס עמבריא די גרויס פון א גענזען איי. דער קערפּער פאַנגט אָן אויסזען מענטשלאך, כאָטש דער קאָפּ איז נאָך אַלץ גרויס.

אין ענדע פון פערטן מאָנאַט פאַנגען אָן צו ארבייטן די מוסקולן פון דעם פעטוס. אמאָל פילט שוין די מוטער די באוועגונגען. דאָס הארץ קלאַפּט שוין, די אויסערלאכע געשלעכטס־אָרגאַנען קען מען שוין לייכט דערקאָנען. די הויט איז רויט און דורכזיכטבאַר אזוי אז מען קען זען די אינערלאַכע אָרגאַנען. א זייער דינע האָר באדעקט דעם קערפּער.



פיגור 16. די פרוכט צו 2, 3 און 4 מאָנאַטן אלט.

נאטירלאכער געשטאַלט. העלפט פון נאטירלאכער גרויס פון מענטשלאכער פרוכט, די אויבערשטע צו 2 מאָנאטן און די גרעסטע צו 4 מאָנאטן פון שוואנגערשאפט.

אין פינפטן מאָנאַט איז דער פעטוס 25 סענטימעטער לאַנג און וועגט ארום 260 גראַם (ארום 8 אונצעס), דאָפּל ווי אין פערטן מאָנאַט און 15 מאָל שווערער ווי אין דריטן. דער קאָפּ איז די גרויס פון אַ הינערשע איי. די הויט איז ווינציקער דורכזיכטבאַר צוליב דעם וואָס אונטער דער הויט פילט זיך אָן מיט פעט, האָר באַדעקט דעם גאַנ־צען קערפּער. ווען געבאָרן אין דער צייט לעבט עס אייניקע מינוט.

אין זעקסטן מאָנאַט פאַרטאָפּלט דער פעטוס זיין וואָג. דער קערפּער ווערט מער פּראָפּאָרציאָנעל. די הויט איז געקנייטשט. די הויט פאַנגט אָן צו באַדעקן זיך מיט אַ מין ווייסער געדיכטער, ענלאַך צו קעז, פּליסיקייט. ווען געבאָרן קען עס נאָך אַלץ ניט לעבן.

אין זיבנטן מאָנאַט קוקט דאָס קינד אויס ווי אַן אויסגעמאָגער־טער אַלטיטשקער מיט אַ רויטער צוקנייטשטער הויט. דאָס קינד ווען געבאָרן שרייט מיט אַ שוואַכן פּישטשענדיקן קול. זעלטן ווען עס לעבט.

אין אַכטן מאָנאַט איז דאָס קינד פיל שטאַרקער. עס וועגט ארום 1600 גראַם. דער קערפּער פילט זיך אָן מיט פעט און די קנייטשן פאַרשווינדן. די הויט איז נאָך אַלץ רויט. דאָס קינד האָט פיל שאַנסן צו לעבן ווען עס איז גענערט מיט מוטערס מילך און מען גיט שטאַרק אַכטונג אויף דעם.

אין לעצטן מאָנאַט פון שוואַנגערשאַפט נעמט דאָס קינד אָן דעם אויסזען פון אַ נייגעבאָרן קינד. עס וועגט ארום 3000 גראַם אָדער ארום 7 ענגלישע פונט. די רויטקייט פון דער הויט, די דינע האָר פון איבערן גאַנצן קערפּער און די קעזיקע פליסיקייט פאַרשווינדן. דאָס געוויינלאַכע קינד איז געזונט און שטאַרק און גרייט צו לעבן אין דער אָפענער וועלט.

אין גרויס וואַקסט דער פעטוס גאַנץ שנעל. עס איז באַמערקט געוואָרן, אַז די ערשטע פינף מאָנאַטן איז די לענג פון פעטוס דער קוואַדראַט פון די מאָנאַטן אין סענטימעטערס, אזוי צ. ב. ווען אַ פעטוס איז 3 מאָנאַטן, איז עס דריי מאָל דריי, 9 סענטימעטער. נאָך דעם פינפטן חודש, רעכענענדיק אַ חודש אַלץ פיר וואָכן, אָדער 28 טעג,

דארף מען כדי צו באשטימען די לענג פון א דורכשניטלאכן פעטוס כפל'ן די מאָנאטן אויף פינף. אזוי וועט א 7 מאָנאטלאכער פעטוס זיין זיבן מאָל פינף, 35 סענטימעטער. פון דער פארמולא קען מען אויסרעכענען דעם עלטער פון פעטוס ווען מען וויים זיין לענג.

די דערנערונג פון פעטוס

דורך דער צייט פון אנטוויקלונג דערנערט זיך דער פעטוס דורך דער מוטערס בלוט. דאָס בלוט פון דער מוטער דערגרייכט דעם פעטוס דורך דער פארמיטלונג פון דער פּלאַצענטא, אָדער אָרט, ווי מען רופט עס אפּן ווייבערשן לשון.

דאָס איז א טונקל רויטער, ווייכער, פלײשיקער אָרגאַן, ענלאך אין פאָרם צו א פּלעצל, וועגט ארום א פונט, איז ארום 7 אינטשעס (17 סענטימעטערס) אין דיאמעטער, און אן אינטש (2½ סענטימע-



פיגור 17. די פּלאַצענטא. מוטער פּלאַכע

טערם) דיק. עס האָט צוויי פלאַכן. די מוטער פלאַכע, די זייט וואָס איז צוגעוואַקסן צו דעם וועגטל פון דער געבערמוטער, און ווערט אָנ־גערופן די מוטערלאַכע פלאַכע; און די וואָס קומט איז באַרירונג מיט דעם פעטוס, — די פעטוס פלאַכע. די מוטערלאַכע פלאַכע ציט אין זיך אַריין דאָס בלוט פון דער מוטער דורך ספּעציעלע גלידער וואָס זיינען אין באַרירונג מיט דעם וועגטל פון דער געבער־מוטער, און דורכגייענדיק דורך דעם אָרגאַן ווערט דאָס בלוט אַריבערגעטראָגן

פיגור 18. די פלאַצענטאַ. פעטוס פלאַכע

אין די אָדערן פון נאפל שנור און דאן צו דעם פעטוס פאר דערנערונג און צוריק דורכן נאָפּל שנור צו דער פלאצענטא אין דער מוטער אום געריייניקט און באלאָדן צו ווערן מיט די נויטיקע שטאָפן פאר דער־נערונג. די זייט פון דער פלאצענטא איז איינגעטיילט אין א 6־8 לעפל, וועלכע קענען לייכט אָפּגעריסן ווערן. ווען דאָס טרעפט און פארבלייבט אין דער געבער־מוטער נאָך דער אנטבינדונג, קען דאָס פאראורזאכן א געפאר פאר דער מוטער. די פעטוס פלאכע, די וועלכע קומט אין בארירונג מיט דעם פעטוס, איז באדעקט מיט א גרוילאכן הייטל און דורך דעם זיינען דורכזיכטיק פיל אָדערן. פון דער מיטן פון דער פלאכע גייט ארויס דער נאָפּל שנור. דער נאָפּל שנור איז ארום צוויי פוס (60 סענט.) לאנג, איז אָפט פארקניפּט און פארדרייט און מען טרעפט עס גאנץ אָפט ארומגעוויקלט ארום דעם האלז פון פעטוס.

הערעדיטעט, ביאָלאָגישע ירושה

די פארשיידענע פאָרמען

ווען דאָס קינד איז ענלאך צו דעם פאָטער אין אויסזען, קאָליר פון די האָר, געבוי, אָדער וואָסער ניט איז אנדער הינזיכט, מיינט עס, אז געוויסע אייגנשאפטן פון פאָטער זיינען איבערגעגאנגען צו דעם קינד. אין אנדערע ווערטער, דאָס קינד האָט גע'ירש'נט פון פאָטער זיין אויסזען, געבוי, קאָליר פון די האָר א. ד. ג., וואָס מאכן אים ענלאך צו זיין פאָטער. אָט דאָס ירש'ענען איז רעגירט דורך ביאָלאָגישע געזעצן וואָס זיינען באוואוסט אלס די געזעצן פון ביאָלאָגישער ירושה.

מיר ווייסן, אז בירושה גיבן זיך איבער די אייגנשאפטן ניט נאָר פון די עלטערן, נאָר אויך אפילו פון די אור־אור־עלטערן. אין דעם איבערגעבן פון די אייגנשאפטן, נעמען אנטייל ביידע צדדים, דעם פאָטערס און דער מוטערס, ביידע אין דערזעלבער מאָס. עס מאכט ניט, וואָס די מוטער נערט דעם פעטוס מיט איר אייגן בלוט דורך די ניין מאָנאַטן פון שוואנגערן; עס מאכט ניט וואָס די מוטער איז אזוי לייבלאך פארבונדן מיט דעם קינד; עס מאכט אָפילו ניט, וואָס די ווייבלאכע סעקס־צעל, די אוואום, איז פיל גרעסער פאר די מענלאכע סעקס־צעל, דעם ספערמאטאזאאָן. די אייגנשאפטן ווערן אריבערגע־טראָגן פון די עלטערן צו דעם קינד ניט דורך דער גאנצער סעקס־צעל, נאָר דורך דער וויכטיקסטער טייל פון צעל, די אזוי גערופענע כראמא־זאמען וואָס געפינען זיך אין דעם קערנדל פון דער צעל, דעם נוקלעאוס.

די כראמאזאמען, סיי די פון דעם ספערמאטאזאאָן, ווי די פון דעם אוואום, אנטהאלטן אין זיך די פאָטענציעלע ענערגיע צו רעפּראָדוצירן די טיילן און אייגנשאפטן פון די עלטערן און אור־עלטערן פאר אומבאגרענצטע דורות צוריק. אין אָט די כראמאזאמען זיינען באהאלטן די פיזישע און גייסטיקע אייגנשאפטן פון דעם אייג־צעלנעם, פון דער פאמיליע, פון פאָלק, ראסע און מין.

דאָך מוז מען זאָגן, אז די פּאטענציעלע ענערגיע פון דער סעקס־צעל באשטימט נאָך ניט די פולע פיזיאנאָמיע אָדער דעם גייסטיקן אינהאלט פון צוקינפטיקן קינד. מיט הערעדיטעט זיינען ענג פאר־

בונדן די וואַריאַציעס, פאַרשיידנאַרטיקייטן פון פילע סאָרטן. אזוי קומט די וואַריאַציע פון באַשעפטיקונג, וועלכע קען ניט איבערגעגעבן ווערן דורך ירושה. אזוי זעען מיר די טיפּן פון א בעל־העגלה, א למדן, א בעל־מלאכה א. ד. ג.

אהער קען מען אויך אריינרעכענען מאָדיפיקאַציעס, קלענערע ענדערונגען, וועלכע ווענדן זיך ניט אָן ירושה, נאָר אָן דער אויסערלאַכער ווירקונג, אָן דער אומגעבונג, ווי צ. ב. אן אונטערשייד אין הויך, אין דער לענג פון די הענט אָדער פיס א. ד. ג., וואָס מען טרעפט בא מיטגלידער פון איין פאַמיליע, כאָטש דער קלענסטער מיטגליד קען האָבן קינדער וואָס זאָלן זיין אזוי גרויס ווי די אַנדערע מיטגלידער.

עס איז אויך דאָ א סאָרט וואַריאַציע וואָס קומט פון דעם צוזאַמענשמעלצן פון די צוויי סעקס־צעלן פון צוויי פּערזאָנען וועלכע זיינען פאַרשיידן. דאָס קינד פון אַזוינע עלטערן קען ניט זיין קיין פּינקטלאַכע קאָפּיע פון איינעם פון די עלטערן, קען ניט אויסקוקן אין גאַנצן ענלאַך ווי דער פאָטער אָדער מוטער, אָבער מוז אונטערשיידן זיך פון ביידן.

עס מערקט זיך נאָך איין וואַריאַציע, נעמלאַך די וואָס קומט פון דעם, וואָס די קליינינקע טיילכעלאַך וואָס שטעלן צוזאַמען די כראָמאַזאָמען וואָס נעמען אנטייל אין דער צוזאַמענווירקונג פון די צוויי עלטערן זיינען אזוי קאָמפּליצירט, אז זיי ברייינגען קיינמאָל ניט די זעלבע רעזולטאַטן. דאָס דערקלערט זיך דערמיט וואָס די טיילן פון די צעלן פון מענטשלאַכן קערפּער וואָס האָבן צו טאָן מיטן באַזאָרגן די סעקס־צעלן מיט דער וואונדערלאַכער פּאָטענציעלער רעפּראָדוצירונג ענערגיע, זיינען אונטערוואָרפן צו ענדערונגען אין דעם פּערזענלאַכן לעבן פון דעם פאָטער אָדער מוטער.

מען טרעפט נאָך א וואַריאַציע פאַר וועלכער מען קען ניט געבן קיין אורזאַך, דאָס איז די ספּאָנטאַנע וואַריאַציע, אזא ענדערונג וואָס איז ניט געווען בא די פּאָר עלטערן, אָבער וואָס קען אריבערגעגעבן ווערן צו די קומענדיקע דורות. אזוי צ. ב. זעען מיר בא אייניקע איבעריקע פינגער אױף די הענט אָדער פיס, איבעריקע נאָפּלס אױף די בריסט א. ד. ג.

מענדעלס געזעץ, אָדער מענדעליזם

די נאַטור ארבייט לויט פעסטגעשטעלטע געזעצן באם איבערגעבן די אייגנשאפטן פון לעבעדיקע וועזנס אָדער פלאַנצן, און מיט דעם אויפהאַלטן דאָס לעבן פון די מינים. דער ערשטער צו באגרינדן דאָס געזעץ פון הערעדיטעט איז געווען דער עסטרייכישער מאָנאך גרעגאָר מענדעל. ער איז געבאָרן געוואָרן אין 1822 אין דער פאמיליע פון א פויער. אין 1865 האָט ער פארעפענטלאכט זיינע עקספּערימענטן איבער הערעדיטעט, וועלכע ער האָט דורכגעפירט אין גאָרטן פון א קלויסטער. ער האָט אָבער ניט דערלעבט צו זען די גרויסע ווירקונג פון זיינע אנטדעקונגען אויף דער אנטוויקלונג פון דער ביאָלאָגישער וויסנשאפט. אכצען יאָר נאָך זיין טויט, אין 1900, האָט מען ערשט ריכטיק אָפּגעשאצט זיינע עקספּערימענטן.

מענדעל האָט עקספּערימענטירט מיט פלאַנצונגען פון ארבעס. באם געברויכן ארבעס פלאַנצן פאַר זיינע עקספּערימענטן האָט ער גע־האט פיל אבזיכטן. און טאַקע דערפאַר וואָס ער האָט אויסגעקליבן אזא גינסטיקע פלאַנצונג, האָבן זיינע עקספּערימענטן געבראַכט אים צו וויכטיקע שלוסן. ערשטנס, זיינען די ארבעס פלאַנצן גינסטיק מיט דעם, וואָס זיי באפרוכפּערן זיך זעלבסט און דארום איז עס זיכער, אז עס איז ניטאָ קיין צומישונג פון אנדערע שאַטירונגען. ווידער, זיי־נען ארבעס זייער לייכט צו פלאַנצן און אויסגעהאַלטן. אויך איז די פארשיידענע סאָרטן פון די ארבעס לייכט צו דערקאָנען. מענדעלס עקספּערימענטן זיינען באשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט איבערגע־קרייצט צוויי פארשיידענע סאָרטן ארבעס און האָט באָאַבאַכט די רעזולטאַטן אין די צוקונפטיקע דורות. אזוי האָט ער עס אָנגעהאַלטן פאַר אכט יאָר.

ער האָט גענומען איין סאָרט ארבעס וואָס בליט מיט רויטע בלומען, און א צווייטן סאָרט, וואָס בליט מיט ווייסע, און האָט זיי איבערגעקרייצט. פון דער געמישטער פּאָרונג זיינען אַלע ארבעס ארויסגעקומען מיט א רויטן בליאכץ, ווי בא די פון ערשטן סאָרט. דער־פאַר האָט ער דעם רויטן קאָליר אָנגערופן א ד א מ ע נ י ר ע נ ד ע ר

אָדער הערשנדער כאראקטער־שטריך, און דעם ווייסן קאָליר, וואָס איז אבוועזנד געווען (אין ערשטן דור,) אַ ר ע ס ע ס י ו ו ע ר , אָדער צוריקגעצויגענער כאראקטער.



פיגור 19. מענדעליזם אין דעם קאָליר פון האָזן.

א שווארצער און ווייסער (1 און 2) האָז געפּאָרט גיבן אן אפּשטאמונג פון שווארצע (3). די, געפּאָרט צווישן זיך, גיבן דריי פערטל (4, 5, 6) שווארצע האָזן און איין פערטל (7) ווייסע. אין דעם דריטן דור גיט איינע פון די שווארצע (4) אלע שווארצע די אנדערע צוויי פערטל שווארצע (5 און 6) שווארצע און ווייסע אין דער פּראָפּאָרציע דריי צו איינע, און די ווייסע (7) גיט אלע ווייסע.

אין די ווייטערדיקע עקספּערימענטן האָט ער אויסגעפונען, אז ווען די רויט־בליענדע ארבעס, וואָס זיינען ארויסגעקומען פון דער צו־מישונג פון די רויט און ווייס בליענדע, ווען זיי זיינען געקרייצט צווישן זיך, וועלן זיי ארויסגעבן נאָר דריי פערטל רויט בליענדע און איין פערטל ווייס־בליענדע ארבעס. נאָך גרעסער איז געווען זיין

איבערראַשונג, אַנהאַלטנדיק די באַפרוכטיקונג פון די געמישטע פלאַנצן צווישן זיך, ווען ער האָט געפונען, אַז פון דעם פערטל ווייסע גייט אַרויס אַלע ווייסע. איין פערטל פון די קאָלירטע פון צווייטן דור וועט אַרויסגעבן קאָלירטע, די איבעריקע צוויי פערטל גיבן אַרויס ענלאַכע צו די דאָמינירנדע פון ערשטן דור, וואָס וועלן אַרויסגעבן אין דעם קומענדיקן דור איין דאָמינערנדן, איין רעסעסיוון און צוויי ה י ב ר י ד ן (געמישטע) וועלכע וועלן אַרויסגעבן דעם זעלבן פּראָצענט פון דאָמינירנדע, געמישטע און רעסעסיווע. עס איז באַוויזן געוואָרן, אַז די זעלבע רעזולטאַטן קריגט מען ווען מען פירט צוזאַמען חיות מיט פאַרשיידענע אייגנשאַפטן.

דאָ האָבן מיר געבראַכט נאָר איין פּאָר אייגנשאַפטן (קאָליר און קאָלירלאָזיקייט) מיט וואָס די פּאָר אונטערשיידן זיך. אין לעבן אָבער טרעפט אָפט ווען א פּאָר חיות אָדער פלאַנצן אונטערשיידן זיך אין מער ווי איין פּאָר אייגנשאַפטן, ווי גרויסקייט, געבוי, אייגנאַרטיקייטן פון פאַרשיידענע טיילן א. ד. ג. אין אַזעלכע פאַלן זיינען די רעזולטאַטן קאָמפּליצירט. אַן אָפּשטאַם קען האָבן איין אייגנשאַפט אַ דאָמינירנדע און אַ צווייטע אַ רעסעסיווע א. א. וו.

מענדעלס עקספּערימענטן האָבן באַוויזן אַז די נאַטור האַלט זיך לויט אַ באַשטימטן פּלאַן אין ירושה. דאַרום רופט מען עס „מענדעלס געזעץ“.

די טעאָריע פון הערעדיטעט

יעדער פון די צוויי עלטערן ביישטייערט אַ האַלב פון דער צעל פון וועלכער דאָס קינד אַנטוויקלט זיך. דאָס מאַטעריאַל וואָס טראָגט אַריבער די ירושה זיינען די כראָמאָזאָמען. האַלב פון די כראָ־מאָזאָמען זיינען פון פאָטער און האַלב פון דער מוטער.

די פאַרשיידענע פאָרמען פון ירושה קען מען גרופּירן ווי פאָלגט:

א. אייגנשאַפטן וואָס דערשיינען אויך אין קינד:

1. דאָמינירנדע, אין גאַנצן באַזייטנדיק די אַנטשפּרעכנדע אָבער געגענזאַצלאַכע אייגנשאַפט פון דעם צווייטן פון די עלטערן.

2. צונויפגעשמאָלצן, די אייגנשאפט אין קינד איז מיטלמעסיק פון די וואָס געפינען זיך איןביידע עלטערן.
3. אין מאזאישער פאָרם, אין אייניקע צעלן הערשט דעם פאָ־טערס שטריכן, אין אנדערע דער מוטערס.
4. צונויפגעשמאָלצן און איבערטריבן, די אייגנשאפט איז בולט'ער ווי אין איינעם פון די עלטערן.

ב. אזוינע אייגנשאפטן וואָס זיינען ניט קענטיק אין קינד:
1. רעסעסיווע, און פארביטן דורך אן אנטשפּרעכנדער אייגנ־שאפט פון דעם צווייטן פון די עלטערן, אָבער וואָס עס איז פארבאָרגן און קען זיך באווייזן אין שפּעטערדיקע דורות.
2. אָבוועזנד, אין גאנצן פעלנדיק אין שפּעטערדיקע דורות, די אבוועזנהייט צו פארדאנקן:
א) צו ארויסווארפונג פון א גע'ירש'טן צושטאנד, אָדער
ב) צו דעם, וואָס די אייגנשאפט איז ניט קיין ירושה, נאָר אן ערוואָרבענע אייגנשאפט.

דאָס ירש'נען פון ערוואָרבענע אייגנשאפטן

זייער ווינציק דערוואָרבענע אייגנשאפטן פון מענטשן ווערן איבערגעגעבן בירושה. דאָס פארקוקעניש איז נאָר אן איינרעדעניש. די גרויסע געזונטע האנט פון שמיד ווערט ניט איבערגעגעבן צו זיין זון. די פייאיקייט פון אקראָבאט צו בייגן, דרייען און מאכן אנדערע קונצן מיט זיין קערפּער גייט ניט אַריבער צו זיינע קינדער. ווען איינער פארלירט א האנט אָדער א פוס דורך אן אומגליק וועט דאָס ניט האָבן קיין איינפלוס אויף זיינע קינדער, זיי וועלן געבאָרען ווערן נאָרמאלע קינדער מיט אַלע אברים. אפילו ווען א געוויסער טייל פון קערפּער זאָל ליידן פאר פילע דורות וועט דאָס ניט האָבן קיין איינפלוס אויף די קומענדיקע דורות. אזוי ,בא די פעלקער ווי די כינעזער, וואו די פרויען, אוים מנהג פרעסן איין זייערע פיס כדי זיי זאָלן זיין קליין, פארמיידן ניט זייערע קינדער דאָס קוועטשענים. נאָך עטלאכע טויזנט יאָר פראקטיצירן פון מלה בא אידן, האָט דער גליד זיך ניט געביטן אין סטרוקטור אָדער אויסזען.

פארקערט אָבער, קען מען באמערקן אז גייסטיקע פעאיקייטן גיבן זיך איבער בירושה, אז קינדער פון אינטעלעקטועלע עלטערן זיינען פעאיקער גייסטלאך. מען מוז אָבער ניט פארגעסן און באָבאכטן, אז א ניט גראָטענער זון פון אן אינטעלעקטואלן פאָטער קען האָבן צו פארדאנקן זיין ניט גראָטנקייט זיין מוטער.

פילע גיפטן און אייניקע קראנקהייטן פון די עלטערן, פאָטער אָדער מוטער, קענען ארויסרופן א שעדלאכע ווירקונג אף זייער קומענ־דיקן דור. עס איז באוויזן געוואָרן דורך עקספּערימענטן אף חיות, אז אלקאָהאָליזם האָט א שעדלאכע ווירקונג אף די קינדער און אפילו אף די קינדס־קינדער. א זכר לאבאראטאָרישע חיה האָט מען געלאָזן וואוילגיין אף אלקאָהאָל. זיין דור, האָט מען באמערקט, אויב זיי ווערן גאָר געבאָרן לעבעדיק, איז קראנק, לעבט ניט לאנג און איז דער־שלאָגן און טעמפּ. דער צווייטער דור, וועמענס עלטערן האָבן שוין ניט פארזוכט קיין אלקאָהאָל, ליידעט נאָך אלץ פון דער זעלבער וויר־קונג פון דעם אלקאָהאָל, וואָס דער זיידע האָט גענאָסן. אין מענטשן וואָלט עס זיין שווער צו באשטעטיקן. ערשטנס, דערפאר, ווייל א גע־זונטע מוטער קען דאָך האָבן א געזונטע קינד ניט אכטנדיק אף דעם, וואָס דער פאָטער איז אן אומברחמנות'דיקער שכור. צווייטנס, וואָלט מען געקענט אויסטייטשן, אז דעם פאָטערס שכרות און דעם קינדס קראנקהייט קומען ביידע אלס א ירושה פון פריערדיקע דורות פון פאָ־טערס פאמיליע. דעם קינדס שוואכקייט וואָלט מען געקענט פארטייטשן אויך אף אנדערע אופנים. דער עקספּערימענט וועלכן מיר האָבן גע־בראכט באשטעטיקט אָבער די שעדלאכע ווירקונג פון אלקאָהאָל, ווי אנדערע גיפטן אף די קומענדיקע דורות. אויך האָבן אייניקע קראנק־הייטן א שעדלאכע ווירקונג אויף דער אָפּשטאמונג.

ליבע און
הייראט

ליבע

ליבע (אין דעם געשלעכטלאכן זין) איז דער אויסדרוק פון סימפּאַטישע געפילן פון איין געשלעכט צום אנדערן, פּאַראייניקט מיט סעקסועלן פאַרלאַנג און דעם געפיל פון מוטערשאַפט.

ליבע אין אַ באַגרענצטן זין קען מען באַגעגענען אויך בא חיות. בא חיות דריקט זיך עס אוים אין געפילן פון סימפּאַטיע פון דעם זכר צו דער נקבה און נקבה צום זכר און אויך אין געפילן פון איבערגעבנהייט פון דער מוטער און אָפט אויך פון פּאָטער צו די קינדער. בא מענשן איז ליבע זייער קאָמפּליצירט און שטעלט פאָר, ווי פּאָרעל דריקט זיך אויס, „אַ האַרמאָניע פון סימפּאָנישע געפילן, סענטימענטן און באַגריפן".

אין דעם לעבן פון דער מענטשהייט האָט ליבע שטענדיק גע־שפּילט אַ דאָמענירנדיקע ראָל. מיט דער אַנטשטייאונג פון דעם ליד איז ליבע באַזונגען געוואָרן און ס'איז מעגלאַך אַז ליבע איז געוועזן דאָס ערשטע וואָס האָט באַגייסטערט אַ מענטשן צו זינגען, און צו שפּילן, דאָס ערשטע וואָס האָט באַוועגט די אַנטשטייאונג פון פּאָעזיע און מוזיק.

פון די ערשטע ליטעראַרישע שריט פון דער מענטשהייט ביז צו דעם איצטיקן טאָג פאַרנעמט ליבע דעם אויבנאָן אין דער ליטעראַטור פון יעדן פאָלק. עס איז ניטאָ קיין אַנדער זאַך, קיין אַנדער געגנשטאַנד אין דער אַלגעמיינער ליטעראַטור, וואָס זאָל פאַרנעמען אַן ענלאַכן פּלאַץ. דאָס זעלבע איז עס אין מוזיק. אויך זעען מיר עס אין אַנדערע צווייגן פון קונסט.

אין דעם איינצעלנעם מענטשנס לעבן איז ליבע די וויכטיקסטע געשעעניש. די ערשטע געפילן פון ליבע פאַראורזאַכן אַ מער גייסטיקע אויפלעבונג און לאָזן איבער טיפערע איינדרוקן ווי אַנדערע געשעענישן אין לעבן פון מענטשן. עס איז דער טרוים פון דער יוגנט און די קרוין פון לעבן.

די ערשטע סימפּטאָמען פון ליבע באַווייזן זיך פרי אין קינד־הייט, אָבער ליבע אין איר פולן געשטאַלט פאַנגט אָן צו באַוועגן דאָס

יונגע האַרץ מיט דער געשלעכטלאַכער רייפקייט. אין דעם מאָן קען מען דאָס רוב אונטערשיידן ליבע פון סעקסואַלן פאַרלאַנג. סעקסואַלער אַפּעטיט קען זיך באַ אים דערוועקן, אָן דעם קאָמפּלעקס פון ליבע.

אָבער באַ דער פרוי, און איבערהויפּט באַ דער יונגער מיידל קומען די סימפּאַטישע געפילן און סעקסואַלער אַפּעטיט מיט אַ באַגער צו מוטערשאַפט צוזאַמען. כאָטש מערסטנס איז דער סעקסואַלער אַפּעטיט ניט דייטלאַך, אַזוי אַז די פרוי זאָל דאָס קענען באַגרייפן. דער סעקסואַלער אַפּעטיט דריקט זיך אויך ניט אויס אין אַ פאַרלאַנג צו געשלעכטלאַכן פאַרקער, נאָר אין אַ פאַרלאַנג פאַר סענטימענטאַל־קייטן, פלירטן, אַרומנעמען זיך, קושן זיך און בכלל ווערן באַהאַנדלט און זיין נאָענט צו דעם אָביעקט פון ליבע. דער פאַרלאַנג צו גע־שלעכטלאַכן פאַרקער קומט ניט אין דער פרוי ביז זי האָט ניט געהאַט איין מאָל, אָדער מער אַזאַ פאַרקער.

די צייט ווען פרויען ווערן פעאיק צו ליבן איז פאַרשיידן. די פאַרשיידנהייט ווענדט זיך אָן דער ראַסע, קלימאַט און טראַדיציעס אָדער אַרט לעבן און קולטור פון פאָלק. באַ די פעלקער אָדער ראַסן, באַ וועלכע די פרויען ווערן געשלעכטלאַך פריער רייף זיינען די פרויען פריער געניינט צו ליבן. באַ די פעלקער האָבן די פרויען אויך פריער חתונה. צווישן די ציוויליזירטע פעלקער באַגעגענען מיר די מיידלאַך אין דער ערשטער ליבע אין די יאָרן פון זעכצן ביז אַכטצן. באַ אָט די פעלקער שפּילן אַ גרויסע ראָל אין אויפוועקן אין די מיידלאַך דעם איינגעבאָרנעם אינסטיקט פאַר ליבע די שיינע ליטעראַטור, דראַמע, פּאָעזיע און אַמשטאַרקסטן די קינעמאַטאָגראַפן.

באַ די אידישע מיידלאַך פון איירָאָפּאַ איז דאָס ליבע געפיל געווען שטאַרק אונטערדריקט פאַר פילע יאָרן דורך רעליגיעזן פאַנאַטיזם און דורך די אינסטיטוציעס פון נדן און שדכנות.

דער רעליגיעזער פאַנאַטיזם האָט פאַרווערט דער מיידל זיך צו באַגעגענען און פאַרברייינגען צוזאַמען מיט דעם צווייטן געשלעכט. דאָס האָט אויסגעמידן די באַרירונג פון די צוויי געשלעכטן און, פאַרשטייט זיך, דאָס ערוועקן פון די ליבע־געפילן אין דער מיידל איז געווען פאַר־

שפּעטיקט און די געפילן זעלבסט מער אבסטראקט, אַפּט צוליב דעם פעלן פון א קאָנקרעטן אָביעקט.

דער טראַדיציאָנעלער פאַרבאָט צו באַגעגענען זיך פון די צוויי געשלעכטן האָט געמאַכט נויטווענדיק די פאַרמיטלונג פון זייטיקע צו צוזאַמענברענגען די צוויי געשלעכטן — די באַוואוסטע בא אידן שדכנים.

די שדכנים אינסטיטוציע איז אויך געווען א שטערונג אין דעם פרייען אויסדרוק פון דעם געטליכסטן געפיל אין מענטשן. דאָס ליבע־געפיל האָט ניט געקענט זיין אַן אויסדרוק פון איינגעבאָרנעם גע־פיל פאַר פאַרשיידענע קוואַליטעטן, פאַרשיידענע מעלות, אייגנשאַפטן און איינצעלנע שטריכן וואָס באַהערשן א געוויסן טיפּ מיידל און פאַרקערט קענען דורכגיין אָן קיין ווירקונג, אָדער גאָר זיין אָפּ־שטויסנד פאַר א צווייטער. די חתונות וואָס פלעגן זיך שליסן דורך דער שדכנים אינסטיטוציע, זיינען געווען מער אָן אַקט פון צופּאַסן זיך פון איינעם צום אַנדערן, אָבער אַממערסטן פון דער פרוי צו דעם מאַן, פאַר וועלכן איר פאָטער האָט אַזוי טייער באַצאָלט.

און ווען מיר זאָגן, „אַזוי טייער באַצאָלט", מיינען מיר עס טאַקע אין פולן זין פון וואָרט, ווייל דער אידישער פאָטער האָט תמיד איינ־געשטעלט אין נדן אַלץ און אין גאַנצן וואָס ער האָט פאַרמאָגט. דער אידישער פאָטער איז שטענדיק געווען גרייט מקריב צו זיין זיין גאַנצן פאַרמעגן און פיליכט נאָך פאַרשולדיקן זיך כדי צו טאָן א „גוטן שידוך" פאַר זיין טאָכטער, ווייל אָן דעם, האָט ער פאַרשטאַנען, איז אָפּהענגיק דער גליק פון זיין קינד אויף איר גאַנצן לעבן. די ליבע פון פאָטער און מוטער צו די קינדער איז שטענדיק געווען זייער שטאַרק בא אידן. און דאָס איז דאָך אויך אַן אויסדרוק פון געשלעכטלאַכן אינסטינקט. און דאָס געפיל פון ליבע צום קינד בא אָט די עלטערן איז פיליכט געווען די ערשטע און איינציקע ליבע אין זייער לעבן. קיין וואונדער וואָס אידישע עלטערן האָבן שטענדיק געהאַט א שם פאַר זייער געטריישאַפט צו זייערע קינדער.

דער מנהג פון נדן געבן האָט געהאַט אונטער זיך א באַרעכטיקטן עקאָנאָמישן באָדן. דער אידישער יונגערמאַן פון דער ישיבה אָדער

אַזוי זיך דעם „טאַטנס אַ זון“, איז ניט געווען פעאיק צו פאַרזאָרגן מאַטעריעל זיך און זיכער ניט זיין יונגע ווייב מיט די קומענדיקע קינדער. צו ערנערן און קליידן זיין פאַמיליע האָט ער געמוזט האָבן אַ שטיקל קאַפּיטאַל אָנצופאַנגען אַ געשעפט. איז עס ניט געווען האַנדלען, האָט ער געדאַרפט אייניקע קערבלאַך צו עפענען אַ וואַרשטאַט פאַר זיך, אויב ער איז געווען אַ בעל מלאכה. אמווינציגסטנס האָט ער געדאַרפט פאַרפירן אַן אונאָפּהענגיק הויז ווירטשאַפט. דער נדן אין מערסטע פאַלן איז געווען אַ מוז, אָבער דער מיאוס'ער דינגען זיך וואָס עס פלעגט באַ דעם אָנגיין, דאָס פרובירן אַרויסקוועטשן באַ דער מיידלס פאָטער אַממערסטן, האָט געמוזט אין דער פילנדער מיידלס האַרץ אַרויסרופן אַן אָפּשטויסונג, אַ האַס צום יונגן מאַן, גיכער ווי אַ ליבע־געפיל. דאָך איז דאָס געווען דער מיידלס איינציקע ברירה און דעם יונגן מאַנס איינציקער מיטל צו איינאָרדנען זיך מיט אַ ווייב אונ־אָפּהענגיק.

דאָס פריידיינקן פונ'ם יונגן דור האָט באַזיגט דעם רעליגיעזן פאַ־נאַטיזם פון דעם אַלטן מיט דעם אָנפאַנג פון היינטיקן יאָרהונדערט. מיט דעם פאַלן פון רעליגיעזן פאַנאַטיזם האָבן זיך צעטרייסלט די שדכנים און נדן איסטיטוציעס. אָבער צוליב דעם שוואַכן עקאָנאָמישן צושטאַנד פון דעם אידישן יונגן מאַן זיינען נאָך די צוויי שענדלאַכע אינסטי־טוציעס פון מיטלאַלטער ניט אינגאַנצן פאַרשוואונדן. פאַרקערט, די שרעקלאַכע מלחמה מיט אירע פאָלגן, עקאָנאָמישע רואינע, דער מאַנגל אין מענער און איבערפלוס פון פרויען האָבן צוריק אָנגעלעבט דעם שדכן און נדן.

וואָס די אורזאַכן זאָלן ניט זיין, איז עס אָבער אַ פאַקט, אַז צווישן אידישע קינדער האָט מען זעלטן געזען אַ ליבע אין די פריערדיקע צייטן אין די גאָר יונגע מיידלשע יאָרן, אַפילו אין דער פעריאָדע פון דער רעוואָלוציע איז עס זעלטן געווען אין רוסלאַנד.

אַנדערש איז מיט די אידישע מיידלאַך אין אַמעריקע. דאָ איז די אידישע טאָכטער אונטערגעוואָרפן די זעלבע אומשטענדן, ווי אַלע מיידלאַך, זי איז אונטער דעם איינפלוס פון דער „מואווי“ ווי אַלע אַנדערע און די העלדישקייט פון די מואווי ליבעס איז זייער פאַר־

פירנד און האָט נאָך א גרעסע ווירקונג אױף די גאָר יונגע קינדער. אָפט לאָזט זיך טאקע גאָר ניט אויס פון די גאָר יונגע ליבעס. דערפאר לאָזט עס איבער אַן איינפלוס אױף די שפּעטערדיקע שידוכים. עס רייבט אָב די שארפקייט, דעם גרויסן שפּאַנענדן אינטערעס פון דער ערשטער ליבע. מיר זעען דאָ אין אמעריקע דעם געגנזאַץ פון די אייראָפּעאישע שידוכים. אַנשטאָט וואָס דער בחור האָט געזוכט דעם נדן, קוקט די מיידל אויס אױף דעם בחורס פארמעגן און איינקונפט און דאָס מיידל לאָזט אירע ראָמאַנטישע שטרעבונגען זיך באַוועגן אין דער ריכטונג פון דער מאגנעטישער צוציאונגס־קראפט פון גאָלד.

אָבער ווי שטארק די מאגנעטישע צוציאונגס־קראפט פון גאָלד זאָל ניט זיין אין דער היינטיקער געזעלשאפט, איז עס נאָר די דעגענע־רירטע פרוי, וואָס וועט זיך איבערגעבן צו אַ מאַן וואָס אפּעלירט ניט געשלעכטלאך צו איר אין אַ קלענערן אָדער אַ גרעסערן גראַד.

באַ די ניט אַנטוויקעלטע, איינפאַכע פרויען פון די נידעריקע שיכטן פון פאָלק איז מאנלאכקייט, מענערשע פיזישע קראפט, ווירקט אַלס אַ גרויסע צוציאונג. אַ דירעקטע אָבשטאַמונג פון דעם איז ספּארטמאנשאפט באַ די אמעריקאנער. דאָס באַוועגט ניט נאָר די פרוי פון די נידעריקערע און מיטעלע שיכטן אין אַמעריקע, נאָר, אויך די איינפאַכע מיידל פון די רייכערע און געבילדעטע שיכטן, וועלכע זיינען דאָס רוב אַזוי פשוט און אַזוי ווינציק אינטעלעקטועל אַנטוויקלט ווי די אונגעבילדעטע.

דאָס נעמט זיך וואַרשיינלאך דערפון, וואָס ספּאָרט, בייז באָל, פוט באָל, באקסינג א. ד. ג. שפּילן אַזאַ גרויסע ראָל אין אמעריקאַנעם לעבן. אָבער די אַנטוויקלטע, די מיידל מיט אַ דערציאונג, ווי די געבילדעטע אידישע מיידל פון אייראָפּע און פילע פון אמע־ריקע וואו די עלטערן האָבן אויסגעאיבט זייער איינפלוס אױף דעם יונגן דור, די מיידל פארגעטערט און איז באַצויבערט פון דער אינטעלעקטועלער אויבערשאפט פון מאַן.

די ווערט פון אינטעלעקטואלער שטארקייט פון מאַן איז צו זען אין דעם, וואָס זייער זעלטן איז צו באַגעגענען אַ פרוי וואָס זאָל

הייראטן אָדער פארליבן זיך אין א מאַן פון נידעריקער אינטעליגענץ.

אויסערלאַכע שיינקייט אין מאַן איז א צוציאונג פון דריטן גראַד. חוץ דעם איז דאָך די מיידל צוגעוואוינט צו הערן די לויב־גע־זאנגען פון מענערשע קינסטלער איבער איר אייגענער שיינקייט.

און דאָס, איר שיינקייט, איז דאָס בעסטע און אָפט דאָס איינ־ציקסטע וואָס די פרוי נוצט אוים צו דערנעענטערן צו זיך דעם מאַן.

באַגרענעצט אין איר אָפּשאַצונג פון שענקייט זעען מיר אין דער היינטיקער פרוי דעם איבערבלייב פון דעם געשמאַק פון די ווילדע צייטן, ווען זיי פלעגן זיך באַפּוצן מיט פארבן, פעדערן, נאַז־בענדער א. ד. גל. אין דער היינטיקער געזעלשאַפט איז דאָס איינע פון די ווינציקע פארבלייבונגען פון דעם ווילדן געשמאַק. אונטער דער צירונג איז אָפט פאראַן אמת'ע שענקייט, באַהאַלטן אונטער פארב און פודרע, און בלענדענדן שיין פון די גילדערנע און אַנדערע צאַצקעס וואָס זאָל „באַצירן" דעם ווייבלאַכן קערפּער. און די אמת'ע שיינקייט איז די מתנה פון דער נאַטור, אַן אויסדרוק פון פאָלקאָמענקייט אום צו דער־גרייכן אירע צוועקן — דאָס צוציען דעם אַנדערן געשלעכט מיטן אַב־זיכט אויפצוהאַלטן און פארמערן דעם מין.

עס זיינען פאראַן נאָך אייניקע כאראַקטעריסטישע שטריכן אין מאַן און פרוי, וואָס דינען אַלס צוציענדיקע אָדער אבשטייסנדיקע פאַקטאָרן אין די באַציאונגען פון דיביידע געשלעכטן. נעמלאָך, מוט, העלדישקייט, און אָפּפערווייליקייט, זיינען שטריכן, וואָס גע־פעלן פרויען. קאַרגשאַפט, פייגהייט, זעלבסטזיכטיקייט אין מאַן זיינען אבשטויסנד צו דער פרוי. באַשיידנקייט, צאַרטלאַכקייט און אונ־שולדיקייט אין דער פרוי אַפּעלירן צום מאַן, און א חנ'עוודיקער שמייכל פון א פרוי קען אָנצינדן דעם ערשטן פייערל פון ליבע אין מאַנס האַרץ אזוי גוט ווי פילע אַנדערע מעלות.

דאָס זיינען נאָר אַלגעמיינע באַדינגונגען פון געשלעכטלאַכער צוציאונג, באַדינגונגען וואָס דערוועקן די געפילן פון ליבע. עס זיינען אויך דאָ אינדיווידועלע אייגענשאַפטן אין יעדער פערזאָן, וואָס שאַפן פארשיידענע וואַריאַציעס פון די דערמאָנטע אייגנשאַפטן און שטריכן,

אָפּט אַרויסשטעלנדיק אַלס דאָמינירנדע, צוציענדע אָדער בינדנדע אייגנשאַפט אַזאַ, וואָס קען אין אַנדערע פאַלן זיין נאָר אַן אומוויכטי־קער פאַקטאָר.

אין דער געמיינשאַפטלאַכער דערנענטערונג פון די צוויי גע־שלעכטן זיינען פאַראַן פאַקטאָרן, וועלכע מיר קענען ניט אינגאַנצן באַ־גרייפן. יעדער מענטש האָט זיך זיין געשמאַק, עפּעס וואָס אַפּעלירט צו אים און ניט צו פילע אַנדערע, אַזעלכע שטריכן אין אַ פּערזאָן וואָס געפעלן און אַפּעלירן, אַנדערע וואָס זיינען אָפּשטויסנדיק פאַר איין פּער־זאָן אָבער ניט צו אַנדערע. אויסער דער ריין־געשלעכטלאַכער צוציאונג פון דעם מאַן צו דער פרוי און פאַרקערט, מוז אויך זיין אַ טייל געוויינ־לאַך מענטשלאַכע שטריכן, ניט געשלעכטלאַכע אייגנהייטן, אַזעלכעס וואָס דערנענטערט מאַן צו מאַן און פרוי צו פרוי. ווען די ווירקונג פון אַזוינע זיטן פעלן אין איינעם פון דעם פּאָרל, וועט עס זיכער שטערן דער פּאָלקאָמענקייט פון דער ליבע און שפּעטער, נאָך דער פאַרלעשונג פון דער ליידנשאַפט אַרויסרופן רייבונגען אין פאַרהייראַטן לעבן.

די ליבע צווישן מאַן און פרוי וואָס מען באַגעגנט נאָך דער חתונה איז ניט דיזעלבע וואָס מען זעט פריער. ליידנשאַפט פאַר־מאַסקירט אָפּט דעם אמת'ן גראַד פון ליבע פאַר דער הייראַט, און סאָציאַלע און עקאָנאָמיש געמיינזאַמע אינטערעסן פאַרנעמען אָפּט דעם פּלאַץ פון ליבע באַ פאַרהייראַטע. אמתע ליבע איז דאָ, וואו די געפילן, סענטימענטן און באַגריפן האַרמאָנירן, וואו דאָס פּאָרל פּאַסט זיך צו פריער געשעלעכטלאַך און דערנאָך אין מערסטע פון די איבעריקע מענטשלאַכע געפילן און זיטן איינער צו דעם אַנדערן. עס נעמט פיל צייט ביז די אייגנאַרטיקייטן ווייזן זיך אַרויס, ביז די ליידנשאַפט פאַרשווינדט און לאָזט די צוויי באַזונדערע מענטשן מיט זייערע אונ־פאַרמיידלאַכע געגנזייטיקייטן אַרויסווייזן זייערע אמתע פּאָלאַריטעט, זייער געשלעכטלאַכע און מענטשלאַכע נאָענטקייט אָדער פאַרקערט.

עס איז דאַרום פאַרשטענדלאַך, אַז נאָר אין די פאַלן ווען דאָס פּאָר האָבן זיך צוגעפּאַסט איינע צו די אַנדערע נאָך במעט פון קינדהייט, ווי עס טרעפט, אָדער נאָך אַ קורצן פעריאָד פון צוזאַמענלעבן, ווען

די ליידנשאפט איז פארשוואונדן, קען מען נאָר זען צו בא דער פּאָר איז פארבליבן אמתע ליבע.

אזעלכע ליבעס זיינען דאָ ווינציק, אָבער עס מיינט ניט אז אַ צופרידנשטעלנד צוזאמענלעבן אין דער צוקונפט איז ניט מעגלאך, ווייל מיר זעען פילע צופרידנשטעלנדע הייראטן אפילו אָן ליבעס, וואָס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען דורך שדכנים, ווען דער נאַטירלאַכער אויס־וואל און דער געשלעכטלאכער אינסטינקט האָט ניט געהאט קיין גע־לעגענהייט צו באַשטימען אין דעם אויסוואל און דאָך פאסן זיי זיך צו און לעבן זיך איין צו ביידנס צופרידנקייט און אָן שאָדן צו זייער דור.

פארקערט, עס איז א סברה, אז גראד די שדכנים צונויפפּאָרונ־גען זיינען גראד דערפּאָלגרייכער און שטעלן צופרידן די פארהייראטע פשוט דערפאר, וואָס דאָ איז ליידנשאפט, אלס שנעל אויסוועפנדיקע אייגנשאפט אויסגעשלאָסן און די ראסע אייגנשאפטן וואָס שטעלן צוזאמען מער פון א העלפט פון די אייגנשאפטן פון אין אינדיווידואום זיינען באשיצט דורך דעם אויסוואל פון זייטיקע מענטשן וועלכע זיי־נען פאראינטערעסירט נאָר אין די דאָזיקע אייגנשאפטן.

דאָס מיינט אָבער ניט, אז ריינע ליבע, פון וועלכער געשלעכט־לאכע ליידנשאפטן זיינען דער דאָמינירנדער פאקטאָר, זאָל ניט זיין דער ציל אין הייראט.

הייראַט

הייראַט איז די עלטסטע געזעלשאַפטלאַכע אינסטיטוציע באַ מענטשן. עס איז דער ערשטער שריט פאַר געזעלשאַפטלאַכן לעבן, דער אנפאַנג פון געזעלשאַפטלאַכער איניציאַטיוו און טעטיקייט. הייראַט איז עלטער פון דער מענטשלאַכער ציוויליזאַציע. באַ פילע חיות, פויגלען און, איבערהויפּט, מאַלפּעס, געפינט מען הייראַט אָפּט אַף אַ גאַנץ הויכן גראַד פון אנטוויקלונג.

הייראַט איז אַ געשלעכטלאַכער צוזאַמענלעבן פון מאַן און פרוי. די אויפגאַבן פון הייראַט זיינען ניט נאָר צו ברענגען אַף דער וועלט אַ נייעם דור, ברענגען פרוכט פון דעם געשלעכטלאַכן פאַרקער נאָר אויך אויפברענגען און דערציען די קינדער.

דאָס זיינען די צוועקן פון הייראַט וועלכע זיינען אָנגעוויזן פון דער נאַטור. דער ציוויליזירטער מענטש האָט אָבער אויך אריינגע־לייגט אין דער מאָנאָגאַמישער הייראַט די גייסטיקע איינהייט פון צוויי נשמות, וואָס ווערט געבאָרן אין די צוויי הערצער מיט די ערשטע גע־פילן פון ליבע און אנטוויקלט זיך און ווערט שטאַרקער מיט הייראַט און דויערט לאַנג נאָך דער געשלעכטלאַכער באַפרוכטיגונגס פעאיקייט, און לאַנג נאָך דער צייט ווען די קינדער נויטיקן זיך אין דער הילף פון די עלטערן. דער מענטשלאַכער גייסט, די מענטשלאַכע נשמה האָט איבערשטיגן די נאַטירלאַכע פאָדערונגען אין הייראַט און געמאַכט דאָס גייסטיקע פאַר דעם גרונד יסוד פון הייראַט. באַ היינטיקן טאָג, ווי באַ די פעלקער פון אַלטערטום און מיטלאַלטער, און הויפּטזעכלאַך באַ די פעלקער פון ציוויליזאַציע, איז דאָס ערווערבן פון אַ פאַמיליע, דאָס הייסט, קינדער האָבן, גייט האַנט אין האַנט מיט די אויפגאַבן פון הייראַט. נאָר באַ איינצעלנע ווילדע שבטים זיינען ניט ביידע צדדים פאַראינטערעסירט אין דעם באַזאָרגן די קינדער. אַלס באַווייז, אַז הייראַט באַ מענטשן האָט דעם אַבזיכט ניט נאָר צו ברייגנען קינדער נאָר אויך זיי אויפצוהאָדעווען, ווייזט דאָס וואָס באַ די אור־עלטער־עלטערן פון דער מענטשהייט, די מאַלפּעס פון וועלכע די מענטשן שטאַ־

מען אָפּ, זיינען ביידע עלטערן באזאָרגט אין דער באשיצונג פון די קינ־דער פון הונגער און שונאים. נאָר בא אזוינע שבטים, וואָס לעבן קאָמוּ־ניסטיש איז ניט געווען נויטיק צו האָבן ביידע עלטערן פאראייניקט כּדי צו שפּייזן און שיצן דאָס קינד. דער אור־אַלטער מענטש איז אָבער צום אָנפאנג געווען ניט קיין גרעסערע באזאָרגטע חיה אין פולן זין פון וואָרט. ער האָט געלעבט אין פאמיליען, דער מאן און פרוי מיט די קינדער, און פיליכט נאָך אייניקע. זי האָט זיך פארנומען מיט די קינדער און ער האָט באזאָרגט די שפּייז און פארטיידיקט די פאמיליע פון אָנפאל פון חיות און די פרוי פון בייזן וואונש פון אנאנדער מאן. אזוי זעען מיר קומט פאָר בא די העכערע סאָרטן מאלפּעס וואָס קומען צו נאָענט צום מענטש. מיט א העכערע שטופּע פון קולטור, ווען עס איז לייכטער געוואָרן צו שפּייזן זיך, א דאנק דער אנטוויקלונג פון מענטשלאכן אינטעלעקט, וואָס האָט אָנגעפאנגן צו ערפינדן פּרימיטיווע געצייג, און מיט דעם באהערשן פון דער נאטור און אנדערע לעבעדיקע וועזנס, האָט זיך די מענטשהייט אָנגעפאנגען צו גרופּירן, לעבן אין שבטים.

די הייראט, וואָס בא דעם גאָר ווילדן פלעגט אָנהאלטן אַם ווינציקסטן אזוי לאנג ווי דאָס קינד איז געווען הילפלאָז און די מוטער האָט עס ניט געקענט פארלאָזן צו זוכן שפּייז, האָט שפּעטער, מיט די ערשטע שפּורן פון קולטור, אָנגענומען נאָך א מער פּערמאנענטן כאראק־טער. אין דערזעלבער צייט האָט דער מאן, ריכטיקער, נאָר אייניקע אויסגעקליבענע מענער, געקענט זיך ערלויבן צו האָבן מער ווי איין ווייב . דאָס איז געווען דער אָנפאנג פון פּאליגאמיע — פיל ווייבעריי.

מיט דער ווייטערדיקער קולטורעלער אנטוויקלונג פון דער מענטשהייט איז פּאליגאמיע בא פילע פעלקער געוואָרן די הערשנדע פאָרם פון הייראט. בא אידן אין די ביבלישע צייטן און ביז דעם סוף פון מיטלאלטער איז פּאליגאמיע געווען די הערשנדע הייראטס־פאָרם. **דאָס איינציקע וואָס האָט געקענט אָפּהאלטן א מאן פון האָבן וויפיל ווייבער זיין הארץ האָט געגלוסט איז געווען זיין ניט פייאיקייט זיי צו דערנערן.**

איז אָבער גראָד אין יענער צייט איבעריקע הענט, פילווייבעריי

געווען א נוצלאכע זאך. מען האט זיי געקענט באנוצן אפן פעלד און אין דער פרימיטיווער הויז־ווירטשאפט. קינדער האבן די פרויען פון די אור־אלטע יארן ניט געבוירן קיין סך. דאס זויגן פעריאד פלעגט אנהאלטן בא זיי פון (2) צוויי ביז (4) פיר יאר און דאס איז דאס רוב א שטערונג פאר קאנצעפציע. די קינדער אבער, ווי די פרויען, זייגען אויך ניצלאכע העגט אין דער ווירטשאפט. דארום האט די פאמיליע, דאס הויז־געזינט פון מאן געווען זיין רייכטום. וואס מער ווייבער און קינדער ער האט געהאט, אלץ רייכער איז ער געווען.

פאליגאמיע איז דארום געווען נאר אן אינסטיטוציע פון פארגרעסערן דאס אייגנטום, אן אינסטיטוציע וואס האט ווייניק געהאט צו טאן מיט די אבזיכטן פון הייראט, ווי מען פארשטייט דאס יעצט.

אין דער פארם פון הייראט האט מען דאך געקענט זען מאנאגאמישעס. כאטש עקאנאמיש איז דער מאן געווען פאראינטערעסירט אין פאליגאמיע, און געשלעכטלאך האט דער מאן אויך ניט געקענט האבן דאגעגן, זיינען דאך געווען אין דעם פאליגאמישן לעבן מאנאגאמישע שטריכן. צווישן אלע ווייבער איז געווען איינע וועלכע איז געווען אממערסטן באליבט, געהאלטן און געשעצט העכער ווי די איבעריקע. די מער באליבטע ווייב האט ווי באלעבאטעוועט איבער די איבעריקע. אפט זיינען אלע ווייבער אויסער איינע געווען „קעפס"־ווייבער, ווייבער פון צווייטן ראנג.

עס איז געווען נאך א פארם פון הייראט באוואוסט אלץ פאליאנדריע. אונטער דער פארם פלעגט איין פרוי האבן אייניקע מענער. די פרוי פלעגט לעבן מיט יעדן מאן א געוויסע צייט. די פארמע איז געווען פיל זעלטענער ווי פאליגאמיע, צוליב דעם אינסטינקטיוון געפיל פון דער פרוי צו מאנאגאמישן לעבן און צוליב די געוויינלאכע אייפערזיכטיקייט פון מענער. פאליאנדריע האט מען געקענט טרעפן וואו פרויען זיינען געווען זייער באגרעניצט אין צאל, ווען פארקערט, פאליגאמיע איז געווען פאפולער בא פעלקער וואו פרויען זיינען געווען אין א צו גרויסער צאל.

כל זמן די צאל מענער איז געווען פיל קלענער ווי די צאל

פרויען, אַן אונטערשייד וואָס איז געווען צו פאַרדאַנקען ניט דער נאַטירלאַכער געבורט איינטיילונג, נאָר צוליב פאַרשידענקייט פון דעם אַרט לעבן פון די צוויי געשלעכטן וואָס האָט געשטעלט דעם מאַן אין אַ גרעסערער געפאַר און אַרויסגערופן אַ גרויסע שטאַרבלאַכקייט. איז פּאָליגאַמיע געווען באַרעכטיקט. די עקאָנאָמישע ווערט פון דער פרוי אין דער אַלטער און מיטלאַלטערלאַכער ווירטשאַפט און די תאוה פון מאַן האָבן לענגער מיטגעהאָלפן אין באַפעסטיקן און באַרעכטיקן די פּאָליגאַמישע הייראַטס פאָרם. נאָך ביז איצט געוועלטיקט דיזע הייראַטס פאָרם צווישן די רייכע אין אָריענט. אפילו נאָך אין 19־טן יאָר הונדערט זיינען געווען שפּורן פון פּאָליגאַמישן לעבן אין אייראָפּע.

מיט דעם אָנפאַנג פון דער אַגריקולטור און פאַרמינדערונג פון דער געפאַר פאַר ערווערבן אַ לעבן דורך יאַגד און דאָס אויסמיידונג פון די אָפטע פאַרניכטנדע מלחמות צווישן די שבטים און צווישן די פילע פעלקער, האָט זיך די פּראָפּאָרציע פון פרויען און מענער ביסלאַכווייז אויסגעגליכן און דאָס פאַרגעניגן פון האָבן מער ווי איין פרוי איז פאַרבליבן די פּריווילעגיע נאָר פון איינצלנע, פון די רייכערע און שטאַרקערע.

אין דער פּאָליגאַמישער הייראַט איז דער מאַן געווען ניט נאָר דער האַר, נאָר דער אייגנטימער פון די פרויען. צו אים האָט באַלאַנגט דאָס האָב־און־גוטס וואָס די גאַנצע פאַמיליע האָט ערוואָרבן און פאַרמאָגט. ער האָט שטאָלצירט ניט נאָר מיט דער גרויס פון דער טשערעדע שאָף, נאָר אויך מיט דער צאָל ווייבער און קינדער וואָס ער האָט פאַרמאָגט.

אויך בא אידן, אין די ביבלישע צייטן און פיל שפּעטער, זיינען די פרויען געווען דאָס אייגענטום פון מאַן, און א גאַנץ ווערטפול אייגנטום.

עס איז פאַרשטענדלאַך, אַז ווען די פרוי איז באַטראַכט געוואָרן אַלס אייגנטום, איז דאָס ערווערבן פון דעם אייגנטום געווען מער אָדער ווינציקער אַ קאָמערציעלע. דאָס רוב פלעגט דער מאַן באַצאָלן צו דער מיידלס פאָטער אַ געוויסן פּרייז פאַר איר. דער פּרייז איז געווען פאַר־

שיידן. אָפט פלעגט דער יונגער מאן, וואָס האָט נאָך גאָרניט פאַר־מאָגט, זיך פאַרקויפט צו דער מיידלס פאָטער אַלץ אַן ארבייטער אָדער קנעכט און האָט באַקומען זיין ווייב ערשט נאָך זיין דינסט. די באַ־לוינונג פון פאָטער פאַר זיין טאָכטער האָט אויסגעקוקט געדעכטלאָך, ווייל דער יונגערמאַן האָט צוגענומען נוצלאכע העגט פון זיין ווירטשאַפט.

געווים איז אין דעם זעלבן פעריאָד דאָס קויפן פון א ווייב ניט געווען דאָס איינציקע מיטל צו ערווערבן א פרוי. אין מלחמה פלעגן די באַזיגער צונעמען פון די באַזיגטע זייערע ווייבער און טעכ־טער און מאכן זיי פאַר זייערע אייגענע ווייבער אָדער קנעכט. איינצעל־נע העלדישע יונגע לייט פלעגן גנב׳נען זייערע ווייבער פון די עלטערן אָדער מענער.

אינטערעסאַנט איז, אַז אין די אידישע חתונה צערעמאָניעס זענען פאַרבליבן פילע שטריכן פון די אוראַלטע צייטן. צום ביישפיל, די כלה טאָר מען ניט לאָזן אליין אין דער וואָך פון דער חתונה, ווייל עמיצער קען זי צוכאַפּן. דאָס פאָלק זאָגט, אַז שדים, אָבער עס איז וואַרשיינלאָך אַן איבערבלייב נאָך פון די צייטן, ווען מען פלעגט גנב׳נען זיך א ווייב.

די פרוי איז נאָך אַלץ באַטראַכט אַלץ אייגנטום פון מאַן, אמ־בעסטן אַלס דעם מאַנס אונטערטעניקטע. דער מאַן איז דער האַר פון דער פרוי און קינדער.

צייטן בייטן זיך און מיט זיי דער אַרט לעבן, די מנהגים אד״ג, די ציוויליזירטע פעלקער זיינען אריבערגעגאַנגען צוריק צו מאָנאָגאַמיע, ווייבער זיינען געוואָרן צו ביליג כדי א מאַן זאָל זיך פאַרגינען באַצאָלן פאַר אַן איבעריקער ווייב. חוץ איינצלנע פערזאָנען וואָס האָבן געהאַט די מעגלאַכקייט אויסצוהאַלטן זיי פון זייער תאוה וועגן. די צאָל פון פרויען האָט געשטיגן צו דער צאָל פון מענער, און אָפט נאָך מער ווי מענער. דער פאָטער איז געוואָרן ווייליק צו אויסגעבן זיין טאָכטער אפילו ווען ער ווערט דערפאַר ניט באַצאָלט. דאָס האָט זיך נאָך בולט׳ער ארויסגעוויזן בא די פעלקער, וואו דער גרעסטער טייל האָט ניט געהאַט

קיין גרויסע ווירטשאַפט און דער טאָכטערס ארבעט איז ניט געווען ווייכטיק. דערפאַר איז עס געווען אַן איבעריקער מויל. אונטער אַזעל־כע אומשטענדן האָט ניט געקענט זיין קיין רייד פון צאָלן פאַר אַ ווייב, נאָר, פאַרקערט, דער פאָטער איז געווען צופרידן צוצאָלן פאַר אויסגעבן זיין טאָכטער, ווי פאַר איר וואוילזיין אַזוי אויך פאַר זיינע אייגענע אינטערעסן.

דאָס איז געווען דער אָנפאַנג פון איר נדן. בא די רוימער, ווי בא די גריכן, איז שוין געווען באוואוסט דער מנהג פון געבן נדן. אָבער בא די רוימער איז עס נאָר געווען אַן איבערגאַנגס שטופע. דער חתן פלעגט טאַקע באצאָלן פאַר דער כלה, אָבער ער פלעגט עס קריגן צוריק אַלס נדן. אַזוי איז עס אויך געווען בא אַנדערע פעלקער. מיט דער צייט האָט דאָס כלומרשט באצאָלן אָדער קויפן די ווייב אויפגע־הערט. דער כלה׳ס פאָטער האָט אָבער געמוזט אויסשטאַטן די טאָכ־טער מיט נדן. דער נדן איז געוואָרן אַן עקאָנאָמישע נויטווענדיקייט מיט דער אַנטוויקלונג פון ציוויליזאַציע, מיט דער קאָנצענטרירונג פון גרעסערע טיילן פון דער באַפעלקערונג אין שטעט און צוליב זייער אָפּ־רייסן זיך פון דער ערד. די ערד האָט אויך זיך אָנגעפאַנגען קאָנצענט־רין אין איינצלנע הענט, אין די הענט פון גרויסע ערד־באַזיצער, און דאָס האָט אויך, איבערהויפּט מיט דעם פאַלן פון דער פעאָדאַלער סיסטעם, אָפּגעריסן פילע פאַמיליעס פון באָדן, צעשטערט זייער ווירט־שאַפט און געמאַכט נוצלאָז ארבייטענדע הענט און איבעריק־הונגעריקע מיילער. צו דעם קען מען צוגעבן דעם מנהג פון חתונה מאַכן יונג, ווייל ניט שטענדיק האָט דער יונגער מאַן געקענט מאַכן אַ לעבן פאַר זיך און זיין יונגער פרוי. דער מנהג פון געבן „קעסט“, דאָס הויזן, שפּייזן און קליידן, פון די יונגע פּאָר פאַלק איז אויך ארויסגעדרונגען פון דיזעלבע מאָטיוון, ווי אויך דאָס „דרשה־געשאַנק“, פּרעזענטן פאַר ניי־פאַרהייראַטע, זיינען באַצוועקט צו איינאָרדנען די יונגע פּאָר פאָלק פאַר אַן אומאָפּהענגיקן לעבן.

עד היום זעען מיר די דערשיינונג. די אינסטיטוציע פון נדן און קעסט געבן, וואָס קומט דאָס רוב פון דער כלה׳ס עלטערן, און

אפילו דאָס דרשה־געשאַנק, וואָס קומט פון די פריינט און אייגענע פון ביידע צדדים, ווערט אָפּגעשוואַכט אָדער פאַרשווינדט נאָר דאָן און דאָרט וואו דער יונגער מאַן און אָפט דאָס מיידל קענען זיין עקאָנאָמיש אומאָפּהענגיק. אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וואו, אַ דאַנק דער הויכער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע קען אַפילו אַ קינד באַשעפטיקט ווערן בײַ די מאַשינען, איז קיין סימן ניטאָ פון נדן און קעסט. אויך אַלס באַ־שטעטיקונג פון די אורזאַכן וואָס האָבן איינגעפירט דאָס „נדן געבן“ איז דאָס אויפלעבן פון דעם מנהג נאָך דער וועלט מלחמה אין אייראָפּע, וואו עס איז פריער געווען אַפּן וועג צו פאַרשווינדן. דער קלענ־לאַכער עקאָנאָמישער צושטאַנד פון נאָך דעם מלחמה פעריאָד האָט אויפ־געלעבט דעם נדן. דאָך איז ניט אַזוי שלעכט דאָס נדן געבן, ווי טרויעריק עס איז די לאַגע פון דער מיידל, וואָס האָט ניט דעם נדן צו קריגן זיך אַ חתן.

דער אינסטינקט פון רעפּראָדוצירן דעם מין האָט באַשאַפן די הייראַט אינסטיטוציע. די ערשטע און וויכטיקסטע אויפגאַבע אין הייראַט איז געווען דאָס אויפהאָדעווען פון קינדער. די מער לאַנג־דויערנדע פאַראייניקונג פון די צוויי געשלעכטן איז געווען נויטיק פאַר דער דערציאונג פון יונגן דור. כדי מעגלאָך צו מאַכן די פאַראייניקונג פון די צוויי געשלעכטן האָבן זיך אויסגעאַרבייט פאַרשיידענע מנהגים צווישן פאַרשיידענע פעלקער אין פאַרשיידענע צייטן, וואָס זיינען גע־ווען באַגרינדעט אַף דעם עקאָנאָמישן צושטאַנד און מיטגעווירקט דורך קלענערע סיבות, ווי דער צו יונגער עלטער פון חתן־כלה, רעכטלאָזי־קייט פון דער פרוי א. ד. ג.

אין אַלגעמיין, האָט די הייראַט אינסטיטוציע דורכגעמאַכט קליינע ענדערונגען אין דעם מענטשנס אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג. מאָנאָגאַמיע איז שטענדיק געווען די הערשנדע פאָרם פון הייראַט. אפילו אין דעם פּאָליגאַמישן פעריאָד האָט מען געקענט געפינען שטריכן פון מאָנאָגאַמישער הייראַט. די פרוי איז שטענדיק, מיט קליינע אויס־נאַמען, געווען אונטערטעניק צו דעם מאַן. הייראַט איז אַממערסטן געווען אַ לעבנסלאַנגלאַכער קאָנטראַקט.

דאָס פאַרהיירטע לעבן צו היינטיקער צייט איז אומגעפער דאָס זעלבע, ווייל ביז לעצטנס זיינען די באַדינגונגען פון אונזער לעבן ניט פיל געענדערט געוואָרן.

די אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג אין דער ציוויליזירטער געזעל־שאַפט האָט געמאַכט אונגעהייער גרויסע שריט. די וואונדערלאַכע ערפינדונגען פון די לעצטע יאָרן ברעכן די אַלטע פאָרמען פון לעבן. די אַלטע פאָרמע פון פּראָדוקציע וואו נאָר מענערשע הענט האָבן געקענט געפינען א באַשעפטיקונג ווערן פאַרביטן. די פרוי ווערט א פאַקטאָר אין עקאָנאָמישן לעבן. מיט דעם קריגט די פרוי אירע געזעלשאַפטלאַכע רעכט. די נויטווענדיקייט פון בילדונג פאַר פרויען ווערט אַנערקענט. די פרוי ווערט עמאַניציפּירט, זי ווערט אין פילע הינזיכטן, אין עקאָנאָמישן, סאָציאַלן און פּאָליטישן לעבן, אויסגעגליכן מיט דעם מאַן.

איז אָבער די פרוי אין פאַמיליען לעבן, אין הייראַט גלייך צו איר מאַן? איז די מיטלאַלטערלאַכע קנעכטשאַפט פון דער פרוי פאַר־שוואונדן אין פאַמיליען לעבן?

דערווייל ניט. די פאַרהייראַטע פרוי, און איבערהויפּט די, וואָס איז באַשעפטיקט אין הויז. מיט דעם אויפהאָדעווען די קינדער, איז נאָך עקאָנאָמיש אָפּהענגיק פון מאַן, וועלכער איז פאַרבליבן דער פאַקטישער שפייזער פון ווייב און קינדער.

אָבער מיר קענען שוין זען די שפּורן פון אָנקומענדער גלייכ־באַרעכטיקונג פון דער פרוי אין הייראַט. דער באָדן פאַר דעם ווערט צוגעגרייט. די וואַקסנדע אינדוסטריע מאַכט אַלץ מער פּלאַץ פאַר דער פרוי. די פּאָליטישע, ציווילע און סאָציאַלע באַדינגונגען פאַר פאָל־קאָמער גלייכבאַרעכטיקונג פאַר דער פרוי אין פּאָליטישן לעבן פון לאַנד, ווי צווישן באַציהונגען פון מאַן און פרוי אין פילע ציוויליזירטע לענדער איז מער ניט קיין שטרייט פראַגע און די פראַקטישע פאַרווירקלאַכונג פון דער אומאָפּהענגיקייט און גלייכבאַרעכטיקונג איז א פראַגע פון דער נאָענטער צוקונפט.

דאָס ערשטע וואָס האָט געמאַכט הילפלאָז די פרוי איז געווען דאָס וואָס זי איז ניט געווען פעאיק אין פריערדיקע יאָרן צו מאַכן א לעבן

פאַר זיך. מיט דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע זיינען פילע וועגן פאַר עקאָנאָמישער באַזאָרגטקייט אָפּן פאַר דער פרוי. און מיט דער אָפּשאַפונג פון „אויסגעבן" די מיידלאַך אין די קינדערשע יאָרן און געבנדיק זיי אַ בילדונג גלייך מיט די אינגלאַך און דערנאָך אַ מעגלאַכקייט פאַר זיך זעלבסט צו ערנערן, ווי מיר זעען עס אין אימעריקע, שטעלט דאָס די פרוי אַף דערזעלבער שטופע פון אַנטוויקלונג און עקאָנאָמישער זיכערקייט. דאָס געפיל פון זיכערקייט און אָפּהענגיקייט טראָגט זיך אויך אַריבער אַף נאָך דער חתונה.

דער פעריאָד פון מוטערשאַפט, פון שוואַנגערן און אויפבריינגען די קינדער, איז נאָך ביז איצט אַ גרויסע שטערונג פאַר דער פרוי אַפן וועג פון עקאָנאָמישער, פּאָליטישער און סאָציאַלער גלייכבאַרעכטיקונג.

דאָך קען מען שוין זען אַז אויך אין דער הינזיכט בייט זיך עס, און אַלץ מער קריגט די פרוי צייט און געלעגנהייט זיך אַרויסטאָן פון דעם ענגן קרייז פון פאַמיליען לעבן און געבן אויפמערקזאַמקייט דער אויסערלאַכער וועלט. מען באַמערקט אין ציוויליזירטע לענדער אַ טענדענץ פון שטאַט צו נעמען איינטייל אין דער קינדער דערציאונג. שוין איצט פאַנגן די קינדער אָן באַזוכן די שולן אין די גאָר יונגע קינדער־יאָרן. די קינדער־גערטנער אין די פאַראייניקטע שטאַטען נעמען אַריין קינדער אין דעם עלטער פון פינף יאָר. איצט פאַנגט זיך אָן אַ באַוועגונג דאָ אין לאַנד פאַר שענקען אויפמערקזאַמקייט אַף קינדער פון די פאַר שול־יאָרן. ווען דער געדאַנק און טעטיקייט אַף דעם געביט וועט זיך מער אַנטוויקלען וועט עס געבן דער פרוי נאָך מער צייט און פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט.

אויך מוזן מיר דערמאָנען די דערשיינונג פון די באַשרענקטע פאַמיליען. די פרויען פון די סאַמע אָפּגעשטאַנענסטע שיכטן דאָ אין אמעריקע און אַנדערע לענדער קומען צום שכל פון געבורט־קאָנטראָל.

צו דעם דאַרף מען צוגעבן די פילע איינריכטונגען צו שפּאָרן צייט אַף יעדן געביט אין דער הויז־ווירטשאַפט.

ווען מיר זעען נאָך די פאַרטיידיקונג פון דער פרוי אין דער אינדוסטרי פון דעם שטאַט אין נייעם רוסלאַנד, ווי געהאַלט פון שטאַט

אין די לעצטע וואָכן פון שוואַנגערשאַפט און באַלד נאָך דער שוואַנגערשאַפט, וואָס וועט געווים אין גיכן אויך איינגעפירט ווערן דורך אַנדערע פּראָגרעסיווע לענדער, קען מען באַגרייפן די מעגלאַכקייט און נאָענטקייט פון דער פרוים פאָלקאָמענער אומאָפּהענגיקייט פון מאַן און איר פאָלקאָמער גלייכבארעכטיקונג.

די אָבגעשטאַנענע ווייבער וועלן אין דעם פּיליַיכט ניט געפינען פאַר זיך קיין טרייסט. די פינסטערע ווינקלען פון זייערע היימען מיט דעם טויט שמוציקע און קראַנקע קנידערלאַך איז אימער געווען זייער איינגע וועלטל, דער קוואַל פון פרייד און טרויער. די שיין פון דער אָפענער וועלט און דער גליק פון אומאָפּהענגיקייט און גלייכבארעכטיקונג זיינען פרעמד און שרעקן זיי. די פּראָגרעסיווע פרוי וועט די פּערספּעקטיוון אַנדערש באַגעגענען.

וואָס פאַר א ווירקונג די פאָלקאָמע אומאָפּהענגיקייט און גלייכבארעכטיקונג פון דער פרוי וועלן אויסאיבן אויף דער הייראַט און די באַציאונגען פון מאַן און פרוי אין דער צוקונפט איז לייכט צו דרינגען.

די פרוי פון דער צוקונפט וועט ניט מעסטן איר באַשערטן נאָך איר פאָטערס פאַרמעגן, נאָך דעם גרויס פון נדן, אויך וועט זי ניט דאַרפן זוכן אין אים נאָר אַ מעגלאַכקייט זי אויסצוהאַלטן. דאָס געפיל פון עקאָנאָמישער אומאָפּהענגיקייט וועט לייזן דאָס נאַטירלאַכע אינסטינקטיווע געשלעכטס־געפיל, דעם איינצלנעם ריכטיקן וועגווייזער פאַר אונבאַגרענצטע ריינע ליבע, דעם נאָבלסטן מענטשלאַכן געפיל. דאָס מיטלעבן פון מאַן און פרוי, דאָס פאַרהייראַטע לעבן, וועט ניט דאַרפן זיין אַ געצוואונגענע פאַראייניקונג. די פרוי וועט איר מאַנס גלייכן זיין, און זי וועט נאָר אויף אַזוי פיל אָפּהענגיק זיין פון אים ווי ער פון איר.

היגיענע פון הייראט

אונטער דעם פארשטייען מיר די כללים פון פארהייראטן לעבן, וואס באפרידיקן פיזיש, וואס האלטן אויף און פארהיטן דאס געזונט פון די פארהייראטע.

די אידעאלע הייראט פאדערט צום אלעם ערשטן דאס צעזאמענ־קונפט פון צוויי געזונטע מענטשן. פיזישע אבנארמאליטעט, ווי אויך גייסטיקע קראנקהייט און אינטעלעקטועלע שוואכקייט פון איינעם פון די פארהייראטע, וועט זיך אפרופן אף דעם געזונט צושטאנד ווי אף דעם וואוילזיין פון אנדערן און אויך אף דעם קומענדיקן דור. עס איז דער־פאר ראטזאם, אזביידע זאלן אונטערזוכט ווערן מעדיציניש פאר דער הייראט צו אנטדעקן אזוינע פעלערן, וואס קענען שטערן דאס געזונטע און הארמאנישע צעזאמענלעבן, דעם געזונט פון שותף און דעם קו־מענדן דור. אמווינציקסטן זאל אזא אונטערזוכונג געמאכט ווערן ווען עס איז דא א צווייפל, אדער פארדאכט, אז איינער אדער פיליכט ביידע זיינען ניט פאלקאם געזונט. דער געדאנק געפינט פילע געגנער־שאפט פון ראמאנטיש געשטימטע פערזאנען, אזעלכע וואס ווילן געלאזן זייערע געפילן באהערשן זייערע אייגענע לעבנס און דאס לעבן פון דער וועלט. אין טאג־טעגלאכן לעבן זיינען אבער ניטא אזוי פיל העלדן ווי אין דער ליטעראטור, וואס ווילן אפפערן זייער גאנצן לעבן און דאס וואלזיין פון זייער צוקינפטיקן דור פאר א געליבטן אדער א געליבטער, ווען עס איז דא א צווייפל אין דער פאסנדקייט פאר א געזונטן און אנגענעמען צוזאמענלעבן אין הייראט.

א מעדיצינישע אונטערזוכונג פאר דער הייראט קען אויך אנטדעקן פעלערן, וועלכע קענען באזייטיקט ווערן אין צייט צו פאר־היטן פיל אונאנגענעמלאכקייטן, שאדן צו דער צווייטער פערזאן, ווי אין פאל פון א היילבארער קראנקהייט, איבערהויפט אנשטעקענדער, און קריגן א ריכטיקע עצה צו פארבעסערן און אפיהיטן דאס געזונט.

אין פאל פון טובערקולאזיס, כראנישע גאנאריע און די ערשטע שטופן פון סיפילים איז ראטזאם אין גאנצן ניט הייראטן. אין אנדערע

קראַנקהייטן איז עס אָבער וויכטיק צו פאַרלייכטערן אָדער אינגאַנצן אויסגעהיילט ווערן כדי צו אָנהאַלטן דאָס האַרמאָנישע צוזאַמענלעבן, וואָס קען צעשטערט ווערן דורך אומצופרידנהייט פאַראורזאַכט דירעקט אָדער אינדירעקט פון דער קראַנקהייט, ווי דאָס אָפּשוואַכן פון סעקסועלן אַפּעטיט, פון אָפּציען די אויפמערקזאַמקייט פון שותף אין הייראַט, דורך אַרויסרופן פאַרדאַכט צו מער געפערלאַכע קראַנקהייטן א. א. ז.

די פאַרשיידענהייטן פון טעמפּעראַמענט און פאַרהאַלטונג צו געשלעכטס־פאַרקער רופט אַרויס מער אונצופרידנקייט אין הייראַט ווי אַלע אַנדערע פאַרשיידנקייטן. פרויען זיינען קילער און פאַרהאַלטן זיך גלייכגילטיקער צו דעם געשלעכטס־פאַרקער, ווי מענער. פילע פרויען פאַרהאַלטן זיך צום פאַרקער מיט אַן עקל און פאָדערן פון מאַן זיך אָפּצוהאַלטן פון פאַרקער. דער מאַן ווערט, פאַרשטענדלאַך, פּראָטעסטירן און אויב ער ווערט ניט אויספירן זיינס, ווערט ער ענדלאַך זוכן אַ באַפרידיקונג ערגעץ אַנדערש. דער אָפּטסטער אויסוועג פאַר דעם מאַן איז צו באַזוכן פּראַסטיטוטקעס, וואָס ווערט ענדלאַך רואינירן דאָס געזונט פוןביידן דורך ווענערישע קראַנקהייטן. פרויען, וואָס האָבן אַן עקל אָדער שרעקן זיך פאַר דעם סעקסועלן אַקט, וואָלטן געטאָן גלייכער ווען זיי הייראַטן אינגאַנצן ניט. אָפט אָבער פאַרשווינדט דער עקל און שרעק פאַר דעם פאַרקער מיט דעם באַווייזן זיך פון אויפריכטיקער ליבע און צוטרוי צום געליבטן. דער אונטערשייד פון די טעמפּעראַמענטן און פאַרלאַנג פון פאַרקער איז אָפט פאַראורזאַכט דורך אומפּאַסנדקייט פון עלטער פון די צוויי. אַ צו גרויסער אונטערשייד אין די יאָרן פאַראורזאַכט איינעם פון דער פּאָר צו פאַרבלייבן סעקסועל הונגעריק. דער אומצופרידענער, פאַרשטייט זיך, פאַרבלייבט דער וועלכער איז אינגער. נאָך ערגער איז עס, ווען די פרוי איז עלטער פאַר דעם מאַן. פיזיאָלאָגיש איז עס וויכטיק, אַז די פרוי זאָל זיין אינגער כער איז אינגער. נאָך ערגער איז עס, ווען די פרוי איז עלטער פאַר ענדיקט איר געשלעכטלאַכן לעבן פריער. וואַרשיינלאַך ווען צווישן די פאַרהייראַטע איז ניטאָ קיין עלטער אונטערשייד ווערט דער מאַן פאַרבלייבן אונצופרידן, ווען די פרוי ווערט זיין צו אַלט פאַר געשלעכטס פאַרקער.

אין געשלעכטלאכן אפעטיט, ווי אין אלע אנדערע הינזיכטן, איז ווינשנסווערט אז די פּאָר זאָלן זיך צופּאַסן איינער צום אנדערן. עס איז דאָס רוב וויכטיק, אז די פרוי זאָל זיך מוזן אונטערגעבן, ווייל דאָס רוב זיינען פרויען קילער, ווינציקער גענייגט צו פארקער און זיינען פּאַסיוו אין אקט. עס טרעפט אָבער אז דער סעקסואלער אפּעטיט, איז אזוי פארשיידן, אז דאָס קאָנטראָלירן זיך פון איינעם און נאָכגעבן פון אנדערן איז אוממעגלאָך. אין אזוינע פאַלן איז פיל בעסער פארביידן, אז זיי זאָלן זיך צוגיין, ווייל דער צו־זאמענלעבן וועט זיין פאר ביידן א גיהנום. דער געשלעכטס־פארקער בא א פּאָר פאָלק איז דאָס, וואָס האלט אָן די געפילן פון איינעם צו דעם אנדערן. עס איז ראטזאם דערפאר, אז עס זאָל אָנגעהאלטן ווערן אומאונטערבראָכן, אויסער אין דער צייט פון די מאָנאטלאכע, אין לעצטן מאָנאט פון שוואנגערשאפט און א מאָנאט נאָך דעם קינפּעט. אין צייט פון שוואנגערן מוז דער פארקער דורכגעפירט ווערן פּאָרזיכטיק.

מערסטע דיינקען, אז דער פארקער בא געזונטע מענטשן איז גענוג צוויי אָדער דריי מאָל א וואָך. עס זיינען דאָ פילע וואָס האָבן פארקער פיל מער און דאָך שאדט זיי ניט. דאָך איז עס וויכטיק צו אפּהאלטן זיך פון א צו אָפטן פארקער.

קיין געזונטע פרוי טאָר זיך ניט אָפּזאָגן פון קינדער האָבן. אָרימקייט מוז ניט זיין קיין אָפּהאלט, כאָטש עס קען זיין א באגרענצונג פאר דער צאָל פון קינדער. קינדער פון גייסטיק און פיזיש געזונטע על־טערן וועלן אף דער עלטער זיין א ברכה. די צאָל קינדער וואָס א פאמיליע דארף האָבן ווענדט זיך אָן דעם פארלאנג און מעגלאכקייט פון דער פאמיליע. אָבער מען קען זאָגן, אז עס איז גוט אויך צו האלטן זיך אין נאטירלאכע גרענעצן, וואָס וועט ניט שאדן דער מוטער און וועט ברענגן א געזונטן דור.

צו יונגע יאָרן און צו אַלטע יאָרן, וועלן זעלטן געבן א געזונט קינד. פריער פאר אכצען (18) איז ניט ווינשנסווערט אז א פרוי זאָל שוואנגערן. עס איז גראד בעסער ווען זי איז אביסל עלטער, צוואנציק־איין־און־צוואנציק יאָר איז די פּאַסנדסטע צייט פאר דאָס ערשטע

שוואנגערשאפט. א געבורט נאָך פינף־און־צוואנציק יאָר קען פאַראור־זאכן שוועריקייטן.

נאָך יעדער געבורט מוז די פרוי האָבן גענוג צייט צו קומען צו־זיך. אַ יאָר אַמווייניקסטן דאַרף פאַריבער פון אַ געבורט ביזן אָנ־פאנג פון א צווייטער שוואנגערשאפט. דאָס איז אויך וויכטיק ניט נאָר פון דער מוטערס־וועגן, נאָר אויך פאַר דעם קינדס־וועגן, אום עס זאָל האָבן גענוג מוטער־אכטונג.

א קראַנקלאַכער צושטאַנד פון איינעם פון די עלטערן וועט מעגלאַך פאַראורזאכן אַ שוואַך קינד. פאַרגיפטונג פון איינעם פון די עלטערן דורך אַלקאָהאָל, בליי־פאַרגיפטונג א. ד. ג. קען פאַראורזאַכן פאַרקריפלונג אין דעם קומענדיקן קינד.

דאָס צוזאַמענלעבן

דאָס צוזאַמענלעבן פון מאַן און פרוי איז היינט צו טאָג אַ וויכטיקע פּראָבלעם. דער פּראָגרעס פון סאָציאַלן געבוי און די אַנט־וויקלונג פון מענטשלאַכן אינטעלעקט פאַרשאַרפן אַלץ מער די באַצי־אונגען צווישן מאַן און פרוי אין הייראַט.

דאָס צוזאַמענלעבן אין הייראַט בא די פּאַרצייטיקע מענטשן איז געווען באַזירט נאָר אָפּ'ן חיה'שן אינסטינקט. דאָס צופרידנ־שטעלן פון דעמדאָזיקן אינסטינקט איז געווען פאַרזיכערט דורך דער קראַפט פון אַ ראַסע אינסטינקט, דורך לאַנג יאָריקער געניטקייט און דעם נאַטירלאַך איינפאַכן לעבן און קליינע לעבנס־פּאָדערונגען. דאַרום איז יעדע נאָרמאַלע פּאָר פּאָלק געווען צופרידנגעשטעלט.

ניט אַזוי איז דאָס צווישן מענטשן פון הויכער ציוויליזאַציע אין אונזער צייט.

דאָס לעבן איז שוין מער ניט אַזוי נאַטירלאַך איינפאַך, די פּאָ־דערונגען פון לעבן זיינען פיל געשטיגן; דאָס אונטערוואַרפן זיך דער ברוטאַלער, פיזישער מאַכט פון מאַן איז פאַרביי; די פּאָליטישע אונ־טערטעניקייט פון דער פרוי פאַרשווינדט, און אפילו די עקאָנאָמישע אָפּהענגיקייט פון דער פרוי גייט פאַריבער. עס בלייבן צוויי גלייכע מענטשן, מיט די זעלבע רעכט, דאָך מער פאַרשידן ווי אַמאָל, מער אינדיווידואַליזירט דורך דעם וואוקס פון אינטעלעקט. עס פאַראייניקן זיך צוויי מענטשן פאַר איינע און דיזעלבע צוועקן, דאָך אָפּט מיט פאַרשיידענע פּאָדערונגען פון לעבן.

אַ לאַנג דויערנד, צופרידנשטעלנד צוזאַמענלעבן, אַ גליק־לאַך לעבן, ווי מען רופט דאָס אָפּט, איז אָפּהענגיק פון פיל באַדינגונגען און אייגנשאַפטן פון דער געוויסער פּאָרל. דאָס גליקלאַכע צוזאַמענ־לעבן ווענדט זיך אָן דעם סך הכל פון פיזישע און גייסטיקע אייגנשאַפטן וואָס דאָס פּאָרל פאַרמאָגט, וואָס זאָל מעגלאַך מאַכן אַ פּאַסענדע צו־נויפשמעלצונג פון צוויי מענטשלאַכע לעבנס, צוויי נשמות און קער־פּערס פאַר די צוועקן וואָס זיינען אָנגעצייכנט פון דער נאַטור און דער

גייסטיקער אנטוויקלונג און פארגעניגן. פאר דער דאָזיקער אויפ־גאבע מוז נאָך, אויסער די פערזענלאכע אייגנשאפטן, זיין א דרינגענ־דער פארלאנג און פעאיקייט איןביידן פון דער פאָר זיך צוצופאסן איינער צום אנדערן און אויסנוצן, אויספילן און אויסטוישן די אייגנ־שאפטן צווישן זיך.

דער באָדן פאר א גליקלאכן צוזאמענלעבן אין הייראט איז ליבע. ווי מיר האָבען שוין געזאָגט, איז דאָס פארצייטנס געווען א פשוט'ע זאך, און אזוי פשוט ווי הייראט, וויילביידע, אי ליבע און אי הייראט, זיינען געווען געבויט נאָר אף דעם חיה'שן אינסטינקט פון דער ראַסע. גייסטלאכע, אינטעלעקטועלע, סאָציאלע און עקאָנאָמישע פאקטאָרן האָבן ניט אויסגעאיבט זייער ווירקונג אין הייראט, אף די אנטיילנעמער אליין און זייער דור. בא ציוויליזירטע פעלקער זיינען די אויפגאבן, די פראָבלעמען אין הייראט פיל שווערער און דאָס צו־זאמענלעבן מער קאָמפליצירט. אום ליבע זאָל פירן צו הייראט, א דויערנדן צופרידענעם צוזאמענלעבן, אזא וואָס זאָל צופרידנשטעלן ביי־דע שותפים, ווי אויך די אינטערעסן פון דער ראַסע, מוזן די זעלבע אייגנשאפטן, וואָס מאכן דערפאָלגרייך דעם פארהייראטן צוזאמענ־לעבן זיין די הויפט באדינגונגען פון ליבע.

אנדערש גערעדט, ליבע וואָס דארף פירן צו הייראט, דארף ניט זיין, און אממערסטן איז טאָקע ניט, דער אויסדרוק, דער קלימאקס נאָר פון חיה'שער געשלעכטלאכער ליידנשאפט. די געשלעכטס אינ־סטינקטן דארפן ניט איגנאָרירט ווערן אָדער פארשוועכט ווערן; זיי מוזן אָבער ניט זיין קיין ווידערשפרוך צו די גייסטלאכע פאָדערונגען, וועלכע קענען ניט צוליב זייער רעלאטיווער נייקייט, האָבן, אזא דרינ־גענדע ווירקונג, און ווערן דעריבער אָפט פארנאכלעסיקט דורך דער יוגנט.

די אלע קאטאסטראָפעס אין הייראט וועלכע מיר באגעגענען אין דער איצטיקער געזעלשאפט באווייזן טאָקע, אז די אייגנשאפטן וואָס ערוועקען אין מאן אָדער פרוי געפילן פון ליבע, זיינען ניט שטענ־דיק די זעלבע וואָס העלפן אויפהאלטן און נערן די ליבע אין הייראט.

די אייגנשאַפטן וואָס אַ פּערזאָן דאַרף פאַרמאָגן כדי צו זיין באַליבט און פעאיק צו ליבן אין הייראט, די אייגנשאפטן מוזן זיין טיפער, גרינדלאכער, מער צוגעפאסט צו די נויטן פון די שותפים און זיי דארפן זיין אומפארענדערלאך, טאַקע פון דעם בלוט און פלייש פון דער פּערזאָן. אַ חנ'עוודיקער שמייכל, אַ שיינער קאָפּ האָר, אַ פּאָר שווארצע אויגן א. ד. ג. זיינען גענוג צו אָנצינדן אין אַ יונגער פּערזאָן דעם הערלאכן פייער פון ליבע. כדי אָבער אָנצוהאלטן די ליבע פאר לאנגע יאָר פּאָדערט זיך מער ווי אן אויסערלאכער אויסזען, מער ווי אַ מאָמענטאַלער גלאַנץ.

באוואוסטזיניקער אויסוואל איז ניט אין אנקלאנג מיט ליבע, ליבע איז נישט קיין פּאָראויס באטראכטע, איבערגעדענקטע, אויסגערעכנטע איבערלעגונג. דאָס איז א צושטאַנד וואָס לאָזט זיך ניט בלויז פון שכל דיקטירן. אויב איינער פון די געליבטע גיט זיך אָפּ אַ רעכענונג אין די אייגנשאַפטן, מעלות און חסרונות, פון געליבטן אָדער געליבטער, איז דאָס נאָר נאָכדעם ווי די ערשטע ליבעס פייערן זיינען אָפּגעלאָשן און אָפּגעקילט. אין לעבן זעען מיר, אז מען קען זיך דאָס רוב פארלאָזן אף דעם מענטשלאכן אינסטינקט צו ברייגגן אונדז צו ליבע און הייראט. די פרוי, איבערהויפּט מיט איר מוטערלאכן אינסטינקט, מאכט אממערסטן דעם ריכטיקן אויסוואל ווען ניט געשטערט און געצוואונגען פון אויסערלאכע אומשטענדן. איר אויסוואל וועט זיין צוגעפאסט ניט נאָר אין פיזישן נאָר אויך אין אנקלאנג מיט אירע גייסטיקע און אנדערע באדערפנישן.

ווייט ניט אלע הייראטן אין אונדזער צייט זיינען געשלאָסן אוים ליבע. פיליכט מערסטע הייראטן זיינען טרוקענע אויסרעכענונגען, אממערסטען נאָר אלס מיטלען צו פארבעסערן דאָס לעבן, הויפּטזעכלאך דאָס עקאָנאָמישע.

וואָס זיינען אָבער די באדינגונגען, וואָס פירן צו אַ צופרידנשטעלנדיקן צוזאמענלעבן? וואָס זיינען די אומשטענדן וואָס פאראייניקן צווייען אין איין שטרעבונג, אין איין פארלאנג פאר געמיינשאפטלאכע געפילן, פארביידנס אינטערעסן און די אינטערעסן פון דער

ראסע, דעם צוקונפטיקן דור?

פון באָאָבאַכטונגען איבער דערפאָלגרייכן, גליקלאכן צוזאמענ־לעבן אין הייראט קענען מיר לערנען און קומען צו באשלוסן וועגן די פאָדערונגען פאר א צופרידנשטעלענדן הייראט.

איינע פון די ערשטע באדינגונגען פאר דער צופרידנקייט פון די צוויי שותפים אין הייראט איז דאָס צופאסן פון דעם עלטער. דאָס איז א פיזיאָלאָגישע נויטווענדיקייט. די פרוי ווערט רייפער פריער ווי דער מאן און ענדיקט איר געשלעכטלאכן לעבן פריער. אמת, די פרוי איז ניט פאסנד צו הייראטן באלד ווי זי ווערט רייף. זי איז ניט פאסנד צו ווערן א ווייב און א מוטער ביז ארום אכצן־צוואנציק יאָר. איר קערפער, כאָטש פונקציאָנאל רייף און פעאיק צו געבוירן, דאָך איז ער נאָך ניט פאָלקאָם אנטוויקלט פאר דער וויכטיקער פונקציע פון רעפראָדוקציע. די פרוי פארענדיקט איר געשלעכטלאכן לעבן אין דעם עלטער פון ארום פינף און פערציק יאָר. אין די יאָרן איז אָבער דער מאן נאָך אין דער פולער גאנצקייט פון זיין געשלעכטס לעבן. די גע־שלעכטלאכע רייפקייט איז ניט די איינצעלנע פריע דערשיינונג בא דער פרוי. אויך אינטעלעקטואל און גייסטיק רייף ווערט די פרוי פריער פון דעם מאן. אין לעבן באגעגענען מיר טאקע בא מערסטע פארהייראטע אַן אונטערשייד אין די יאָרן פון מאן און פרוי. דער אונטערשייד אין די יאָרן פון די פארהייראטע איז אמבעסטן צו באַ־גרענעצן צו דריי ביז צען; די פרוי, פארשטענדלאך, דארף זיין אינגער.

דעם מאנס פיזישער געבוי און אינטעלעקטואלע טעטיקייט שטעלט אים פיל העכער פאר דער פרוי פיזיש און אינטעלעקטועל, א זאך וואָס איז אָפט צו טרעפן אין לעבן, א נויטווענדיקייט, א פאָ־דערונג פון דער נאטור. דער מאן נעמט אַ אקטיוון אנטייל אין געשלעכטלאכן פראָצעס, וואו די פרוי איז נאָר פאסיוו. בא אייניקע ווילדע שבטים, ווי בא פיל ווילדע חיות, ווערט דער געשלעכטלאכער אקט דערגרייכט נאָר דורך ברוטאַלער קראפט פון זכר. אין די אָפטע פארגוואלדונגען פון פרויען איז צו זען אָט דעם ווילדן אינסטינקט פון זכר. די ציוויליזירטע פרוי האָט נאָך אין זיך אייניקע איבערבלייבן

פון דעם דאָזיקן אינסטינקט. זי איז זעלטן די אָנגרייפערן אין גע־שלעכטס אקט. די פיזישע אויבערמאכט פון מאַן האָט אויך געזאָלט דינען אין דער ווילדער נאַטור אלץ א פארטיידיגונג פאר דער פאמי־ליע און אלץ א פארזיכערונג פאר דער חיונה פון דער פאמיליע. דעם זעלבן ווערט האָט אויך די אינטעלעקטואלע פעאיקייט פון מאַן אין ציוויליזאציע, וואָס פארזיכערט די פרוי און פאמיליע מיט א לעבן. דאריבער טרעפן מיר טאקע זעלטן אז א פרוי זאָל זיך פארליבן און הייראטן מיט א מאַן וואָס איז ווינציקער פון איר געבילדעט אָדער אינטעלעקטואל אנטוויקעלט אָדער פון שוואכערן פיזישן געבוי.

עס איז צו דערוואַרטן און עס איז גאנץ פשוט אז דער געזונט פון ביידן איז א פאָרבאדינג פאר א צופרידנשטעלנדן צוזאמענלעבן און אויך זייער וויכטיק פון שטאנדפונקט פון דער ראסע, ווייל דער געזונט פון די עלטערן קען האָבן א ווירקונג אף דעם קומענדן דור. נאָר אייניקע קראנקהייטן ווערן איבערגעגעבן בירושה, וואָס מיר רעדן ארום אין אן אנדער פלאץ, אָבער דער קערפערלאכער געבוי פון א שוואכן מענטשן; א קערפער פאר'סמ'ט, אָפּגעשוואכט און אויסגעמאטערט פון א לאנגער אָדער שווערער קראנקהייט, און, נאָך מער, א קערפער שוואך און אבנאָרמאל פון געבורט, קען איבערגיין צום צוקונפטיקן דור, קען אויסגעזעצט ווערן צו פארשיידענע קראנקהייטן און געפארן.

אין שטארקן צוזאמענהאנג מיט דעם געזונט שטייט שיינקייט. שיינקייט איז דער אממערסטן צוציענדער פאקטאָר אין ליבע, דער גרעסטער אין אויסוואל, איבערהויפּט פון ווייבלאכער שיינקייט. דאָס איז אָבער ניט באשטענדיק און האָט אן אנדער ווערט בא פארשיידענע פעלקער און פארשיידענע צייטן. שיינקייט באצייכנט פאָלקאָמענקייט און דאָס רוב ניט נאָר פיזישע. די אָפּשאצונג פון שיינקייט בא הויך ציוויליזירטע פעלקער איז אנדערש ווי בא די פעלקער פון א נידעריקער ציוויליזאציע. דעם אונטערשייד אין דער אָפּשאצונג קען מען דער־קלערן מיט דער מאָס פון אינטעלעקט וואָס די, אזוי צו זאָגן, ציווי־ליזירטע שיינקייט דריקט אויס. דורך דעם ווערן די אינטערעסן פון דער ראסע, וועלכע צילן אָנצוהאלטן און פארשטארקערן די אינטע־

לעקטועלע אנטוויקלונג, פארטיידיקט. עס איז באוואוסט, אז גייסטי־קע פעלערן טרעפן אָפטער וואו קערפערלאכע פעלערן עקזיסטירן און אז א מער באלאנסירטע פיזישער קערפער איז אָפטער אויך באהעפט דורך א מער באלאנסירטן גייסט. ניט אומזיסט זאָגט מען, „א געזונטער גייסט אין א געזונטן קערפער“.

בא אידן איז דאָס אינטעלעקטואלע און בכלל דאָס גייסטיקע תמיד געשטאַנען העכער פאר דעם פיזישן. דאָס איז געווען זייער מערקזאם אין אויסוועלן פון א חתן. א גרויסער, געזונטער בחור, אן אָנגענומענע מעלה בא אלע אנדערע פעלקער, איז געווען כמעט א חסרון בא אידן. דאָס גייסטיקע האָט באדארפט איבערוועגן דאָס פיזישע צו באפרידיקן דעם אידישן געשמאַק. דער אידישער געשמאַק פאר גייסטיקע אין פאַרצוג צו פיזישע מעלות איז ארויסגעדרונגען פון דעם ארט לעבן וואָס אידן האָבן געפירט פאר די לעצטע יאָר הונדערטע. דער פאַרצוג פאר אינטעלעקטואליזם איז ניט נאָר געווען א שטרעבונג פון דעם ראסע אינסטינקט צו אָנהאלטן אף דער הויכער שטופע, ווי מיר טרעפן עס בא ציוויליזירטע פעלקער, נאָר אויך אן עקאָנאָמישער באַדינג, ווייל דער איד האָט געצוואונגען זיין חיונה דורך אינטעלעקטואלער באשעפטיגונג, מסחר א. ד. ג. ,און ניט דורך פיזישער ארבייט. דער בלייכער, אויסגעדארטער ישיבה בחור האָט געהאט בעסערע מעגלאַכ־קייטן צו ווערן א בעסערער הענדלער ווי דער „גראָבער יונג“ מיט די ברייטע פלייצעס, וועלכן עס האָט געפעלט די אינטעלעקטואלע אייגנשאפטן. ארויסגייענדיק פון דעם שטאַנדפונקט האָט דער איד תמיד געזוכט א גייסטיקן יחוס אין א שידוך. דער יחוס האָט ניט נאָר געמיינט גייסטיקע באפרידיקונג, דאָס האָט דאָס רוב באטייט אויך עקאָנאָמישע זיכערקייט. בא אנדערע פעלקער האָט דער יחוס ניט געשפילט קיין ראָל, ווייל דער לעבן פון די גרעסטע טיילן פון פאָלק זיינען ניט געווען ענלאך צו דעם אידישן לעבן. אָבער בא דער ארים־טאָקראטיע און די סוחרים פון אנדערע פעלקער, וואו אינטעלעקט און געלט זיינען די הויפט זאך אין טעגלאכן לעבן, קומט דער אויס־וואל פון חתן־כלה נאָענט צו די אידישע מנהגים. די אָפשטאמונג, דער סאָציאלער שטאנד פון דער פאמיליע, ווי אויך דער קולטורעלער צו־

שטאַנד ווערט אַנגענומען אין אַכט און איז דער הויפּט פאַקטאָר אין אויסוואַל. דער דאָזיקער אויסוואַל איז אַן אַדאַפּטירונג פון א פאָלק אָדער געוויסן שיכט פון א פאָלק צו די אומשטענדן, און א ספּעציאַליזירונג, אַן אויפזאַמלונג פון גענעטיקייט, אום צו פאַרבעסערן און פאַרשענערן דעם לעבן. אויסער דעם קען מען אין דעם זען נאָך א וויכטיקע אבזיכט — דער אויסוואַל פון א שותּף אין הייראַט פון זעלבן יחוס מיינט אויך אז די שותּפים, חתן־כּלה, זיינען מער אָדער ווינציקער גלייכע מענטשן, האָבן די זעלבע פּאָטענציאַלע אינטעלעקטואַלע מעגלאַכקייטן, גלייך סאָציאַל, האָבן אן ענלאַכע דערציאונג א. ד. ג. אָט די גלייכקייט, מוז מען צוגעבן, איז איינע פון די גרונט שטיינער אף וועלכע דאָס גליק אין הייראַט ווערט געבויט. אָן דער גלייכקייט פון מאַן און ווייב אין די נאָר וואָס דערמאָנטע הינזיכטן קען דאָס צוזאַמענלעבן אין הייראַט ניט זיין ערפאָלגרייך. בא היינטיקער צייט איז דאָס נאָך ריכטיקער ווי אין די אַלטע צייטן.

ווען עס קומט אָבער די פראַגע פון טעמפּעראַמענט און כאַראַקטער, איז ענלאַכקייט גראַד ניט נויטיק. אין לעבן באַגעגענען מיר מענטשן פאַראייניקט אין הייראַט מיט עקסטרעם געגנזאַצלאַכע טעמפּעראַמענטן און כאַראַקטערן. וואָס מער עקסטרעם א כאַראַקטער איז אַלץ מער איז די מעגלאַכקייט אז אין הייראַט וועט ער זיך פאַראייניקן מיט אַן עקסטרעמען געגנזאַץ. דאָס זעלבע איז ריכטיק מיט איינזייטיק אַנטוויקעלטע אייגנשאַפטן. נאַטור, ווייזט אויס, באַמיט זיך צו אָפּשוואַכן עקסטרעמקייטן אין קומענדיקע דורות.

ווען צוויי מענטשן, מער אָדער ווינציקער פּאַסיק איינער פאַר דעם אַנדערן, קומען זיך צוזאַמען אין פאַרהייראַטן צוזאַמענלעבן, פאַרבלייבן דאָך פיל שאַרפקייטן וואָס פאָדערן זיך צו אָפּשלייפן.

פאַר דעם מאָדערנעם מענטשן, מאַן אָדער פרוי, איז דאָס פאַרהייראַטע צוזאַמענלעבן א פעלד פאַר געמיינשאַפטלאַכע אַכטונג, האָפענונגספולע שטרעבונגען און דערוואַרבונגען. עס איז מער ניט קיין פראַגע פון פאָלגן פאַראָרדנונגען פון האַר, דעם מאַן, אָדער נאָכגעבן קאָקעטישע קאַפּריזן פון א „מאַמעס טאָכטער“. עס איז א פראַגע

פון פאַראייניקן ביידנס צילן אין לעבן, פאַרגרעסערן ביידנס גליק און זיין א הילף איינער צום אנדערן, מיט דער קלענסטער באַשעדיגונג פון דעם „איך" פון איינעם, דערפאַר מיט א גרויסער גייסטלאַכער באַלוינונג צו ביידן.

ווי עס איז דערמאָנט געוואָרן, זיינען די אינטערעסן פון דער ראַסע, די קינדער און זייער האָדעוועו און דערציִען, די הויפּט אויפגאַבע אין הייראַט. נאַטור באַוואָרנט זיך, אַז די דאָזיקע אויפגאַבן זאָלן באַפרידיקט און דורכגעפירט ווערן אפ'ן בעסטן אופן. בא חיות און פעלקער וועלכע שטייען נאָענט צו דער נאַטור שאַפט עס ווייניק זאָרג. אַלץ גייט אַזוי גוט אף וויפיל נאַטירלאַכע אומשטענדן דערלויבן. דער ציוויליזירטער מענטש פירט אָבער א פאַרביסענעם קאַמף מיט דער נאַטור. דער קאַמף ווערט געפירט פאַר דאָס פאַרלייכטרן, פאַרבעסערן און פאַרזיכערן פון דער עקזיסטענץ פון דער מענטשהייט און דער מענטש האָט שוין פאַרנומען דעם הערשנדן פּלאַץ צווישן די לעבעדיקע וועזנס. אין דעם קאַמף האָט דער מענטש פיל געזיגט, פיל שלאַכטן געוואונען פון דער נאַטור, אין וועלכע ער האָט אָבער אויך פיל פאַרלאָרן. נאַטור איז א גרויזאַמער שונא. זי צווינגט צו באַצאָלן פאַר יעדן טראָפּן גענוס, פאַר יעדן ברעקל פאַרגעניגן וואָס ווערט דערוואָרבן געגן אירע געזעצן.

דאָס פּראָבלעם פון קינדער און זייער אויפהאָדעוועו און דערציִען איז בא דעם ציוויליזירטן מענטשן מער שוין נישט קיין אינסטינקטיוו געפיל און געשעעניש, שוין מער נישט קיין פראַגע ווען, ווי און וויפיל גאָט גיט. אויך דאָס האָדעוועו און דערציִען איז בא דעם קולטורעלן מענטשן אן אויפגאַבע פול מיט זאָרג און מי. עס איז צו דערוואַרטן, אַז אַזא וויכטיקע אויפגאַבע, זאָל זיין אן אונאויסשעפּלאַכער קוואַל פון פרייד און פאַרגעניגן און פון העכסטער באַדייטונג און ציצונויפגיסן אינאיינעם צוויי מענטשלאַכע לעבנס. און די קינדער זיינען טאַקע דער הויפּט פאַקטאָר אין צונויפברענגען און האַלטן צוזאַמען מאַן און פרוי. אין צוזאַמענקונפט פון פרוי און מאַן איז דאַרום די ערשטע זאָרג — דער קומענדער דור. דאָך טרעפן מיר היינט גראָד

דעם היפּוך פון דעם — דאָס א ו י ס מ י י ד ן פון קומענדיקן דור. אַזאַ שטעלונג איז אָבער ניט קיין פאַראייניגנדיקער פאַקטאָר, ניט קיין הילף פאַר צוזאַמענלעבן, און מוז דאַרום אַמבעסטן נאָר זיין אַ צייטווייליגע אויפגאַבע, דערצו אַ גאָר ניט לאַנג דויערענדע.

דאָס האָדעווען און דערציען פון די קינדער מוזן זיין פון גע־מיינשאַפטלאַכן אינטערעס פון מוטער און פאָטער. די עלטערן מיט זייער איבערגעבנקייט אין האָדעווען און דערציען דעם יונגן דור לייסטן ניט נאָר פיל די קינדער, נאָר אויך געניסן פיל אַליין פון דעם. אויסער פיל פרייד און פאַרגעניגן קריגן די עלטערן אויך פיל אין זייער אייגענער גייסטיקער אַנטוויקלונג. דאָס איז אַ לעבנס לאַנגלאַך שטודיום פאַר טאַטע־מאַמע, וואָס הויבט זיי אויף הויך איבער זייער קינדלאָזן צו־שטאַנד און איבער זייערע קינדלאָזע מיטמענטשן. עס איז דאָ ניט די פראַגע פון דער צאָל קינדער אַ פאַמיליע זאָל האָבן, דאָס ווען מיר באַ־האַנדלען באַזונדער. עס איז כדאי דאָ צו זאָגן אָבער, אַז אויסער זייער גייסטיקן פאַרגעניגן און נוצן וואָס עלטערן קריגן פון קינדער, זיינען קינדער זייער „סייווינגס אַקאַונט“, זייער שפּאָר־קאַסע, וואָס זיי וועלן דאַרפן באַנוצן אין דער עלטער. געוויכט איז אָפט דער קוק אויף אַ קינדערלאָזן לעבן ווי אַליץ אויף אַ פאַרשווענדעטן לעבן. דאָסזעלבע קען מען זאָגן וועגן דעם אייגנטייל אין דער דערציאונג פון די קינדער. ביידע דאַרפן נעמען אַן אַקטיוון אַנטייל אין דער אַרבייט פון האָדעווען און דערציען, יעדער מיט וואָס ער איז מער פּאַסנד. די דערציאונג און האָדעווען פון די קינדער וועט פאַראייניקן די עלטערן צווישן זיך און וועט דינען אַלס שפּייז פאַר זייער גייסטיקן לעבן און גע־מיינשאַפטלאַכע ליבע געפילן. צו דינען די אינטערעסן פון די קינדער איז אַ טייל פון געשלעכטס לעבן פון מענטשן. דאָס איז אַ טייל פון מענטשלאַכער נאַטור, וואָס טאָר ניט פאַרנאַכלעסיקט ווערן. עס איז אָבער אויך אַ קוואַל פון פאַרגניגן, פרייד און האָפנונג.

אין דעם צוזאַמענלעבן פון מאַן און פרוי, קומען פאָר אָפטע צוזאַמענשטויסן אָפן געשלעכטלאַכן געביט וואָס פאַראורזאַכט ביידן פיל שמערצן און שעדיקט זייערע באַציאונגען. דאָס קומט אָפט פון

דעם פאסיוון אנטייל פון דער פרוי אין געשלעכטס־אקט און איר פיזיאָלאָגיש קלענערער פאָדערונג פאר דעם אקט. אויך די טעמפעראַ־מענטן פון מאן און פרוי קענען זיין פארשיידן און האָבן פיל צו טאָן מיט ארויסרופן אונצופרידנקייט.

בא חיות ווערט דער געשלעכטס־אקט געברויכט נאָר פאר רע־פּראָדוקציע; צוליב דעם ווערט דערוועקט דער געשלעכטס אינסטינקט בא דער חיה, הויפּטזאכלאך בא דער נקבה פון דעם מין, אין א געוויסער צייט פון יאָר, א סעזאָן, וואָס איז אמבעסטן פּאסיק פאר דעם צוועק פון רעפּראָדוצירונג. אויסער דעם סעזאָן וועט די נקבה ניט צולאָזן צו זיך דעם זכר. בא מענטשן איז אויך צו באמערקן סימנים פון א געשלעכטלאכן סעזאָן, און די מעגלאכקייט פאר צו דערוועקן ליידנשאפט אין מענטשן צו יעדער צייט, איז פיליכט א פּראָדוקט פון ציוויליזאציע. א טייל פון ווייבלאכער פּאסיווקייט קען מען צושרייבן איר אָפּגעשטאַנעקייט אף דעם געביט. וואָס די אורזאכן זאָלן ניט זיין איז דאָס אָבער א פאקט, אז די פרוי האָט צו אָפּט אויסצווזעצן געגן מאנס ליידנשאפט. אין אמאָליקע צייטן ווען דאָס ווייב איז געווען ניט פיל מער ווי א שקלאפין, ווען זי האָט זיך געדארפט אונטערווארפן דעם ווילן פון מאן, האָט איר פּאסיווקייט אָדער אנטאגאָניזם ניט גע־האט קיין ממשות. היינט צוטאָג רופט דער ליידנשאפטס אונטער־שיד בא מאן און פרוי אַרויס פיל פּראָטעסטן מצד דער עמאנציפּירטער פרוי. דער דאָקטאָר וואָס האָט צו טאָן מיט דער געשלעכטלאכער זייט פון פרויס לעבן, הערט אָפּט די קלאגעס פון פרויען קעגן זייערע אומ־זעטבארע מענער. עס איז דאָ נאָר איין עצה וואָס מען קען געבן די מענער — דערוועקן און פארשטארקערן דער פרויס ליידנשאפט. אביסל איינגעהאלטנקייט וועט אויך ניט שאדן. דער פרוי דארף מען ראטן צו זיין מער נאָכגעביק; סיידן זי איז וויליג דערלאָזן אז דער מאן זאָל זיין עראטיציזם אָנווענדן אין אן אנדער ריכטונג.

דאָס צוזאמענלעבן אין הייראט, כדי צו זיין דערפאָלגרייך, דארף באפרידיקן מאן און פרוי ניט נאָר אין די ריין ביאָלאָגישע אָדער געשלעכטלאכע הינזיכטן. דאָס לעבן פון ציוויליזירטן מענטשן איז אזוי

קאַליפאָרניע, אזוי רייך, ברייט און טיף, אז דער געשלעכטלאכער לעבן אין הייראט פאַרנעמט מער ניט ווי א קליינעם טייל פון די אלטעגלאכע אינטערעסן, וועלכע קענען דינען צום גוטן אָדער בייזן פון צוזאמענ־לעבן. ווען די געשלעכטלאכע געפילן און אונטערשיידן וועלן שווין זיין אויסגעגליכן, און ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס אָט די געשלעכטלאכע אינטערעסן וועלן פאראייניקן דאָס פּאָר פאָלק, וועלן דאָך זיין פיל געלעגנהייטן אין טאָג טעגלאכן לעבן אום נישט צו מאכן די פארבינ־דונג, אָפּקילן און דערווייטערן מאַן און ווייב..

דאָס איז מער צו באמערקן אין אינטעלעקטואלע שיכטן וואו די פאָדערונגען זיינען מער קאמפּליצירט, און די פּערזענלאכקייטן מער פארשיידן.

עס איז אומעגלאך צו באהאנדלען אויספירלאך אלע זייטן פון מענטשלאכן אינטערעס און טעטיקייט און אָנווייזן די באציאונגען פון מאַן און פרוי, וואָס פירן צו גונסטן זייער צוזאמעגלעבן און געמיינ־שאפטלאכע צופרידנקייט. די אלגעמיינע ליניען און וועגן פון גליק־לאכן צוזאמענלעבן קענען אָבער יאָ אָנגעוויזן ווערן.

ארבייטן צוזאמען פאר א געמיינשאפטלאכן אינטערעס איז איינער פון די וויכטיקסטע באדינגונגען. ווען אן ארבייטערס פרוי לייגט אריין איר ליב און לעבן אין צוגרייטן א מאָלצייט און מאכן אנגענעם די היים פאַר איר מאַן און קינדער, טוט זי זיכער איר פליכט אין די אינטערעסן פון דער פאמיליע. דעם מאַנ'ס אינטערעסן קען זיין גייען ניט ווייטער פון די באדערפעניש פון דער פאמיליע און ער איז פאָלקאָם צופרידן; ער האָט אלץ וואָס זיין הארץ גלוסט. ווען דער מאַן איז אן אינטעלעקטועלע פּערזאָן, וועט זיין נשמה זוכן אן אויסדרוק אף דעם גייסטיקן פעלד. ווי גליקלאך איז דער מענטש וואָס געפינט אין איר, זיין לעבנסבאגלייטערן, א גייסטיקן חבר! עס איז גאָר ניט נויטיק אזביידע זאָלן זיין פאראינטערעסירט אין איין און דערזעל־בער זאך. אן אלזייטיק אנטוויקעלטער מענטש האָט זיין אינטערעס, צו א געוויסן גראד, אין פיל אפּטיילונגען פון קולטור, אין פיל צווייגן פון וויסנשאפט און קונסט. און אָפט קען איינער זיין קאמפּלימענטאר,

אויספילנד צום אנדערן, וואָס דאָס איז גראָד א מעלה פאר ביידע. די שטרעבונג פון דער מענטשלאכער ראסע איז צו גייסטיקער און קולטורעלער אנטוויקלונג, און יעדער טיילכל, יעדער מענטש, מוז אויסדריקן די זעלבע שטרעבונג. דערפאר מוז איינער דעם אנדערן אין הייראט באהילפיקן אף דעם ווי אף אנדערע געביטן.

אין אויספילן איינער דעם אנדערן ליגט אייגנטלאך די גאנצע אויפגאבע פון הייראט. אויספילן געשלעכטלאך, אויספילן עקאָנאָמיש, און אויספילן גייסטיק זיינען די פאָדערונגען בא קולטורעלע מענטשן. דער אלטער איד, דער מאן, האָט יעדן טאָג פון זיין לעבן געלויבט און געבענטשט גאָט וואָס ער האָט אים ניט באשאפן פאר קיין אשה, אין דעם געשטאלט פון זיין פרוי. דער אלטער איד האָט געהאט געגוג אורזאכן צו דאנקען פאר ניט זיין קיין פרוי. זי איז געווען פאליטיש און סאציאל א שקלאף, עקאָנאָמיש אָפהענגיק, קולטורעל און גייסטיק אָפגעשטאָנען. זי איז ניט געווען דעם מאנס חברה און פריינט, נאָר אן אינסטרומענט פאר באפרידיקן דעם מאנס תאוה און זיין דינסט.

הייראט בא דעם מאָדערנעם מענטשן דארף ניט זיין קיין אויסוועג צו באפרידיקן די ליידנשאפט. הייראט איז שוין ניט מער קיין אויסברי אינסטיטוציע, נאָר אן אינסטיטוציע פאר געמיינשאפטלאכער גייסטיקער באפרידיקונג און וואוקס, א וועג ווי צו פארשענערן און פארבעסערן דעם לעבן, אזוי ווי צו פארענטפערן די ביאָלאָגישע נויטיקייטן. הייראט פארשטארקט דעם גאנג פון לעבן און דעם אינטערעס אין לעבן — און מוז דינען אלץ א מיטל צו דערהויבן, פארשענערן און פארבעסערן דעם מענטש.

צושיידונג

הייראט אליץ א געשלעכטלאכע פאראייניקונג איז נאָך איר אינ־האלט נאָך א לאנג דויערנדע, בעסער געזאָגט, א לעבנסלאנגלאכע פאראייניקונג. דאָס געשלעכטלאכע לעבן פון מענטשן האלט אָן לאנג, און די קינדער פאָדערן פיל יאָרן פון אומאויפהערענדער אכטונג, ביז דער צייט ווען זיי ווערן אום אפהענגיק פון די עלטערן. דאָס זיינען די חיה'שע מאָטיוון פון פארהייראטן צוזאמענלעבן. באגרינדענדיק דאָס צוזאמענלעבן הויפטזאכטלאך אויף די חיה'שע אינסטינקטן, ווערן די פּאָר פאָלק פארבונדן און פארקניפּט גלייכצייטיק דורך פיל גייסטיקע פעדים וואָס זיינען כאראקטעריסטיש נאָר פאר דעם מענטשן פון א גע־וויסער הויך פון ציוויליזאציע. דער שיקזאל פון איינעם ווערט אָפּ־הענגיק פון צווייטן, און דיליידן און פריידן פון איינעם ווערן די ליידן און פריידן פון צווייטן אין בונד פון הייראט. דער גייסטיקער צו־זאמענבונד, ווען אזעלכער קומט פאָר, איז שטארק און דויערענד, און האלט אָן בינדנדיק צוזאמען צוויי הערצער לאנג נאָך דעם ווען די עראָ־טישע ליידנשאפט איז שוין פארלאָשן. דאָס אידעלע צוזאמענפלעכטן פון צוויי נשמות, דאָס איבערשפּינען פון צוויי נאטורן, די געמיינ־שאפטלאכע שטרעבונגען און האָפנונגען פאראורזאכן די זיכערסטע צוזאמענבינדונג צווישן מאן און פרוי.

עראָטישקייט שפּילט אָפט די הויפּט ראָל אין פארליבן זיך און קען פירן צו הייראט. אָבער עראָטיציזם פארנעמט באלד נאָך דער חתונה נאָר א צווייטן פּלאץ אין צוזאמענלעבן בא קולטורעלע פעלקער. עס איז דארום צו זען אין אונזער געזעלשאפט, אז הייראטן וואָס זיינען באגרינדעט נאָר אף עראָטישע אינסטינקטן זיינען זעלטן גליקלאך. באלד נאָך דער חתונה, נאָך דעם עראָטישן אויסניכטערן זיך, שאפט זיך צווישן דעם פּאָרל א טיפער אָפּגרונט, דאָס צוזאמענלעבן ווערט א גיהנום. עס טרעפט אויך אז דאָס קורצע צוזאמענלעבן און די געמיינ־שאפטלאכע אינטערעסן דערוועקן א מער מעטשלאכע באציאונג פון איינם צום אנדערן. דאָס דערנעענטערט דאָס פּאָר פאָלק און ראטע־

ווערט די סיטואציע. ווען דאָס טרעפט ניט, איז די הייראט א דורכפאַל.

דאָס גייסטיקע פעלד פון מענטשלאכן צוזאמענלעבן איז אָבער גרענעצלאָז. יעדע מענטשלאכע נשמה איז א וועלט פאר זיך. דאָך איז די עקזיסטענץ פון יעדער נשמה אין א געוויסער פארהעלטעניש מיט פיל אנדערע. אין הייראט מוזן די צוויי וועלטן, די צוויי נשמות, זיין אין אזא פארהעלטעניש וואָס זאָל ניט ארויסרופן קיין צוזאמענשטויס און ניט פאנאנדערגיין זיך צו ווייט און אין באזונדערע וועגן. אום דאָס צו דערגרייכן מוזן די צוויי שותפים אין הייראט זיין גייסטיק צוגעפאסט איינער צום אנדערן.

דאָס גייסטיק לעבן פון א מענטשן קען מען אָבער ניט נעמען אויבערפלעכלאך. דאָס גייסטיקע אין א מענטשן מוז אָפּגעשאצט ווערן טיפער ווי דאָס וואָס מען קען פון אויבן אויף זען אין אן אינדיווידואום. דאָס גייסטיקע פון דער ראסע, פאָלק און אפילו פון באזונדערע שיכטן פון א פאָלק האָט א ווירקונג אויף דאָס גייסטיקע לעבן פון אינדיווידואום. דערציאונג און בילדונג האָבן א גרויסע ווירקונג אף דאָס גייסטיקע לעבן פון מענטשן.

צוליב דער קאמפליצירטקייט פון געוואוינהייטן און אינדיווידועלע אייגענשאפטס אונטערשיידן, זיינען צוזאמענגעשטויסן אף דעם גייסטיקן באָדן אין צוזאמענלעבן פיל אָפטער און שארפער ווי אף דעם ריין פיזישן; און די צופאסונג פון איינעם צום אנדערן פאר פיזישע צוועקן איז פיל לייכטער און רופט ניט ארויס אזוי אָפט קיין גט'ן, סיידן עס איז דאָ א פאטאלאָגישער צושטאנד פון איינעם פון דער פאָר.

עס זיינען דאָ פאלן פון אונפארמיידלאכער צושיידונג. גוט און פיין אַן און פאר זיך, קענען אָבער מאן און פרוי צוזאמען זיין ווי צוויי כעמישע שטאָפן וואָס עקספלאָדירן אין בארירונג, אָדער ווי אַן אנדער פּאָר שטאָפן וואָס זיינען אזוי ענלאך, אז זיי פאראייניקן זיך ניט און פאָרמירן ניט קיין פארבינדונג. גוט און פיין פאר זיך קענען די שטרעבונגען, די געדאנקען, די פארלאנגען און געשמאק זיין אין געגנזעצלאכע ריכטונגען, אזוי אז עס קען שטערן דעם צוזאמענלעבן, דעם באפרידיגנדן, דעם פרוכטבארן, דעם גליקלאכן צוזאמענלעבן.

מוז דאָס צוזאַמענלעבן אָנגעהאַלטן ווערן? זאָל דער צוזאַמענלעבן ארויפגעצוואונגן ווערן אויף ביידן, אָדער נאָר אויף איינעם?

רעליגיע און געזעצן פון אַלטע צייטן זיינען געניויגט אָנצוהאַלטן די הייראַט אונטער אַלע אומשטענדן. די קאַטוילישע קירך אנערקענט קיין גט אין גאַנצען ניט. די אידישע דינים און די געזעצן פון מערסטע לענדער מאכן גרויסע שוועריקייטן אין דער צושיידונג פון פּאָר פאָלק.

דער גט, ווי הייראַט, איז אין די אַלטע צייטן געווען באַגרינדעט אַף צוויי דאָגמאַס: אַז הייראַט איז בלויז אַ פיזישע אויפגאַבע, און אַז די פרוי איז דאָס אייגנטום פון מאַן און נאָר דער אינסטרומענט פאַר אויסבריען קינדער.

מיט דער עמאַנציפּאַציע פון דער פרוי, מיט דער דערוועדבונג פון פּאָליטישע און עקאָנאָמישע גלייכבאַרעכטיקונג, בייטן זיך די אנשויאונגען אַף הייראַט, ענדערן זיך די באַציאונגען צווישן מאַן און פרוי.

דאָס גטן זיך ווערט אַן אָפּטערע געשעעניש ווייל די פרוי איז מער אומאָפּהענגיק פון מאַן, אויך די פרוי קריגט דעם קוראַזש צו פאַר־לאָזן דעם מאַן, די געזעלשאַפטלאכע מיינונג מוז ביסלאכווייז זיך ענדערן און די געזעצן פון שטאַט מוזן אויך זיך בייטן.

נאָך עד היום באַגעגענען מיר פאָראורטיילן צו גטן זיך. מען איז מער געגרן צו זען ווי אַ פּאָר פאָלק רייסן זיך אַרום, הרג'ענען זיך, קריגען זיך און טוען אָפּ איינער דעם אנדערן פאַרשיידענע שפּיצלאַך, ווי זען זיי צוגייען זיך, גטן זיך. מען סימפּאַטיזירט מער מיט דעם וועלכער איז פאַרלאָזן געוואָרן געגן זיין ווילן, ווי מיט דעם וועלכער ליידט אין צוזאַמענלעבן אויך געגן זיין ווילן. מען באַדויערט די פאָלגן וואָס די קינדער ליידן פון דער ווירקונג פון צושיידטע עלטערן מער ווי ווען זיי ליידן פון דער שלעכטער ווירקונג פון די על־טערן, ווען זיי לעבן ניט אין ליבע, אין צופרידנקייט, און מיט זייער אויפפירן צווישן זיך, מאכן זיי אויך די קינדערס לעבן אַ גיהנום און די ווירקונג אַף זייער דערציאונג גרוויזאַם. עס הערשט נאָך אַלץ אין דער געזעלשאַפט די מיינונג, אַז ס'איז בעסער אַ שענדלאכער צוזאַמענ־

לעבן איידער אן אנשטענדיקע צושיידונג.

עס איז ריכטיק, אז עס קומען פאָר צושיידונגען וואָס זיינען לייכטזיניקע טאָטן, וואָס ווערן ניט בעפאָר באַטראַכט. אָפט ווען עס איז דאָ צווישן דער פאָר פאָלק א טיף איינגעוואָרצלטע ליבע, וואָס איז נאָר פון אויבן באוואקסן פון דערנער פון טעגלאכן לעבן, פון קליינלאכע ווידערשפּרוכן, אומוויכטיקע מיינונגספארשיידענקייטן, לייכטזיניקע קאפּריזן, און אומבאגרינדעטע אייפערזוכט.

אזוינע צושיידונגען זיינען שעדלאך פארביידן פון דער פאָר פאָלק און די קינדער, און קען ניט אַרויסרופן קיין סימפּאַטיע פון קיינעם. דארום וואָלט זיין גלייכער ניט אונטערנעמען קיין גט אין איילעניש און לאָזן דעם הערלאכן פייער פון ליבע זיך ווידער צופלאקערן און אָפּברענען די דערנער וואָס צערייסן און צעשטערן דאָס לעבן.

גטן, דאָס צושיידן זיך, איז אָבער דער איינציקער אויסוועג אין פיל פאלן. עס איז פיל בעסער און שענער ווי אונאויפהערנדיקע קריגערייען און צוזאמענשטויסן. נאָך מער, עס איז בעסער אפילו ווי פשוט'ע גלייכגילטיקייט פון איינעם צום אנדערן. דאָס צוזאמענלעבן מוז נאָר אָנגעהאלטן ווערן, ווען עס זיינען דאָ געמיישאפטלאכע געפילן, געפילן וואָס קענען פאָלקאָם בארעכטיקן אַ געשלעכטלאכן און גייסטיקן צוזאמענלעבן. עס איז אין די אינטערעסן פון דער פאמיליע, אז דאָס צוזאמענלעבן זאָל ניט זיין געצוואונגען, אז דאָס צושיידן זאָל זיין אזוי פריי ווי דאָס צוזאמענקומען. די פרוי אָדער דער מאַן, גיכער ביידע זיינען אומגליקלאך אין אן אומגעלונגענער הייראט. אָבער די צושיידונג גיט זיי ביידן אַ געלעגנהייט איבער־א־נייעם איינצואָרדנען זיך און געפינען גליק אין אן אנדער, מער פאסענדיקער, מער געלונגענער הייראט. די קינדער דארפן באזאָרגט ווערן, אָבער אויך פאר זיי איז עס בעסער צו האָדעווען זיך אויסער דער אַטמאָספערע פון האַס אָדער אפילו גלייכגילטיקייט צווישן די עלטערן.

געשלעכט בילדונג

געשלעכט איז די אַנציעענדסטע טעמע איבער וועלכע מענטשן ריידן אָדער שרייבן. דאָך איז עס א געגענשטאַנד, וואָס איז באטראכט פון דער אָנגענומענער און פארשפרייטער מאָראל פון אונזער צייט אלס א געגנשטאַנד וואָס איז אמבעסטן פארשוויגן צו ווערן. אלע באַגרייפען די וויכטיקייט פון זיין ריכטיק און גענוי אינפאָרמירט וועגן געשלעכט און רעפּראָדוקציאָן פראגן, אָבער זעלטן ווען עמיצער רויטלט ניט פון בושה ריידנדיק אייגפאכע אמת'ן וועגן די פראגן.

די פאלשע מאָראל פון אונזער צייט, די מאָראל וואָס פירט צו פארשוויינן, אויסמיידן און פארדאמען די געשלעכטס פראגן, מאכט דעם געשלעכט געגנשטאַנד מער פּיקאַנט, מער אנציעענד.

וואָס אייגנטלאך זיינען די אורזאכן פון אזא פארשפרייטער מאָראל איז שווער צו זאָגן. די שרייענדע נויטווענדיקייט פון געשלעכטס וויסן פאר דעם גייסטיקן און פיזישן וואוילזיין פון די ברייטע שיכטן פאַנגט אָן ענדלאך צו צוטרייבן דעם דיקן נעבל פון אונוויסנהייט און אבערגלויבן וואָס איז אזוי לאנג געווען פארשפּרייט איבער דער גאנצער ציוויליזירטער וועלט. מיט דעם אָנפאנג פון דעם היינטיקן יאָרהונדערט איז די געשלעכט־פראגע צום ערשטן ארויסגעבראכט געוואָרן אין דער ברייטער עפענטלאכקייט און אָנגעפאנגען באהאנדלט און שטודירט צו ווערן אלזייטיק.

געשלעכטס־פראגן ווערן יעצט פריי באהאנדלט פון דער ליטעראטור, בינע, פרעסע א. א. וו., און געשלעכטס בילדונג פאנגט אָן צו ווערן א טייל פון דער אלגעמיינער בילדונג וואָס אַ קינד דאַרף קריגן אין שול.

געשלעכט בילדונג שטעלט זיך פאר אַן אויפגאבע צו פאַרבעסערן, פארדייכערן און פאראיידעלערן דאָס לעבן. די בילדונג באַשטייט אין געבן א קלאָרן באגריף וועגן די געזעצן פון דער נאטור אַף וועלכע עס איז געבויט די אייניקייט און פאָרטזעצונג פון אלץ וואָס

לעבט, מענטשן, אזוי גוט ווי פלאנצן און חיות. און דאָס ניט נאָר צוליב אבסטראקטן וויסן, נאָר כדי אריינצוברענגען דעם וויסן אין טעג־לאכן לעבן, פאר דעם וואוילזיין פון דער מענטשהייט, און פאר דער פארמינדערונג פון שמערצן.

דאָס לערנען געשלעכטס געגענשטאנדן, געשלעכט היגיענע און די געזעצן פון רעפראָדוצירונג דארף אָנגעפאנגען ווערן נאָך פון די גאָר קינדער יאָרן. אפן ערשטן קוק זעט עס אוים זייער מאָדנע. אין דער אמתן זיינען די קליינינקע קינדערלאך גראד די פאסנדסטע גע־לערנט צו ווערן. אין די ערשטע פינף יאָר פון לעבן און אָפט פיל לענגער האָבן ניט די קינדער קיינע געשלעכטס געפילן ווי דערוואקסענע פארשטייען דאָס. עס קען דארום ניט זיין קיין געדאנק, אז די קינ־דער זאָלן שלעפט אויסטייטשן אָדער פארשטיין געוויסע זאכן; אויב עס איז אַרויסגעזאָגט אין א שפּראך פארשטענדלאך צו קינדער. אונזער באגריף פון אנשטענדיקייט און באשיידנקייט, וואָס עס איז אין אונזער געזעלשאפט א גאנץ רעלאטיווע און בייטענדע ערשיינונג אונטער פארשיידענע באדינגונגען און א פּראדוקט פון אומוויסנהייט און אבער־גלויבן, איז פרעמד צו קליינע קינדער. אזוי, האָט א קינד קיין חרפּה צו באווייזן זיין נאקעטן קערפער, און קיין קלוגע מוטער דארף ניט פארשעמען דאָס קינד פאר דעם.

א קינד איז נייגעריק צו וויסן, פון וואנען איז גע־קומען דער ברודערל אָדער שוועסטערל אין הויז. מען דערציילט דעם קינד א באָבע־מעשה וועגן א פויגל וואָס האָט געבראכט דאָס קינד, אָדער אז דער דאָקטאָר האָט עס מיט זיך געבראכט. דאָס איז אלץ נאָר אום פּטור צו ווערן און ארויסדרייען זיך פון ענטפערן דעם קינד, זאָגן עס דעם אמת, אז עס קומט פון דער מוטערס בויך, וואָס וואָלט זיין פיל קליגער, ריכטיקער און באלערנדער. עס איז ניט נויטיק ארויסצורופן דעם קינדס נייגעריקייט צו געשלעכטס פראגן, אָבער די נאטירלאכע נייגעריקייט דארף פארענטפערט ווערן און דאָס קינד מעג וויסן דעם אמת, וואָס עס וועט קיינעם ניט שאדן.

די אָפטסטע אנטשולדיקונג פאר ארויסדרייען זיך פון צו ענט־

פערן אויף די דעליקאטע פראגן איז, אז דאָס קינד וועט זיך אליין אלץ דערוויסן. עס איז טאַקע צו באוואונדערן ווי יונג קינדער דערוויסן זיך וועגן די אלע געשלעכטס באציאונגען און געשלעכטס פראגן, אָבער דער קוואל פון וואַנען די אינפאָרמאציע קומט אַרויס איז ניט פּאסיק און ברענגט פיל שאדן. אָפט אונפאררייכטבארן שאדן פארן קינדס כא־ראקטער און געזונט.

דאָס קינד דארף לערנען וועגן דעם וויכטיקסטן געגנשטאַנד אין מענטשלאכער בילדונג פון בעסערע קוואלען ווי פון אירע אומ־וויסנדע פריינט. און קיין בעסערער קוואל ווי די מוטער זעלבסט קען ניט זיין אין די גאָר יונגע יאָרן פון קינדהייט, אין דער בעפאָר שול פעריאָדע.

אין די שול יאָרן מוז דאָס קינד געלערנט ווערן אין שול די געשלעכט געגנשטאנדן. די לעצטע יאָרן איז דאָ אין די פאראייניקטע שטאַטן, ווי אין מערערע אייראָפּעאישע לענדער אנטשטאַנען אין די ערציאונגס קרייזן א באוועגונג צו לערנען געשלעכטס וויסנשאפט אין די עלעמענטארע און מיטעלע שולן. די אָנגענומענע מיינונג איז, אז דאָס זאָל געלערנט ווערן אלס א טייל פון די געגנשטאנדן פון ביאָלאָגיע, פיזיאָלאָגיע, היגיענע א. ד. ג. אזוי אַז די געשלעכטס בילדונג דארף געלערנט ווערן צווישן אנדערע געגנשטאנדן און ניט אלס א באזונדער געגנשטאנד, דאָך אלזייטיק. אזוי קען דאָס קינד געלערנט ווערן צו אָפּהיטן די געזעצן פון געשלעכטלאכע היגיענע, ווי אלגעמיינע. אין דער לערע איבער עוואָלוציע און הערעדיטעט קען דאָס קינד געלערנט ווערן צו באגרייפן ווי געזונט און שטארקייט ווערט ערוואָרבן און אָנ־געהאלטן, א. ד. ג. דאָס קינד קען צוגעגרייט ווערן פאר דעם אָנקומען פון פובערטום מיט אלע אירע איבערראשנדע סמנים און געלערנט ווערן ווי צו באגיין זיך אין דער צייט.

בא די פרימיטיווע שבטים פלעגן די עלטסטע פון שבט לערנען די יונגוואַרג וועגן דעם פּראַצעס פון פארמערונג. בא דעם פלעגן זיי דורכפירן גרויסע צערעמאָניעס וואָס זיינען גאנץ פּאסיק פאר אזא וויכטיקן געגענשטאנד. בא די ציוויליזירטע פעלקער ביז גאָר לעצטנס

פלעגט מען עס לאָזן צו צופעליקן איינפלוס פון דער גאס, מיט די אַלע שעדלאַכע פאָלגן פון אזא לערע אין אזא וויכטיקן ענין ווי דאָס געשלעכט לעבן איז.

די מער אָדער ווינציקער אַלזייטיקע באקאנטשאפט מיט געשלעכט ענינים אין די יונגע יאָרן באזייטיקט די מיסטערישקייט און מיט דעם די פיקאנטישקייט. געשלעכטס בילדונג דארף געבן אַ באגריף און פארענטפערן די נאטירלאכע נייגעריקייט אין מענטשן און צו לערנען די סודות פון דער נאטור, הויפטזאכלאך אין יונגען דור, לערנען פיזיאלאָגיע, און היגיעניע פון געשלעכט לעבן און שאפן א קלאָרן באגריף איבער די געזעצן פון רעפּראָדוקציע און הערעדיטעט וואָס קען האָבן א גרויסן ווערט אין דער צייט פון געשלעכטלאכער רייפקייט.

פיל שעדלאכע געוואוינהייטן, פיל אבערגלויבנס קען מען באגעגענען צווישן די דערוואקסענע, אפילו פון די בעסערע שיכטן פון דער באפעלקערונג אין באצוג צו געשלעכט פראגן. יעדער דאָקטאָר קען באשטעטיקן פון זיין פערזענלאכער דערפארונג פאלן פון אומגעלומפערטן אבערגלויבן, שעדלאכער אומוויסנהייט און נארישער שעמעוודיקייט וואָס שטאַמען פון דער לערע פון דער אָנגענומענער מאָראל, וואָס פאראורזאכן שוידערלאכע פיזישע שאדן און פייניקונג.

געשלעכטס בילדונג, אָנגעפאנגען פרי אין לעבן, האָט די אויפגאבע צו פארמיידן די אומוויסנהייט, באזייטיקן דעם אבערגלויבן און לערנען צו פארהיטן דעם גזונט און פארבסערן דאָס לעבן. אין דעם לעבן פון דער פרוי איז עס א העכסט וויכטיקע אויפגאבע.

פראָסטיטוציע

פראסטיטוציע, דאָס אויסנוצן פון געשלעכטלאכן פארקער פאר מאטעריעלער באלוינונג, איז אזוי אלט ווי די ציוויליזירטע געזעלשאפט. אין די ביבלישע צייטן איז פראָסטיטוציע, ווייזט אויס, געווען א טייל פון רעליגיעזע צערעמאָניעס. בא די פעלקער פון מזרח זיינען די פרויען־גייסטלאכע געווען אין פילע הינזיכטן ניט מער ווי פראסטיטוט־קעס. אין גאנצן אָבער, בא די אידן איז פראסטיטוציע געווען פאר־ווערט. „זאָלסט ניט פארשוועכן דיין טאָכטער זי צו מאכן פאר א זונה, כדי דאָס לאנד זאָל ניט אויסגעלאסן ווערן, און דאָס לאנד וועט פול ווערן מיט שענדלאכקייט" (ויקרא, י"ט 29—אידיש פון יהואָש). דעם קעגענזאץ פון אידישער מאָראל צו די ארומיקע פעלקער קען מען נאָך בולט'ער זען אין דעם פאָראורטייל פון די אידישע געזעצן: „און די טאָכטער פון א מאן א כהן, אז זי וועט זיך פארשוועכן מזנה צו זיין, פארשוועכט זי איר פאָטער; אין פייער זאָל זי פארברענט ווערן." (ויקרא, כ"א, 9 — אידיש פון יהואָש). דאָך איז בא אידן ווי בא די אנדערע פעלקער געווען פראסטיטוציע פיל פארשפרייט.

שפעטער איז פראסטיטוציע פארווערט און באקעמפט געוואָרן אין פילע לענדער, אָבער אָן ערפאָלג.

פראסטיטוציע איז באגרינדעט אויף די עלעמענטארסטע גע־זעצן פון חיה'שער נאטור. פון איין זייט דער חיה'שער אינסטינקט פון רעפראדוקציע, און פון דער אנדערער —דער פארלאנג צו לעבן. אום צו באפרידיקן די פערזענלאכע מאטעריעלע באדערפעניש, פשוט אום צו מאכן א לעבן, ווערט פארשוועכט דער אינסטינקט פון דעם מין, דער אינסטינקט פון פארמערן זיך. אין דעם איז דער פארברעכן פון פראסטיטוציע, א פארברעכן געגן דער נאטור.

די אורזאכן וואָס שטויסן דאָס מיידל אָדער די פרוי אויסצור־קלייבן פראָסטיטוציע אלץ א פרנסה זיינען פיל. צווישן זיי זיינען ארבייטסלאָזיקייט און שווערע ארבייט מיט א קליינעם לוין די אפטסטע וועגווייזער צו פראסטיטוציע.

הונגער־נויט טרייבט אָפט דעם מענטשן צו פיל אונאנגענעמע שווערע און געפערלאכע שריט. אָפט צו דעם שרעק פאר אייגענעם הונגער קומט אויך די שרעק פון הונגער פאר נאָענטע, ווי קינדער אָדער עלטערן, און די פרוי אונטערוואַרפט זיך דער ערשטער געלעגענ־הייט. אָבער ניט נאָר הונגער, אויך דער פערלאנג צו פוצן זיך, צו לעבן באקוועם און זאָרגלאָז, און דאָס נאָכטאָן דער אומגעלומפערטער געלט אריסטאָקראטיע אין איר פארשווענדערישן, אויסגעלאסענעם לעבן פארפירן פילע מיידלאך און פרויען אין די שרעקלאכע הענט פון פראסטיטוציע.

ווייסע שקלאפן־הענדלעריי פארנעמט ניט קיין קליינע ראָל אין פארשפרייטן פראסטיטוציע און פארגרעסערן די רייען פון די אומגליקלאכע פראסטיטוטקעס. די סחורה אין זייער געשעפט. אין גע־יעג נאָך פרישער סחורה באשעפטיקן זיי געשיקטע אגענטן צו פאר־פירן יונגע מיידלאך און לייכטזיניקע פרויען.

די ווייסע שקלאפן הענדלער יאָגן זיך טאַקע דער עיקר נאָך די אָרימע לייכטזיניקע מיידלאך און פרויען, וואָס זיינען הונגעריק און אָפגעריסן, איבערגעארבייט, מיד און אומצופרידן פון לעבן. צוזאָגנדיק זיי גרויסע גליקן, ווי א לייכטן זאטן לעבן אָן זאָרג און פיל וואוילטיג. דארף נאָר די אָרימע מיידל מאכן איר ערשטן שריט, נאָר אריבערגיין דעם שוועל פון „הייזל“, אָדער נאָר באגעגענען אירע ערשטע עטלאכע קליענטן, און זי איז שוין ארומגערינגעלט פון דער נעץ פון וועלכער זי וועט שוין ניט ארויס כל־זמן זי האָט א מארק ווערדע, ווי לאנג זי האלט אָן איר אויסערלאכן אויסזען און איז צוציענד. דאָס האלט זעלטן אָן לאנג, ווייל אנשטעקענדע ווענערישע קראנקהייטן פארקריפלען איר קערפער אין א קורצער צייט.

עס זיינען דאָ קרבנות פון אן אבנאָרמאל פארגרעסערטער תאוה, אבנאָרמאל פארגרעסערטן געשלעכטס־אפעטיט און צו שוואכן זעלבסט קאָנטראָל. אבער אזוינע זיינען אויסנאמען.

פראסטיטוציע איז איינע פון די שענדלאכסטע אינסטיטוציעס אין דער היינטיקער געזעלשאפט. דאָס פארקויפן פון דעם לעבעדיקן

לייב איז ניט דאָס איינצעלנע פאַרברעכן וואָס איז פאַרבונדן מיט דער אינסטיטוציע. מיט דעם זיינען אויך פאַרבונדן און פאַרקניפּט אַלע פאַרברעכערישע און ערנידעריגענדע טעטיקייטן פון אונזער געזעלשאַפט. דער דורכשניטלאַכער באַאָבאַכטער באַמערקט נאָר די פּראָסטיטוטקע, די פרוי פון דער אינסטיטוציע. אין דער אמת'ן איז זי נאָר אַ געצייג אין די הענט פון געשיקטע געשעפטסלייט וועלכע פירן אָן, אַזוי צו זאָגן, דעם לעבעדיקן געשעפט מיט אַלע פישטשעווקלאַך פון דער הייגטיקער קאָמערץ. דער קליענט, דער מאַן איז אויך אַן אַנטיילנעמער פון כמעט דערזעלבער וויכטיקייט אין דער אינסטיטוציע. אָבער זעלטן ווען מען האָט טענות צו אים פאַר זיין אַנטייל נעמען אין דעם געשעפט, אין דער אינסטיטוציע וואָס פאַראייניקט אַרום זיך די נידעריקסטע, די מיאוס'טע, די אָפּשטויסנדסטע מיטגלידער פון דער מענטשלאַכער געזעלשאַפט. כאָטש אַנטייל אין דעם נעמען אויך פּערזאָנען וואָס שטייען הויך אין עפענטלאַכן געזעלשאַפטלאַכן לעבן.

אָבער ניט נאָר די מאָראַלישע, עטישע און עסטעטישע ווירקונגען פון פּראָסטיטוציע זיינען שעדלאַך פאַר אונזער געזעלשאַפט. די ריין פיזישע ווירקונג וואָס פּראָסטיטוציע איבט אויס אויף דער מענטשלאַכער געזעלשאַפט איז גרויזאַם.

פּראָסטיטוציע איז דער וויכטיקסטער פאַקטאָר אין דעם פאַרשפּרייטן ווענערישע קראַנקהייטן. מע קען זאָגן, אַז עס איז ניטאָ קיין פּראָסטיטוטקע וואָס איז באַשעפטיקט פאַר אַ לענגערע צייט וואָס זאָל ניט זיין אָנגעשטעקט מיט גאָנאָריע און סיפיליס. די צוויי קראַנקהייטן זיינען דאָס רוב שמערצלאָז אין דער פרוי און אָפט גאַנץ באַהאַלטן, אַזוי אַז די פרוי איז אָפט אומשולדיק אין איר באַהויפּטונג, אַז זי איז ריין פון אַן אַנשטעקענדער קראַנקהייט. נאָך מער, עס איז שווער צו זאָגן ווען די פרוי איז אויסגעהיילט פון די קראַנקהייטן. אַפילו אונטער דער בעסטער באַהאַנדלונג.

דאָס מאַכט די רעגירונגס אויפזעאונג איבער די פּראָסטיטוטקעס, ד. ה. די אָפטע אונטערזוכונגען פון דאָקטוירים ווי עס ווערט פּראַקטיצירט אין איינציקע לענדער, אינגאַנצן ווערטלאָז און די פּראָטעקציע

פון דער רעגירונג איבער די שאנד־הייזער שעדלאך, מאכנדיק ווענערי־שע קראנקהייטן מער פארשפרייט.

דער קאמף געגן פּראָסטיטוציע מצד דער אָרגאניזירטער געזעל־שאפט איז גאָר אַלט. די אידן זיינען פיליכט געווען די ערשטע צו באקעמפן פּראסטיטוציע, ווי די געבראכטע שטעלן פון דער ביבל בא־וויזן דאָס. פּראסטיטוציע איז אָבער טיף איינגעוואָרצלט אין דער מענטשלאכער נאטור, אז דער קאמף זאָל זיין מער אָדער ווינציקער ערפאָלגרייך. חוץ דעם איז דער ווילן צו פארניכטן דעם איבל קיינ־מאָל ניט שטארק געווען און פילע האָבן געזען אין דער אינסטיטוציע א נויטיקן איבל, וואָס פארענטפערט נויטיקע פונקציעס.

עס איז אין דער אמת'ן פאראן ווינציק האָפענונג אָפצושאפן אַזאַ אַלטע, איינגעגעסענע אין דעם לייב אוןביין פון דער איצטיקער געזעלשאפט אינסטיטוציע, ווען ניט נאָר די פרוי פּראסטיטואירט, פארקויפט איר קערפער, ווען אויך אויף פילע אנדערע געביטן פון דער מענטשלאכער טעטיקייט הערשט דערזעלבער גייסט.

דאָך איז עס צו האָפן אז די העסלאכע אינסטיטוציע וועט אונטערגיין, כאָטש ניט בעפאָר גרינדלאכע ענדערונגען אין דער גע־זעלשאפטלאכער אָרדנונג.

געבורט באַשרענקונג (קאָנטראָל)

די פראַגע, וועגן אַ באַגרענצנטן צאָל קינדער, קוקט אויס צו זיין אַזוי איינפאַך, אַז עס האָט געדאַרפט געשטעלט ווערן נאָך אין די צייטן ווען די מענטשהייט איז געווען אין די ווינדעלאַך פון ציוויליזאַציע. אין דער אמת׳ן איז עס גאָר אַ מאָדערנער געדאַנק, אַ צייטיקע שטרייט פראַגע. פילע אומשטענדן פון אַמאָליקן לעבן האָבן גינסטיק געמאַכט דאָס געבערן פון אַ גרויסער צאָל קינדער, די פּערזענלאַכע אינטערעסן פון דער פרוי, איר געזונט צושטאַנד, איר פרייהייט, אירע פאַרגעניגענס און פאַרלאַנגען האָבן קיינעם ניט אינטערעסירט. אַ דאַנק איר רעכטלאָזיקייט, איז זי באַטראַכט געוואָרן אַלץ אַ באַשעפעניש, וואָס לעבט נאָר צו באַפרידיקן די באַדערפענישן פון מאַן. די זאָרג פון דערציען און האָדעווען דעם דור איז ניט געווען אַזוי שאַרף, און אַן איבעריקער מויל האָט פיל ניט באַדייטעט. דערפאַר נאָך אַ פּאָר הענט אין דער ווירטשאַפט איז געווען ווערט פיל.

באַ אונז אידן האָט ביז גאָר ניט לאַנג צוריק, און אין אייניקע ערטער אין אייראָפּע נאָך ביז איצט, דער צושטאַנד אָנגעהאַלטן נאָך אַ סך ערגער, קינדער זיינען טאַקע געווען גענוג. אָבער די זאָרג וועגן די קינדער איז פיל גרעסער געווען ווי באַ די גוים. איינגלאַך האָט מען געמוזט געבן כאָטש אַ וואָסערע עס איז בילדונג. קיין באַשעפטיקונג פאַר די קינדער איז ניט געווען, ווייל קיין לאַנדווירטשאַפט וואו זיי וואָלטן געקאָנט געברויכן די קינדערס ארבייטס פעאיקייט האָבן זיי ניט געהאַט ווי אַנדערע פעלקער. די שפּייז איז זעלטן געקומען פון דער אייגענער ערד. דאַרום טאַקע איז אויסהאַלטן אַ גרויסע פּאַמיליע אויך שווערער אָנגעקומען די אידן ווי אַנדערע פעלקער.

עס איז אַלזאָ ניט געווען קיין שאַרפע באַדערפעניש אריינצודרינגען אין דער פראַגע וועגן דער גרויס פון דער פּאַמיליע, דער צאָל פון קינדער, אפילו ניט באַ אידן, וואָרים דער רעליגיעזער פּאַנאַטיזם האָט פאַרווערט יעדן געדאַנק פון קינסטלאַך באַגרענעצן די צאָלן געבורטן.

אין מיטן פון לעצטן יאָר־הונדערט האָט מען כמעט צום ערשטן אָנגעפאַנגען צו דאגה'ן זיך איבער דער שנעלער פאַרגרעסערונג פון דער באַפעלקערונג און איבער מיטלען אָפּצושטעלן דעם שנעלן וואוקס פון דער באַפעלקערונג, און במילא אויך וועגן דער פאַרקלענערונג פון דער צאָל קינדער אין דער פאַמיליע.

דער ערשטער און דער מער באַוואוסטער אַף אָט דעם געביט איז געווען מאַלטוס, נאָך וועמעס נאָמען עס האָט זיך גערופן די באַוועגונג צו פאַרקלענערן די צאָל געבורטן. מאַלטוס האָט זיך גדאגה'ט אַז די באַפעלקערונג וואקסט צו שנעל, און ער האָט גע'טענה'ט, אַז אויב זי וועט אָנהאַלטן אַזוי צו וואַקסן, וועט זי גיך קומען צו אַ מדרגה, ווען די באַפעלקערונג אַף דער ערד וועט זיין צו גרויס אין צאָל צו קענען זיך ערנערן, און דאַרום מוז מען זוכן מיטלען אָפּצושטעלן דעם נאַטירלאַכן וואוקס, צו באַגרענצן די צאָל געבורטן. מאָדערנע פאַרהיטונגס מיטלען פאַר ק אַ נ ט ר אַ צ עפּ צ י ע זיינען דאַן נאָך ניט געווען באַוואוסט, האָט ער גערעטן שפּעט חתונה צו האָבן און האָבן זעלבסט־קאָנטראָל א. ד. ג.

די נעאָ־מאַלטוזיאַניסטן, די מאָדערנע נאָכפאָלגער פון מאַלטוס, שטעלן זיך דיזעלבע צוועקן פון פאַרקלענערונג אָדער פון אָפּהאַלטן די צו שנעלע פאַרמערונג פון דער באַפעלקערונג לטובת דער לעבעדיקער באַפעלקערונג אַף דעם ערד קוגל.

די פּערזענלאַכע אינטערעסן פון דער פרוי ווי אויך די אינ־טערעסן פון דער פאַמיליע און ממילא די אינטערעסן פון דער ראַסע, ווערן פאַרטיידיקט אין דער נייסטער באַוועגונג, הויפּטזעכלאַך דאָ אין די פאַראייניקטע שטאַטען, באַוואוסט אַלץ „געבורט קאָנטראָל“.

אונזערע לעזער נויטיקן זיך ניט אין איבערצייגונגען אַז צופיל קינדער אין אַ פאַמיליע איז ניט ווינשענסווערט. מיר וועלן נאָר אין קורצן באַשפּרעכן די ארגומענטן פאַר באַגרענצטער געבורט.

די דירעקט ליידענדע פון צופיל און אָפט האָבן קינדער איז די מוטער זעלבסט. דאָס געבערן אַ קינד יעדעס יאָר, ווי עס טרעפט גאַנץ אָפט אין פאַלן ווען די עלטערן ווייסן ניט ווי צו פאַרהיטן זיך

פון שוואַנגערשאַפט און דער מאַן באַזוכט ניט קיין פּראָסטיטוטקעס, שוואַכט אָפּ און פאַרקריפּעלט דער פרויס קערפּער.

קינדער האָבן איז אַ פיזיאָלאָגישער פּראָצעס, דאָך איז עס פאַרבונדן מיט פיל געפאַרן פאַרן געזונט־צושטאַנד פון דער פרוי. די קראַנקהייטן און צופאַלן פון שוואַנגערן, די קאָמפּליקאַציעס פון דער אַנטבינדונג, די קראַנקהייטן פון קינפּעט מוזן איבערלאָזן זייערע סמנים אויף דער פרויס קערפּער ווען דאָס קומט פאָר אָפט און חזר'ט זיך איבער פילע מאָל.

יעדן דאָקטאָר קומט אויס צו באַגעגענען אין פּראַקטיק פאַלן פון אינוואַלידיזם פאַראורזאַכט פון צו אָפטע געבורטן, אָפט קומט אונז אויס צו טרעפן פרויען וואָס נאָר דורך נסים, שיינען זיי אויפצו־האַלטן זייער לעבן, אָבער דער גרעסטער וואונדער איז ווי אַזוי אַזאַ שברי־כלי קען נאָך אָנהאַלטן איר פעאיקייט צו פלאָדען זיך.

ניט נאָר דאָס שוואַנגערן, קאָמפּליקאַציעס און אַנדערע צופאַלן ווירקן שווער אויף דער פרויס קערפּער, אויך דאָס האָדעווען פון די קינדער אונטער אומשטענדן פון איבעראַרבייטן, שלאָפלאָזיקייט און זאָרג לאָזן איבער אַ טיפן שטעמפּל פון מידקייט און אַלגעמיינער אָפּגענוצטקייט אויף דער מוטער.

איר גייסטיקער לעבן ווערט ניט ווייניקער פאַרקריפּעלט דורך איר טאָג־טעגלאַכער זאָרג פאַר די קינדער. עס איז דער פרוים פאַר־געניגען און נאַטירלאַכע באַשעפטיקונג צו האָדעווען דעם יונגן דור, אָבער צו אָפטע געבורטן און צופיל קינדער פאַרשקלאַפן די מוטער, טויטן אין איר יעדן מענטשלאַכן אינטערעס אין לעבן.

די עמאַנציפּירטע פרוי מוז אָנהאַלטן איר אינטערעס אין דעם קולטורעלן און פּאָליטישן לעבן און ניט אָפּשטיין פון מאַן אין בילדונג און גייסטיקער אַנטוויקלונג כדי צו געווינען איר פולע פּאָליטישע גלייכבאַרעכטיקונג. אויך איר פערזענלאַכע אומאָפּהענגיקייט פון מאַן, וואָס, צוזאַמען מיט דער פּאָליטישער גלייכבאַרעכטיקונג, מאַכט די פרוי פאַר אַ גלייכן און פרייען אינדיווידיואום, איז אָפּהענגיק אין דער צאָל פון קינדער. די גרויסע פאַמיליע בינדט צו די פרוי צו הויז־אַרבייט,

בארויבט איר פון יעדער פרייער מינוט, רייסט איר אָפּ קעגן איר אייגע־נעם ווילן פון געזעלשאַפטלאַכער, פּאָליטישער און בכלל וועלטלאַכער טעטיקייט, מאכנדיק איר גייסטיק און מאטעריעל אָפּהענגיק און פאַר־שקלאַפט.

ניט נאָר דער פרוי זעלבסט קומט אויס צו ליידן פון דער צו גרויסער צאָל קינדער. אויך דער מאַן, און, נאָכמער, די קינדער זעלבסט, זיינען די ליידענדע פון דער צו גרויסער פאַמיליע. די צו גרויסע צאָל מיילער עסן אויף אַלץ וואָס דער פאָטער קען נאָר פאַר־דינען, פארווערנדיק יעדע מעגלאכקייט פון אָפּשפּאָרן אַף א שלעכטן טאָג, שוין ניט רעדענדיק, פון מער קאמפארט פאַר דער פאַמיליע. דער ארבייטער, אנדערש פריי און אומאָפּהענגיק, ווערט א שקלאַף צו זיין ארבייט און ארבייטגעבער, ניט קענענדיק זיך ערלויבן צו פארלירן א טאָג ארבייטלאָזיקייט.

און די קינדער — זייער גורל איז ביטער. די מוטער מוז צו־טיילן איר ארבייט און אויפמערקזאמקייט צווישן דער גרויסער פאַמי־ליע, און די קינדערלאך מוזן ליידן פיזיש פון ניט גענוגענדער מוטער־לאַכער אויפמערקזאמקייט, און גאַנץ אָפט פון הונגער און נויט.

די שרעק פאַר שוואַנגערשאַפט בא פילע פארהייראטע פון בא־גרענצטע עקאָנאָמישע מיטלען און אפילו בא די רייכע איז אזוי גרויס, אַז די עלטערן און איבערהויפּט די מוטער, ריזיקירן מיט זייער געזונט און אָפט זייער לעבן צו פארהיטן א געבורט פון א ניט־געווינשט־קינד. דער מאַן גאַנץ אָפט אום צו באפרידיקן זיין תאווה, אָן דער געפאַר פון פארשוואנגערן זיין פרוי, גייט צו פראסטיטוטקעס און שטעקט אָן זיך און זיין פרוי מיט ווענערישע קראנקהייטן. ווען די פרוי פארשוואנגערט געגן איר ווילן, איז זי באַרייט צו דורכליידן שמערצן און ערנידערונג און איינשטעלן איר געזונט און לעבן אבי פּטור צו ווערן פון אומגע־ווינשטן קינד.

די צאָל פון קינדער וואָס א פּאָר פּאָלק דאַרף און קען האָבן איז די פּריוואַטע אנגעלעגנהייט פון דעם פּאָר פּאָלק זעלבסט. זייערע נייגונגען, זייער עקאָנאָמישע און פיזישע מעגלאכקייטן זיינען די איינ־

צעלנע פאקטאָרן וואָס דאַרפן באַשטימען ווען און וויפיל קינדער זיי זאָלן האָבן. דער שטאַט טאָר ניט האָבן די מאַכט צו באַגרענעצן דעם ווילן פון די עלטערן, דאָס רעכט פון דעם מאַן און דער פרוי אין באַשטימען זייער גורל אין זייער צוזאַמענלעבן.

עס איז אויך ניט אין די אינטערעסן פון שטאַט אויפצוהאַלטן דעם וואוקס פון די באַפעלקערונג כל זמן דער שטאַט באַזאָרגט ניט אַז דער יונגער דור זאָל ניט האָבן אַלע באַקוועמלעכקייטן און מעגלעכקייטן צו אַנטוויקלען זיך אין אַ געזונטער סביבה פיזיש ווי גייסטיק, ווייל דאָס וואוילזיין פון שטאַט הייגנט אָפּ ניט נאָר אין דער קוואַנטיטעט נאָר אויך צו אַ גרעסערער מאָס אין דער קוואַליטעט פון דער באַפעלקערונג.

די שטערונג פון שטאַט צו פאַרשפּרייטן אינפאָרמאַציע וועגן געבורט קאָנטראָל מיטלען ברייינגט פילע שאָדן. אומגעווינשטע קינדער וועלכע קענען אָפט ניט קריגן גענוג שפייז און קליידונג און אַ מענטשלאַכע דערציאונג ווערן געבראַכט אַף דער וועלט. מוטערס שטאַרבן יערלאַך אין די טויזנטער, און צענדליקע טויזנטער ווערן פאַרקריפּלט פון קינסטלאַכע אבאָרטן נאָך דערפאַר, וואָס זיי האָבן ניט געוואוסט ווי צו פאַרהיטן זיך פון שוואַנגערן, און דערביי ריזיקירן זיי מיט זייער לעבן און די אינטערעסן פון דער פאַמיליע.

פרייע אינפאָרמאַציע וועגן קאָנטראַצעפּטיווע מיטלען וואָלט פאַרמיטן פיל מענטשלאַכע שמערצן, ווייל די מיטלען זיינען ניט שעדלאַך, דערלויבנדיס אַ פאָלקאָמע באַפרידיקונג פון די נאַטירלאַכע אינסטינקטן אָן דער געפאַר פון פאַרשוואַנגערן, וואָס רופט אַרויס פיל אומגליקן ווען עס קומט אומגעווינשט.

ווען עלטערן וועלן האָבן זייערע קינדער ווען זיי ווילן און קענען, און וויפיל קינדער זיי ווילן האָבן, וועט דער נייער דור זיין אַ פיל געזונטערער, שענערער און גליקלאַכערער — אַ ג ל י ק פ אַ ר ד ע ר מ ע נ ט ש ה י י ט.

יוגעניק

אזוי האָט דער ענגלענדער גאַלטאָן א נאָמען געגעבן די וויסנ־שאַפט וואָס באַצוועקט צו פאַרבעסערן פיזיש און גייסטיק די צוקינפטיקע דורות. דער געדאַנק איז אָבער גאָר אַן אַלטער. דער גריכישער פילאָזאָף פּלאַטאָ, מיט איבער צוויי טויזנט יאָר צוריק, האָט נאָך געשריבן איבער דער פראַגע. אזוי ווי מענטשן האָבן אימער מער געוואוסט ווי צו פּאָרן און האָדעווען חיות איידער מענטשן, האָט פּלאַטאָ געראַטן אַז די פירער פון שטאַט, וועלכע האָבן מסתמא געהאַט ערפאַרונג אין בריען חיות, זאָלן אויך פּאָרן די יונגוואַרג כדי אַרויסצוקריגן גוטע געזונטע קינדער.

אין ענדע פון לעצטן יאָר־הונדערט האָט גאַלטאָן, א וויסנשאַפטס מאַן און נאָכפאָלגער פון דאַרווין, זיך פאַראינטערעסירט מיט דער אויפגאַבע, און האָט ניט נאָר שטודירט און געשריבן איבער דעם, נאָר אויך איבערגעלאָזן אין ירושה א סומע געלט, נאָך זיין טויט צו אַנטוויקלען די וויסנשאַפט פון יוגעניקס. גאַלטאָן האָט געראַטן אָנצו־ווענדן אַלע מיטלען וואָס זיינען געווען באַוואוסט פאַר דער וויסנ־שאַפט אַף אַרויסצוברייינגען א געזונטע, מענטשלאַכע ראַסע, אַט אזוי ווי מען טוט עס מיט די הויז־חיות. דאָס ערשטע אַף דעם געביט האָט ער געראַטן די רייכערע שיכטן פון דער באַפעלקערונג צו האָבן וואָס מער קינדער. ער האָט אָנגענומען, אַז די רייכערע זיינען א בעסערער מאַטעריאַל, זיינען אינטעלעקטועל פייאיקער, מער אַנטוויקלט און זייער נאָכשטאַמונג איז דארום מער ווינשנסווערט. די אָרימערע קלאַסן האָט ער געראַטן אָפּצוהאַלטן זיך איינגאַנצן פון חתונה האָבן, און די וועלכע זיינען עפּעס ניט־מיט־אַלעמען זאָלן פאַרווערט ווערן צו פּאָרן זיך, און אפילו פיזיש מאַכן אומפייאיק צו האָבן קינדער. די באַוועגונג האָט געקראָגן פיל ערמוטיקונג נאָך דעם ווען מענדעלס גע־זעץ פון הערעדיטעט איז באַוואוסט געוואָרן אין 1900. איצט איז אָנגענומען, אַז מענטשלאַכע הערעדיטעט איז דער פונדאַמענט פאַר ראַציאָנעלער יוגעניק. די באַוועגונג אַף דעם געביט האָט זיך פאַר־

שפרייט איבער גאַנץ אייראָפּע און אַמעריקע און די אַרבייט צו שטודירן מענטשלאַכע הערעדיטעט מיט דער אבזיכט צו פאַרבעסערן דעם מענטשלאַכן מין גייט אָן גאַנץ פלייסיק. עס זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן איניקע אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן איבער יוגעניקס. עס זיינען געגרינדעט געוואָרן פערמאַנענטע אינסטיטוציעס צו שטודירן דעם געגענשטאַנד. אין שוועדן איז פאַראַנשטאַלטעט געוואָרן אַ רעגירונגס־אינסטיטוט פאַר יוגעניק. געזעצגעבער הויבן זיך אָן צו באַנוצען מיט איניקע פון די פילע עצות, וואָס די וויסנשאַפט פון יוגעניק ווייזט אָן.

אין גרונט פּרינציפּ איז דאָס אַריינפירן אין לעבן פון די לערען אַ העכסט ווינשנסווערטע זאַך. פון ביאָלאָגישן שטאַנדפּונקט וואָלט דער דורכפיר פון דער פילאָזאָפיע פון יוגעניק געבראַכט פיל נוצן דעם מענטשלאַכן מין. דער חסרון איז נאָר וואָס דער מענטש לאָזט זיך ניט קאָנטראָלירן אַזוי ווי די בהמה אָדער אָקס, אָדער פערד. די באַרימטע פון די הויז־חיות האָבן פאַר זיך נאָר איין אויפגאַבע — אַרויסקריגן פיזישע אייגנשאַפטן. דאָס דערגרייכן זיי דורך פּאָרן פיזיש־פּאַסיגע עלטערן. אין מענטשן אָבער אינטערעסירט אונז אויך דער אינטעלעקטועלער צושטאַנד פון דור, וואָס איז אויך באַאיינפלוסט דורך הערעדיטעט, די אויפגאַבע איז דאַרום אַ דאָפּעלט שווערע. און די יוגעניקער מאַכן טאַקע דאָ אַ טעות.

די אנהייגנער פון יוגעניק באַהאַנדלענדיק דעם מענטשלאַכן מין, נעמען אָן דעם סאָציאַלן שטאַנד פון אינדיווידואל אַלץ צייכן פון אינטעלעקט, פון העכערער אינדיווידואַלער פעאיקייט, דורך וועלכע זיי האָבן געזאָלט דערגרייכן דאָס העכערע שטאַפּל פון סאָציאַלן לייטער.

עס איז איבעריק דאָ לאַנג זיך אָפּצושטעלן אַף דער פאַלשקייט פון דעם קוק. דער סאָציאַלער לייטער פון היינטיקער געזעלשאַפט איז געבויט אַף גאַנץ איינג עגאָיסטישע געפילן, וועלכע זיינען מער אַ שאָדן פאַר דעם מענטשלאַכן מין. פילע פון די גרעסטע אינטעלעקטן פון דער מענטשהייט, די לייטנדע גייסטער אין דער מענטשלאַכער געשיכטע זיינען ניט געווען דערפּאָלגרייך אין זייער פּערזענלאַכן לעבן. דאָך

האָט זייער לעבן באַפּוצט און באַרייכערט דאָס לעבן פון זייערע מיט־מענטשן. עס וואָלט געווען אַ גרויסער פאַרלוסט פאַר דעם מענטשלאַכן מין צו פאַרלירן אָט די איידעלע און אַזוי וויכטיקע (פאַר דעם וואויל־זיין פון מין) שטריכן פון די זעלבסט אָפּפערענדע אינטעלעקטועלע פּערזענלאַכקייטן.

אויך די ברייטע שיכטן פון די אַרבייטער מאַסן, די מוסקולן פון דער מענטשהייט, זייענדיק ניט אַזוי דערפאָלגרייך אין פאַרבעסערן זייער פּערזענלאַכן וואוילזיין, ניט אַזוי געשיקט אין קריכן דעם סאָציאַלן בנין, טראָגן דאָך פיליכט איבער די קעפּ פון זייערע מיטמענטשן, די קערנער פון אַ פיזיש געזונטן און גייסטיק ריינעם אָפּפערוויליגן אַל־טרואיסטישן דור אין קעגנזאַץ צו דעם פיזיש ווי גייסטיק, פאַרקריפּלטן רור פון די העכערע קלאַסן פון דער היינטיקער געזעלשאַפט.

אויך די צוואַנג־מיטלען מיט וועלכע די אַנהייגער פון דער יוגעניק באַוועגונג ווילן אויסמיידן די הייראַט פון אומגעווינשטע עלעמענטן זיינען ניט באַרעכטיקט, און זיינען אַ פאַרברעכן קעגן דער פּערזענלאַכער פרייהייט און פּערזענלאַכע רעכט.

אָבער יוגעניק אין איר הויפּט אויפגאַבע, „די וויסנשאַפטלאַכע פאַרבעסערונג פון דער מענטשלאַכער ראַסע", ווי גאַלטאָן האָט זי פאָר־מולירט, איז אַן און פאַר זיך אַ לויבנסווערטע באַוועגונג. אין דער איצטיקער געזעלשאַפט איז אָבער פיל בעסער אַז זי זאָל פאַרבלייבן נאָר אַן אויפגאַבע פון דעם איינצעלנעם און דאַרום אויך אין אַ באַ־גרענעצטן זין.

מערסטע פון איצטיקע הייראַטן קומען פאָר ניט אינגאַנצן אויס די געפילן פון ליבע. זיי זיינען אָפט און אַממערסטן צוגעמישט מיט פאַרשיידענע אויסרעכענונגען. די פראַגע פון אַ געזונטער אָפּשטאַמונג, דער געזונט צושטאַנד פון דעם צוקונפטיקן שותף אין לעבן, ווי די אַנ־דערע באַדינגונגען וואָס פירן צו אַ געזונטן דור, מוזן אויך גענומען ווערן אין באַטראַכט.

מען מוז אָבער ניט פאַרגעסן אַז עס איז ניט גענוג צו געבוירן געזונטע קינדער און אַפילו אויסצוהאָדעווען זיי געזונט און שטאַרק

און גליקלאך כדי די מענטשהייט זאָל גליקלאך זיין.

די געזעלשאפטלאכע אָרדענונג דאַרף זיין אזא וואָס זאָל פאַר־זעצן דעם מענטשס גליק דורך דער גאנצער לענג פון זיין לעבן.

מוטערשאפט

מוטערשאפט

דער מוטער אינסטינקט איז איינער פון די וויכטיקסטע אינ־סטינקטן. עס איז א טייל פון געזעץ פון פארמערונג און באַשטרעבט צו אָנהאלטן די עקזיסטענץ פון מין. דער אינסטינקט דריקט זיך אויס אין דעם שטארקן פארלאנג פון מוטערשאפט און הייסע ליבע און איבערגעבנקייט, צו א גראד פון אָפּפערוויליקייט צו די קינדער. בא חיות, וועלכע באזיצן אויך א שטארק אנטוויקעלטן מוטער אינסטינקט, האלט דער מוטערלאכער אינסטינקט אָן אין דעם רעפּראָדוצירענדן פעריאָד און די ליבע און איבערגעבנקט צו די קינדער איז אזוי לאנג ווי זיי זייַנען הילפלאָז, וואָס עס בייט זיך מיט דעם מין. דער גראד פון אי־בערגעבנקייט פון דער חיה־מוטער צו אירע קינדער איז פארשידן בא פארשיידענע חיות.

די מענטשלאכע מוטער פארמאָגט א זייער שטארקן מוטערלאכן אינסטינקט. עס איז, אָן צווייפל, דער שטארקסטער אינסטינקט בא דער מענטשלאכער פרוי. די געפילן פון מוטערשאפט באווייזן זיך בא דער פרוי אין די גאָר יונגע יאָרן, און די ליבע צו די קינדער און מוטער־לאכע איבערגעבנקייט האלטן אָן דעם גאנצן לעבן פון דער מוטער.

אונדזערע אידישע מוטערס זיינען באוואוסט צו זיין מאַמעס פון העכסטן גראד.

מוטערשאפט איז דער ליכטיקסטער שטראל אין דער פרויס לעבן. עס איז אן אונערשעפלאכער אוצר פון גליק. אָן מוטערשאפט איז דער פרויס לעבן וויסט און לער און אן אונענדלאכע בענקשאפט און טרויער באגלייט איר גאנצן לעבן.

אָבער מוטערשאַפט פאַראורזאַכט אויך פיל ליידן דער פרוי. און מוטערשאַפט איז ניט זעלטן פאַרבונדן מיט פיל געפאַרן צו דער פרוים לעבן.

די ווייטאַקן און געפאַרן פון מוטערשאַפט קענען דאָך און מוזן מינימיזירט ווערן. אין איצטיקער צייט זיינען די וועגן צו אידעאַלער מוטערשאַפט מיט אַ מינימום געפאַר צו דעם לעבן פון דער פרוי שוין אָנגעצייכנט. די היילונגס קונסט צוזאַמען מיט דעם אמת'ן ווילן פון שטאַט, אונטער גינסטיקע פּאָליטיש־עקאָנאָמישע באַדינגונגען און אויפ־קלערונגען פון די מאַסן אין באַצוג געזונטס פּראָבלעמען, קענען דערלויבן דער פרוי דעם פולן גענוס פון דעם וויכטיקסטן אינסטינקט.

די ענדערונגען אין שוואנגערשאפט

ענדערונגען אין די ערשטע דריי מאנאטן

ווען א פארהייראטע פרוי היפט א רעגל, איבערהויפט ווען זי איז שטענדיק געווען פינקטלאך, פארשטייט זי אז זי איז שוואנגעריק. זי פילט דערווייל קיינע ענדערונגען נית, קיין אויסערגעווענלאכעס. זי האלט אן איר באשעפטיקונג, זי פארברייגנט, עסט און טרינקט, און שלאפט ווי געוויינלאך. ביסלאכווייז אנטוויקלט זיך די נייגעריקייט, דער גערדאנק פון ווערן א מוטער פאנגט אן ארייננדרינגען, און די גערדאנקען, און די געפילן ווערן באשעפטיקט מיט דעם צוקונפטיקן קינד. איבערהויפט איז עס כאראקטעריסטיש פאר דער ערשטער שוואנגערשאפט, ווען דער מוטערלאכער אינסטינקט איז ניי און אומבאקאנט.

באלד באווייזן זיך אנדערע סימנים. די פרוי פאנגט אן פילן נית אמכעסטן. אין דער פרי נודעט איר און זי פילט ווי צום ברעכן. זי פילט, ווי זי וואלט ליידן פון ים־קראנקהייט. אין אייניקע טעג ארום פאנגט זי טאקע אן ברעכן. דאס ברעכן ווערט שטארקער פון טאג צו טאג. הויפטזעכלאך פילט זי נית גוט אין דער פרי, אבער אפט אויך א גאנצן טאג. דאס ברעכן האלט אן אייניקע וואכן, אומגעפער ביז דער צוועלפטער וואך פון שוואנגערשאפט. דאן פילט זיך די פרוי פיל בעסער. פארקערט, אפט טרעפט מען אזעלכע, וואס זאגן, אז זיי האבן קיינמאל אין לעבן אזוי גוט נית געפילט.

אין דערזעלבער צייט ווייזן זיך אנדערע ענדערונגען פאראורזאכט פון שוואנגערשאפט: קאפ ווייטיק, פארגרעסערטער שפייען, א באגער נאך געוויסע שפייזן. פון אלטע צייטן איז פארבליבן אן אבערגלויבן, אז א שוואנגעריקע פרוי מוז מען נאכגעבן אלץ, וואס איר ווילט זיך. דאס איז אן אבערגלויבן וואס ברענגט אפט שלעכטע רעזולטאטן. די פרוי מוז זיך קאנטראלירן און שטארקן איר אפגע־שוואכטן ווילן און עס וועט איר זיכער מער העלפן ווי שאדן, ווען זי

וויים, אַז אַ געוויסע שפּייז קען איר פאַרשאַדן, פאַרדאַרבן דעם מאָגן א. ד. ג.

דער אַפּעטיט ווערט אָפּט אומגעהויער פאַרגרעסערט. פילע פרויען באַפרידיקן זייער איבערנאָרמאַלן אַפּעטיט דענקענדיק, אַז זיי מוזן יעצט עסן פאַר צוויייען. דאָס איז ניט ריכטיק. דאָס קינד אין די ערשטע מאָנאַטן פון שוואַנגערשאַפט איז באַדייטנד קליין און פאָדערט זייער ווייניק שפּייז. עס זיינען אויך דאָ פיל פרויען וואָס פאַרלירן זייער אַפּעטיט אינגאַנצן.

אויסערלאַכע קערפּערלאַכע ענדערונגען באַווייזן זיך אויך באַלד בא פילע פרויען. די בריסט פילן זיך אָן, ווערן שטייפער און גרעסער. אָפּט קען מען פון זיי אַרויסקוועטשן אַ געדיכטע פליסיקייט באַוואוסט אַלס קאָלאָסטרום. די טונקעלערע טיילן פון קערפּער ווערן נאָך טונקעלער, שוואַרצער. בא בלאָנדינקעס קוקט עס אויס רויט־ברוינלאַך און בא ברונעטקעס — טונקל־ברוין. בא די טונקל־לייביקע ראַסן ווערט עס קויל־שוואַרץ. אמבעסטן איז עס באַמערקבאַר אַרום די ניפּלען. אַ טונקעלע ליניע באַווייזט זיך אין מיטן פון דער לענג פון בויך. די שיידע קריגט אַ בלוילאַכן אויסזען. דער פּנים אין אייניקע פאַלן ווערט באַדעקט מיט פלעקן, וואָס מען רופט „די מאַסקע פון שוואַנגערשאַפט".

די אַלע ענדערונגען קומען פאָר פרי אין שוואַנגערשאַפט, אין די ערשטע דריי מאָנאַטן.

שפּעטערדיקע ענדערונגען

די געבער־מוטער איז אין ניט שוואַנגערענדן צושטאַנד בלויז 6½ סענטימעטער לאַנג, 4 סענטימעטער ברייט און 2½ סענטימעטער דיק. דער אָרגאַן איז צוזאַמענגעשטעלט פון מוסקול פעדים איבערגעפלאָכטן פון שטאַרקייט וועגן אויף פאַרשיידענע אופנים. באַלד מיט דעם אָנפאַנג פון שוואַנגערשאַפט הויבן זיך אָן אַט די מוסקול־פעדים פאַרמערן. אזוי פאַרגרעסערט זיך די געבער־מוטער אין די ערשטע פיר מאָנאַטן. אין דער צייט ווערט דאָס ווענטל פון דער גע־

בער־מוטער דורך דער פאַרגרעסערטער צאָל פון מוסקול־פעדים דריי מאָל דיקער ווי בעפאָר דער שוואַנגערשאַפט. נאָך אָט דעם פעריאָד הערן אויף די מוסקול־פעדים פון דער געבער־מוטער צו פאַרמערן זיך אין צאָל און פאַנגען אָן צו פאַרגרעסערן זיך אין גרויס. זיי צעציען זיך און ווערן גרעבער און דערגרייכן צו דער ענדע פון שוואַנגערשאַפט פון פיר (4) ביז צוועלף (12) מאָל פון זייער אָריגינעלער מאָס. אין דעם פאַרגרעסערטן צושטאַנד קען מען לייכט באַמערקן די דריי באַזונדערע פאַכן אין די איבערפלעכטונג פון די מוסקול־פעדים.

מיט דעם וואוקס פון געבער־מוטער מוז זיך פאַרגרעסערן די באַדערפעניש פון דעם אָרגאַן פאַר שפּייז. און מיר זעען טאַקע אז די בלוט־געפעסן פאַרמערן זיך און פאַרגרעסערן זיך אַף אַן אונגעהויער מאָס.

די ניט שוואַנגערענדע געבער־מוטער האָט די פאָרם פון א באַר, וואָס איז אביסל פלאַטשיק. איר אינערלאַכער אינהאַלט איז נאָר ארום 2 קובישע סענטימעטער. צוויי וואָכן נאָך דער באַפרוכטיקונג פאַנגט זיך די געבער־מוטער אָן צו ענדערן אין מאָס און פאָרם, בייטנדיק דורך דער צייט פון שוואַנגערשאַפט אירע פאָרמען און דערגרייכנדיק אַן אינערלאַכן אינהאַלט פון פיר טויזנט ביז פינף טויזנט קובישע סענטימעטער, ד. ה. אייניקע טויזנט מאָל גרעסער.

די פאָרם פון דער שוואַנגערנדער געבער־מוטער איז אָפּהענגיק פון פילע אומשטענדן. עס ווענדעט זיך פון דער לאַגע און באַנעמונג פון פעטוס, פון דער לאַגע פון „אָרט", פון דער מאָס פון אמניאַנישע פליסיקייט אין וועלכע דער פעטוס געפינט זיך, פון דעם צושטאַנד און לאַגע פון די אַנדערע בויך־אָרגאַנען א. א. וו.

די גרויס און פאָרם פון דער געבער־מוטער באַנוצט מען אויך פאַר דיאַגנאָסטישע צוועקן. די גרויס פון דער געבער־מוטער און איר פאַרהעלטניש צו דעם נאָפּל נוצט מען אוים צו באַשטימען דעם מאָנאַט פון שוואַנגערשאַפט. ווען די געבער־מוטער געפינט זיך א דריטל וועג צום נאָפּל איז די שוואַנגערשאַפט אַלט פיר מאָנאַטן. ווען די געבער־מוטער גרייכט צוויי־דריטל וועג פון נאָפּל איז עס פינף מאָנאַטן, און ווען די געבער־מוטער איז באַם נאָפּל איז עס זעקס מאָנאַטן שוואַנגער־

שאָפט. צו זיבן מאָנאַטן הויבט זיך די געבער־מוטער אויף ביז איין דריטל דעם וועג פון נאָפּל ביז דעםביינדל וואָס הייגט אראָפּ אין מיטן פון ברוסט־קאַסטן, צו אכט מאָנאַטן—צוויי דריטל און ווען די שוואַנגערשאַפט טרעט אריין אין ניינטן מאָנאַט איז די געבער־מוטער בא דעם ביינדל. אָבער אין גיכן לאָזט זיך די געבער־מוטער ארונטער



פיגור 20. די הויך פון דער געבער־מוטער פון דער צוועלפטער ביז פערציקסטער וואָך פון שוואַנגערשאַפט.

ביז צו דער הויך פון אכטן מאָנאַט און בייגט זיך אריבער פאָראויס. עס איז פארשטענדלאך אז אָט דער רעכענונג איז ניט שטענדיק פינקט־לאך, וויל ניט שטענדיק איז דער נאָפּל אף דעם זעלבן פלאַץ, צוליב אן אויסערגעווייגלאך גרויסן אָדער גאָר קליינעם קינד. ווען די

אמניאָנישע פליסיקייט איז צופיל אָדער צו ווינציק און אזוי ווייטער.

פון דער פאָרם פון דער געבער־מוטער קען מען זיך אויך פאָר־שטעלן ווי דאָס קינד ליגט.

דאָס אראָפּלאָזען זיך פון דער געבער־מוטער

דאָס אראָפּלאָזן זיך פון דער געבער־מוטער טיפער אין בעקען און דאָס איבערפאַלן פאָראויס קומט פאָר צוויי אָדער דריי וואָכן פאר דער אנטבינדונג. דאָס קומט פאָר נאָר אין דעם פאַל, ווען די פרוי האָט אַ נאָרמאַלען בעקן. די, וואָס האָבן געהאַט קינדער פריער מוזן אויך האָבן גוטע, שטאַרקע מוסקולן פון בויך, כדי דאָס אראָפּלאָזן זיך זאָל געשען. אָפט טרעפט, אז דאָס אראָפּלאָזן זיך קומט פאָר פּלוצ־לונג, מיט אביסל ווייטיק, וועלכע קומען און גייען אוועק. ענלאך צו די ווייען פון אנטבינדונג, און די פרוי דענקט, אז דאָס פאַנגען זיך אָן די ווייען. עס טרעפן פאַלן, ווען דאָס אראָפּלאָזן זיך קומט פאָר גאנץ פרי, אָפט ארום זיבענטן מאָנאט און קען שפּעטער צוריק זיך אויפהויבן און ווידער אראָפּקומען. עס קען אָבער טרעפן, אז דער קאָפּ זאָל אויסוואַקסן פאר דער צייט און שפּעטער זיין צו גרויס אריינצוגיין אין אמתן בעקן. ווען דאָס אראָפּלאָזן קומט פאָר צו פרי און דער קאָפּ פון קינד געפינט זיך זייער נידעריק פון בעקן, אָנגעלענט אָף דעם דעק קען עס פאראורזאכן אַ פּערמאַנענטע פארענדערונג פונ'ם שארבן פון קינד.

דאָס אראָפּלאָזן זיך פון דער געבער־מוטער איז אַ גוטער סימן. עס באווייזט, אז דער בעקן איז גרויס גענוג דורכצולאָזן דעם קאָפּ פון דעם קומענדיקן קינד.

מיט דער פארגרעסערונג און ענדערונג פון דער געבער־מוטער ענדערט זיך אויך דער אויסערלאכער אויסזען פון דער פיגור פון דער שוואַנגערענדער. דער רוקן ווערט מער אויסגעגלייכט, דער האַלז ווערט אויך גלייכער און דער קאָפּ אביסל פארריסן. דאָס גיט דער

שוואַנגערענדער פרוי אַ שטאָלצן אויסזען, וואָס שעקספיר האָט אָנגע־רופן „דער שטאָלץ פון שוואַנגערשאַפט“.

אין די לעצטע מאָנאַטן פון שוואַנגערשאַפט, ווען די געבער־מוטער איז גאַנץ גרויס, פאַנגען אָן פילע פרויען צו באַקלאָגן זיך אַף פאַרשיידענע ווייטיקן, אַף שווער אָטעמען, געשוואָלענע פיס, קרעמפן אין די פיס און אַנדערע אומבאַקוועמלאַכקייטן וועלכע קומען פון דער דריקונג פון דער פאַרגרעסערטער געבער־מוטער.

מיטן אַראָפּלאָזן זיך פון דער געבער־מוטער קריגן די אינערלאַ־כע אָרגאַנען מער פּלאַץ. דאָס אָטעמען ווערט בעסער, דער מאָגן ווערט בעסער, אייניקע ווייטיקן פאַרשווינדן, אָבער ווידער אַנדערע אומ־אַנגענעמלאַכקייטן קענען ווערן פאַראורזאַכט.

צוליב דער פאַרגרעסערונג פון דער געבער־מוטער צוציט זיך די הויט פון בויך. דאָס לאָזט איבער אייביקע סמנים אַף דער פרויס בויך. די סמנים האָבן דעם אויסזען פון ליניעס פון פאַרשיידענער גרויס. די ניי־געוואָרענע ליניעס זיינען רויטלאַך און די ליניעס פון אַ פריערדיגער שוואַנגערשאַפט האָבן אַ ווייסן אויסזען.

[illegible] און יונה בערקאוויטש

סימנים פון שוואנגערשאפט

ווי איינפאך עס זאל ניט זיין די באשטימונג פון שוואנגערשאפט אין מערסטע פאלן טרעפט דאך, אז ווען די באשטימונג צו די פרוי איז שוואנגעריק קען ניט באשטעטיקט ווערן זיכער, אפט כמעט איז די לעצטען מאנאטן. בכלל אין די ערשטע דריי מאנאטן זיינען ניטא קיין זיכערע סימנים פון שוואנגערשאפט, ווייל די געוויינלאכע סימנים קענען פאראורזאכט ווערן דורך אנדערע צושטאנדן. טעות'ן קענען און ווערן געמאכט דורך דאקטוירים אויך אין די מיטעלע און די לעצטע מאנאטן פון שוואנגערשאפט.

אויסשליסנדיק די איניקע צווייפלהאפטע פאלן, זיינען די פאלגענדיקע סימנים גילטיק אין דער באשטעטיקונג פון שוואנגערשאפט.

1) אפוועזנהייט פון דער מענסטרואציע. דאס איז דאס רוב דער ערשטער סימן פון שוואנגערשאפט בא פרויען, וואס מענסטרואירן רעגולאר. מאנכע פרויען מענסטרואירן דעם ערשטן און אויך דעם צווייטן מאנאט, כאטש דאס בלוטיקן איז ניט ווי געוויינלאך. עס טרעפן אויך פאלן, אז פרויען מענסטרואירן די אלע ניין מאנאטן. אבוועזנהייט פון דער מענסטרואציע קען אויך פארקומען צוליב אנדערע אורזאכן א חוץ שוואנגערשאפט.

2) ברעכן. פילע פרויען האבן דעם סימן. ער באווייזט זיך אין נאך פיר וואכן פון שוואנגערן. דער ברעכן קומט פאר אממערסטן אינדערפרי. דער סימן איז אויך קיין זיכערער, ווייל דאס ברעכן קען ארויסגערופן ווערן דורך אנדערע צושטאנדן.

3) בייטונג פון געמיט צושטאנד. פארענדערונג פון דעם אפעטיט און פארדייאונג, און ווייטאקן אין די בריסט זיינען אויך אפט סימנים פון שוואנגערשאפט.

די אלע סימנים קען די שוואנגעריקע באקומען אין די ערשטע דריי מאנאטן.

דורך אן אונטערזוכונג קען מען דאס רוב אנטדעקן פאלגענדיקע

סימנים : עטוואָס פאַרגרעסערטע בריסט, טונקעלע און האַרטערע ניפּלען. די שיידע פאַנגט אָן אַרום דער אַכטער וואָך קריגן אַ בלוילאַכן קאָליר. אַרום דערזעלבער צייט ווערט דאָס העלזל פון דער געבער־מוטער ווייכער און אַביסל שפּעטער — ווערט ווייכער אויך די שיידע. ביסלאַכווייז ווערט די געבער־מוטער גרעסער, נעמט אָן אַ מער קיילאַכדיקע פאָרם.

אין פערטן מאָנאַט פאַנגט די שוואַנגערענדע אָן פילן בעסער. דאָס נודען און ברעכן הערט אויף, דער געמיט צושטאַנד ווערט בעסער, דער אַפּעטיט צום עסן פאַרגרעסערט זיך. אַביסל שפּעטער, אַרום דער זעכצענטער ביז דער אכצענטער וואָך, פאַנגן זיך אָן פילן די באַוועגונגען פון דעם קינד. צום אָנפאַנג גאָר שוואַך, אַזוי, אַז די ניט געניטע מוטער ווייס ניט, וואָס עס באַטייט, און דערנאָך, אַז עס האַלט אָן אַ וואָך, און די באַוועגונגען ווערן אַביסל שטאַרקער, הויבט זי אָן באַגרייפן וואָס עס איז. זי פאַנגט אָן פילן „לעבן“.

פון דער צייט, ווען די מוטער פאַנגט אָן פילן די באַוועגונגען קען מען אויסרעכענען אומגעפער די צייט פון קינפּעט. אין אָן ערשטלינג רעכנט מען צוויי־און־צוואַנציק וואָכן פאָרויס און באַ די, וואָס האָבן געהאַט מער ווי איין קינד — פיר־און־צוואַנציק וואָכן.

אַרום דערזעלבער צייט קען דער דאָקטאָר מאַכן אַ זיכערן דיאַגנאָז פון שוואַנגערשאַפט. אָפט קען מען פילן די פאַרשיידענע טיילן פון קינדס קערפּער דורך דער מוטערס בויך־מוסקולן. מען קען פילן די באַוועגונגען פון דעם קינד און דער בעסטער סימן פון שוואַנגערשאַפט, — מען קען הערן דאָס קלאַפּן פון קינדס האַרץ.

אָן אַנדערער זיכערער מיטעל צו באַשטימען שוואַנגערשאַפט איז דאָס וואָס אַן עקס־שטראַל בילד אַרום דעם זעקסטן מאָנאַט, וועט באַווייזן די ביינערנע טיילן פון פעטוס.

דער דויער פון שוואַנגערשאַפט

די דורכשניטלאַכע צייט פון שוואַנגערן איז צוויי הונדערט און אכציק טעג אָדער 9 מאָנאַטן. א נאָרמאַל קינד קען אויך געבאָרן ווערן פריער פון ניין מאָנאַטן, מיט א שוואַנגערשאַפט פון אכט מאָנאַטן, און אפילו ווייניקער. עס טרעפן אָפט נאָרמאַלע געבורטן מיט א געזונט קינד אין זיבן מאָנאַטן שוואַנגערן. די מיינונג אַז א זיבן מאָנאַטלאַכע קינד, „א זיבעלע" קען לעבן, און אַז א אכט מאָנאַטלאַך קען ניט לעבן, איז א וועלט פאַרשפּרייטער אבערגלויבן. א קינד פון זיבן מאָנאַטן שוואַנגערשאַפט און מער האָט אַלע מעגלאַכקייטן צו אויסהאָדעווען זיך, און וואָס לענגער עס איז געשוואַנגערט און גרעסער — אַלץ לייכטער איז עס אויפצוהאָדעווען און זיכערער אַז דאָס קינד וועט בלייבן לעבן. אייניקע האַלטן, אַז אפילו א מפּיל פון אונטער זיבן מאָנאַטן שוואַנגערשאַפט, ווען מען ווענדט אָן אַלץ, וואָס איז נויטיק — קען עס בלייבן לעבן. עס איז ניטאָ קיין אורזאַך צו דיינקען, אַז אייניקע פון די מפּילס, אונטער זיבן מאָנאַטן זאָלן ניט קענען געראַטעוועט ווערן.

דער שוואַנגערשאַפט פעריאָד קען זיך אויך פאַרציען פיל לענגער ווי ניין מאָנאַטן, און מען רעכנט, אַז עס טרעפן פרויען וואָס שוואַנגערן אַזוי לאַנג ווי דריי הונדערט און דרייסיק טעג, אָדער גאַנצע עלף מאָנאַטן.

עס זיינען דאָ פילע אומשטאַנדן וועלכע מאַכן שווער אָדער אומעגלאַך די ריכטיקע באַשטימונג פון דעם דויערן פון שוואַנגערשאַפט. ווי באַוואוסט, געפינט מען אויס די צייט פון שוואַנגערשאַפט פון דער צייט פון דער לעצטער מענסטרואַציע. זיינען אָבער פאַראַן פאַלן, וואָס די מענסטרואַציע פאַרהאַלט זיך צוליב פאַרשיידענע אַנדערע אורזאַכן און ניט דערפאַר ווייל די פרוי הויבט אָן שוואַנגערן. עס זיינען דאָ אויך פיל פרויען וואָס מענסטרואירן אין דעם ערשטן און אפילו אויך אין צווייטן מאָנאַט פון שוואַנגערשאַפט.

יונגע מוטערס זיינען מער גענויגט געלעגן צו ווערן בעפאָר ניין מאָנאַטן. אויפרעגונג, דאגות, פיזישע אנשטרענגונג, א צופעליגער

פאַל אָדער וועלכע עס ניט איז קליינע באַשעדיקונג אָדער שרעק קען ענדיגן דאָס שוואַנגערן פאַר דער צייט.

די אורזאַכן פון פאַרלענגערטער שוואַנגערשאַפט זענען געוויסע צושטאַנדן פון דער געבער־מוטער, צו ווינציק איבונגען פון דער שוואַנגערענדער, און ווען די מוטער איז מער ניט יונג, איבערהויפּט מיט אַן ערשטלינג. פרויען וואָס זיינען צו פויל צו אַרבעטן און מאַכן ניט קיין איבונגען שוואַנגערן לענגער.

אום אויסצורעכענען די צייט פון ערוואַרטעטער אַנטבינדונג, באַנוצט מען דעם פאָלגענדן רעכענונג: פון דעם טאָג פון דער לעצטער מענסטרואַציע רעכענט מען אַראָפּ דריי מאָנאַטן און דאַן לייגט מען צו זיבן טעג, וואָס וועט געבן דעם ערוואַרטעטן טאָג פון דער אַנטבינדונג. אַזוי, אויב דער טאָג פון אָנפאַנג פון דער לעצטער רעגעל איז געווען דעם צוואַנציקסטן אַפּריל, ד. ה. דעם 20־טן פון דעם 4־טן מאָנאַט פון יאָר ,רעכענט מען אַראָפּ 3, וועט זיין דעם 1־טן מאָנאַט, אָדער יאַנואַר דעם 20־טן, און ווען מיר לייגן צו 7 טעג, וועט דער טאָג פון אַנטבינדונג זיין דעם 27־טן יאַנואַר. דער רעכענונג וועט זיין ריכטיק אין צוויי וואָכן פון געפונענעם דאַטום.

פיגור 21. טאבעל אויסצוגעפינען די דאַטע פון אנטבינדונג.



אין דעם אויסערלאכן ווייסן עליפּס געפינט דעם טאַג פון לעצטער מענסטרואציע און אין דעם אינערלאכן ווייסן עליפּס דעם מאַנאט פון לעצטער מענסטרואציע. דער דערוואַרטעטער טאַג און מאַנאט פון אנטבינדונג וועלן געפונען ווערן פון אונטן אין די באטרעפנדע טונקעלע עליפּסן. אויב דער דערוואַרטעטער טאַג פון אנטבינדונג קומט אוים אין די ערשטע זיבן טעג פון מאַנאַט, וועט דער מאַנאַט זיין דער פאָלגענדער מאַנאט פון דעם אנגעצייגטן.

„פארקוקן זיך“

איבער דער גאנצער וועלט, צווישן אַלע פעלקער, סיי צווישן אזויגערופענע ציוויליזירטע און סיי צווישן כמעט ווילדע שבטים, איז פארשפרייט א גלויבן, אז א שוואנגעריקע פרוי קען זיך „פארקוקן“ אַף עפעס, און אָפרופן, אָדער א סימן לאָזן אַף דעם קינד. יעקב אָבינו, דערציילט די ביבל, האָט דאָס אריבערגעטראָגן אפילו אַף שאָף. ער פלעגט אוועקשטעלן א שטעקל געפלעקט אין שווארץ און ווייס פאר די שוואנגעריקע שאָף, ווען זיי פלעגן קומען זיך אָנטרינקן, און די שוואנגעריקע שאָף פלעגן זיך אַף דעם „פארקוקן“ און אַלס רעזולטאַט— זיינען געווען געפלעקטע שעפּלאַך!

אויך פלעגט מען גלויבן, אז ווען די שוואנגעריקע פרוי דערשרעקט זיך, ווי צום ביישפיל, בא א שרפה, און כאפּט זיך ביים פנים, וועט בא דעם שפּעטער געבאָרענעם קינד זיין א רויטער סימן אפן פנים. אָדער ווען מען ווארפט מיט עפּעס אַף דער שוואנגעריקער וועט עס אַרויס־רופן אַ סימן אַף דעם קינדס קערפּער.

אַלץ איז מעגלאַך געווען אין די ביבלישע צייטן. אָבער גאָר־ניט אזוי לאַנג צוריק זיינען געווען וויסנשאַפטסלייט וואָס האָבן אויך פון דעם שטאַרק געהאַלטן. נאָר גאָר לעצטנס איז עס באַשטימט אָפּ־געלייקנט געוואָרן, אז וויפיל די שוואַנגעריקע מוטער זאָל זיך ניט פאַר־קוקן אַף וואָס עס־איז, אָדער וויפיל מאָל די שוואַנגעריקע מוטער זאָל זיך ניט כאַפּן באַם פנים, ווען זי זעט אַ שרפה, אָדער וויפיל ברעק־לאַך מען זאָל אַף דער שוואַנגעריקע פרוי ניט וואַרפן, — וועט דאָך אַף דעם צוקינפטיקן קינד קיין סימן ניט זיין.

דעם אבסורד פון „פאַרקוקן זיך“ און די סימנים באַם קינד, וואָס מען וויל אויסטייטשן אַלס מוטערלאַכע איינדרוקן א. ד. ג. באַ־ווייזט מען דורך פאָלגענדן:

ערשטנס, איז די מוטער אַף קיין אופן ניט פאַרבונדן מיטן פעטוס (קינד) אין דער געבער־מוטער דורך וועלכן די געפילן, וואָס די מוטער קריגט דורך די חושים, זאָלן קענען איבערגעגעבן ווערן צום

פעטוס. די נאטור האָט טאַקע באוואָרנט אַז אַזאַ זאַך זאָל זיך נים טרעפן, און האָט געמאַכט דאָס קינד אינגאַנצן אומאָפּהענגיק פונם גייסטיקן לעבן פון דער מוטער, און אפילו, אין אַ געוויסער מאָס, פון פיזישן צושטאַנד אין דער צייט פון שוואַנגערן. קיינע נערוון פון דער מוטער גייען ניט צום קינד. אפילו דאָס בלוט פון דער מוטער וואָס דערנערט דעם פעטוס גייט ניט דירעקט צום פעטוס ,נאָר צו דער פּלאַצענטאַ, וואו אַן איבערבייט פון די ערנערונגס פּראָדוקטן קומט פאָר, און דאָס צירקולירענדיקע בלוט פון דעם פעטוס, וואָס איז אינגאַנצן אָפּהייג־גיק פון דער מוטערס צירקולאַציע קריגט אַרויס נאַרהאַפטע שטאָפן וואָס דער מוטערס בלוט האָט איבערגעלאָזן. דאָס קינד אין דער געבער־מוטער איז אַ וועלט פאַר זיך און האָט קיין וועג ניט איבערצו־נעמען די געפילן פון דער מוטער. נאָר אַזעלכעס קען זיך איבערגעבן דעם קינד, וואָס טראָגט זיך אַריבער דורך די סעקס־צעלן פון די עלטערן אין דער צייט פון באַפרוכטיקונג און וואָס איז באַוואוסט אַלס ירושה, אָדער הערעדיטעט.

צווייטנס, אַזאַ זאַך ווי די ווירקונג פון איינדרוקן אַף דעם צוקונפטיקן קינד וואָלט געקענט פּליינכט טרעפן ווען דאָס קינד איז נאָך ניט פאָרמירט. איז אָבער באַוואוסט אַז דאָס קינד איז אין גאַנצן פאָרמירט באַ דער ענדע פון דער זעקסטער וואָך, ד. ה. ווען מערסטע מוטערס זיינען נאָך ניט זיכער אָדער ווייסן ניט, אַז זיי שוואַנגערן. די אַלע פאַלן, וואָס די מוטערס שרייבן צו אַ געווויסן צייכן אַף דעם קינד צו אַ געוויסער פּאַסירונג, קומען פאָר גאַנץ שפּעטער.

ווייטער, אויב אַ געוויסער איינדרוק זאָל לאָזן אַ צייכן אַף דעם קינד, וואָלט יעדער פון אונז געדאַרפט טראָגן כאָטש עטלאַכע סימנים פון אַזוינע איינדרוקן, ווייל וועלכע פרוי אין דער לאַנגער צייט פון ניין מאָנאַט זבאַגעגנט ניט עפּעס איבערראַשענדעס, אויסערגעוויינ־לאַכס? אויב אָבער אַ קינד האָט אַן אויסערגעוויינלאַכן צייכן, וואָס איז ניט קיין ירושה זאַך און קען צוזאַמענגעבונדן ווערן מיט אַ צופאַל, וואָס האָט געקענט ווירקן אַף דער מוטער, איז עס טאַקע נאָר אַ צו־פאַל, אַ ספּאַנטאַנע וואַריאַציע.

צום לעצטן קען מען זאָגן, אַז אַלע סימנים וואָס מען שרייבט צו דעם פאַרקוקן זיך, די אַלע „פאַרקוקענישן“ וואָס טרעפן בא מענטשן טרעפן זיך אויך בא חיות, פויגל און פיש, און אפילו אין דער וועלט פון פלאַנצן, וועלכע האָבן זיכער ניט די טבע „צו פאַרקוקן זיך“.

א שטאַרקע אויפרעגונג, אן אויסערגעוויינלאַכע פאַסירונג, א שמערצלאַכער צופאַל קען אָבער יאָ האָבן אַן אינדירעקטע ווירקונג אַף דעם געזונטם צושטאַנד פון דעם פעטוס, און אפילו אַזוי שטאַרק, אַז דער פעטוס קען געטויט ווערן. דאָס טרעפט פון דעם, וואָס די ער־נערונג פון פעטוס ווערט געשטערט, פון דעם וואָס די אויפטרייסלונג אין דער מוטער פאַרגיפטעט דעם פעטוס.

עס איז וויכטיק דערפאַר, אַז די מוטער אין צייט פון שוואַנגערן זאָל אויסמיידן יעדע געלעגנהייט, וואָס קען שלעכט ווירקן אַף איר געזונט און דורכדעם, אין א געוויסן גראַד, אַף דעם געזונט פון דעם צוקונפטיקן קינד.

היגיענע פון דער שוואַנגערשאַפט

דיעטע

עס איז א פּאָפּולערע מיינונג, אז א שוואנגערע פרוי דאַרף עסן „פאַר צוויי", דאָס הייסט, פאַר זיך און איר קינד. דאָס איז ניט ריכ־טיק. דאָס אַנטוויקלענדע קינד פאָדערט זייער ווייניק שפּייז. דאָס מיירסטע פון זיין וואָג קריגט עס אין די לעצטע דריי מאָנאַטן, און, מען קען זאָגן, אז וואָס און וויפיל די מוטער זאָל ניט עסן, וועט עס האָבן זייער א קליינע ווירקונג אַף דאָס געוויכט פון דעם קינד. דאָס איז באמערקט געוואָרן אין דער צייט פון דער לעצטער מלחמה אין איירָאָפּע, וואו ניט קוקנדיק אַף דער באַגרענצטער נארונג פון די מוטערס, ווי אַלע אנדערע, איז דאָך דער דורכשניטלאַכער געוויכט פון די קינדער ניט פארקלענערט געוואָרן, און אין אייניקע ערטער איז עס גראַד פארגרעסערט געוואָרן. אין דער טעגלאַכער פּראַקטיק זעען מיר אָפט אַזוינע פאַלן, וואָס ניט קוקנדיק אַף דער מוטערס שוואַכן אָדער קראַנקן צושטאַנד און אומאפּהענגיק פון דעם וואָס די מוטער האָט זייער ווייניק זיך דערנערט אין דער צייט פון שוואַנגערשאַפט, איז דאָך דאָס קינד פון דורכשניטלאַכן און אָפט מער ווי דורכשניט־לאַכן געוויכט.

דער פעטוס איז אן אמת'ער פּאַראַזיט אַף דער מוטערס קערפּער און נעמט אַרויס פון איר אַלץ, וואָס עס איז פאַר אים נויטיק פון דער מוטערס אָרגאַניזם, אָפט באַרויבנדיק זי פון עלעמענטן, וואָס זיינען נויטיק פאַר איר אייגענעם געברויך.

דאָסזעלבע קען מען אויך זאָגן וועגן די שפּייזן וועלכע די שוואַנגערדיקע פרוי דאַרף עסן. דאָס, וואָס האָט געהאַלטן איר קער־פּער אין גוטן נאָרמאַלן צושטאַנד ביז דער שוואַנגערשאַפט וועט אויך ערנערן איר קערפּער אין אָט דער וויכטיקער צייט, און וועט געבן נארונג דעם קליינעם פּאַראַזיט. עס איז ניט נויטיק דעריבער, צו מאַכן קיין ענדערונג אין דער דיעטע. ס'איז נאַטירלאַך אָבער, אז אַלץ, וואָס ס'איז שעדלאַך פאַרן קערפּער אין געוועגלאַכן צושטאַנד,

איז מער שעדלאך אין די מאָנאטן פון שוואַנגערשאַפט, ווייל דער קערפּער איז אין דער צייט אַזוי אויך באַלעסטיקט און אָנגעשטריינגט צו אָנהאַלטן די נאָרמאַלע פונקציעס. שאַרפע, אויפּרעגענדיקע שפּייזן, און שפּייזן וואָס זיינען געוועגלאך שווער צו פאַרדייען, ווי קראָכמאַל שפּייז געפּרעגלט אין פעטס א. ד. ג. דאַרפן ניט געברויכט ווערן. פלייש און אייער וואָס פאַלן צולאַסט אַף די נירן דאַרפן באַגרענעצט ווערן אָדער אין גאַנצן ניט געגעסן ווערן. רויע פרוכטן און גרינסן איז וויכטיק צו עסן צוליב זייער ווירקונג אין רייניקן די געדערים און צוליב זייער אינהאַלט אין זאַלצן און וויטאַמינס וועלכע דאָס קינד פאַרברויכט.

די בריסט

מיטן אָנפאַנג פון שוואַנגערשאַפט פאַנגען די ברוסטן אָן צו ווערן אַקטיוו. זיי ווערן אַביסל שטייפער, האַרטער, און גרעסער. די ניפּלס ווערן טינקעלער און באַ ברונעטקעס און פרויען פון די טונקעלערע און שוואַרצע ראַסן ווערן די ניפּלס און אַרום זיי — שוואַרץ ווי קויל.

אַרום פינפטן מאָנאַט קען מען פון די ברוסטן אַרויסקוועטשן א פליסיגקייט, וואָס איז ענלאך צו מילך, וועלכע רופט זיך קאַלאַסטרום. אָפט באַדעקט אָט די קלעפּיקע פליסיגקייט די ניפּלס און רופט אַרויס שמערצן. עס איז דערפאַר אַמבעסטן אָנפאַנגענדיק מיטן פינפטן מאָנאַט צו וואַשן די ניפּלס טעגלאך מיט וואַסער און זייף. מיט וואַזעלין אָדער אָליוו אויל איז גוט אויסצושמירן זיי נאָכ'ן וואַשן, צו פאַרהיטן די שפּאַלטונג פון דער הויט פון די ניפּלען. א לייכטער מאַסאַזש פון די ניפּלען טעגלאך וועט צוגעוויינען די ניפּלען צו דעם זייגען פון דעם צוקונפטיקן קינד. דער מאַסאַזש ווערט געגעבן מיט צוויי פינגער. מען קייקלט און מען רייבט דעם ניפּל אין די צוויי פינגער פאַר פינף אָדער צען מינוט, א פּאָר מאָל א טאָג. עס איז ראַטזאַם אַרויסשטעלן די בריסט צו דער זון יעדן טאָג, און לופט זאָל קענען צוגעלאָזן ווערן שטענדיק. אין פאַל פון צו קורצע ניפּלען, דאַרף

די מוטער זיי טעגלאך אויסציען.

אויב די ברוסטן ווערן צו שווער קען מען זיי אונטערהאלטן מיט א באנדאזש.

גוטע אכטונג צו די ברוסטן פארהיט די מוטער און קינד פון פיל איבעריקע שמערצן, אומאנגענעמלאכקייטן און אפט — פון גאנץ געפערלאכע קאמפליקאציעס פאר דער מוטער און קינד.

היגיענע פון די הויט

איינער פון די וויכטיקע אפווארף־ארגאנען פון קערפער איז די הויט. דער אפפאל ווערט ארויסגעגעבן דורך די שוויץ־דריזן אין דער הויט דורך מיליאנען קליינע לעכעלאך (עפענונגען). אז די קליינע עפענונגען טארן נים פארשטאפט ווערן, אנדערש קען דער שמוץ פון קערפער נים ארויסגעווארפן ווערן דורך דער הויט און דער קערפער מוז זוכן אנדערע וועגן, דורך די געדערים, דורך די נירן, אדער לונגען זיי ארויסצושטופן. ווען די הויט פונקציאנירט נים אין איר פולער מאס, בלייבט דער קערפערלאכער אפפאל לענגער אין בלוט, פאר־סמ'נדיק דעם קערפער ביז א געוויסן גראד און אנשטרענגענדיק די אנדערע אויסווארף־ארגאנען. עס איז באוואוסט אז ווען נאר איין דריטל פון דער הויט איז צושטערט אזוי אז זי קען נים פונקציאנירן, דאן קען א מענש נים לעבן. אין שוואנגערשאפט טראגן די ארויסווארף ארגאנען א פארגרעסערטע ארבעט, ווייל זיי מוזן אויך ארויסטראגן דעם אפפאל פון דעם פעטוס, עס איז פארשטענדלאך, אז די הויט מוז זיין אין איר בעסטן צושטאנד צו פונקציאנירן אפן העכסטן גראד.

עס איז דערפאר וויכטיק צו האלטן די קליינע עפענונגען אין דער הויט אפן, צו וואשן דעם קערפער וואס אפטער. א ווארימע באד מיט זייף זאל גענומען ווערן צוויי־דריי מאל א וואך. א לעבלאכע אדער קילע באד זאל גענומען ווערן יעדן פרימארגן. גאר הייסע, ווי גאר קאלטע בעדער דארפן אויסגעמיטן ווערן. באדן זיך אין ים איז נים ראטזאם אין די לעצטע מאנאטן.

אין לעצטן מאנאט איז אמבעסטן צו געברויכן א שפריץ־באד

אָדער א שוואָם־באָד פון קאַלטע אָדער לעבלאַכע וואַסער און זייף.

ארבייט און איבונגען, פרישע לופט און זונענשיין

די נויטווענדיקייט פון פרישע לופט און זונשיין פאַרן מענטש־לאַכן קערפּער ווערט אַלץ מער פּאָפּולער. יעדער ווייס איצט ווי נויטיק עס איז פאַרן געזונט צו פאַרברייננגען, כאָטש א טייל פון טאָג אויף דער פרישער לופט, אויסער דער הויז. די אַנטדעקונגען פון די לעצטע יאָרן באַווייזן, וואָס פאַר א גרויסע ווערדע עס האָבן די זון־שטראַלן אויף יעדן לעבעדיקן אָרגאַניזם. עס איז יעצט באַוואוסט אז אזוינע קראַנקהייטן ווי די ענגלישע קראַנקהייט (ראַכיט) טובער־קולאָזיס א. א. וו., ווערן פאַרהיט און געהיילט דורך די וויאָלעט שטראַלן פון דער זון. און ניט נאָר די דירעקטע שטראַלן, נאָר זאָגאַר שפּייזן וואָס זיינען ארויסגעשטעלט געוואָרן אַף דער זון קריגן אין זיך די וואונדער־קראַפט פון היילן פילע קראַנקהייטן.

עס איז אויך דאָ א גרונט צו דיינקן, אז זון־שיין קען האָבן א גינסטיקע ווירקונג אַף דעם קינד, אַף זיין צוקינפטיקן לעבן.

עס איז וויכטיק דערפאַר, אז יעדע שוואַנגערע פרוי זאָל פאַר־ברייננגען וואָס מער אַף דער פרישער לופט, אַמווייניקסטן צוויי אָדער דריי שעה יעדן טאָג. א שפּאַציר אין דרויסן איז זייער ווינשנסווערט און קיין פרוי זאָל דאָס ניט פאַרפעלן. אנדערע באַשעפטיקונגען אין דרויסן זיינען פון דער זעלביקער וויכטיקייט. פיזישע איבונגען אַף דער פרישער לופט פאַרשטאַרקן די מוסקולן, וועלכע זיינען אזוי נויטיק באַ דער אַנטבינדונג, פאַרשטאַרקן די נערוון, סטימולירן די שוויץ־דריזן און אַנדערע אָפּוואַרף־אָרגאַנען, פאַרשטאַרקערן די ארבעט פון דעם האַרץ און שיקן א גרעסערן צופלוס פון בלוט צו אַלע טיילן פון קערפּער, אַף אַזא אופן פאַרבעסערנדיק די פאַרדייאונג פון שפּייז, ברענגענדיק מער לעבעדיקייט, פרישקייט און מונטערקייט.

אויב עס איז אָבער רעגנדיק, שטורמדיק אָדער בכלל ווען דער וועטער דערלויבט ניט צו זיין אין דרויסן, זאָל די פרוי טאָן איר אַר־בעט, אָדער אומשפּאַצירן אין הויז וואו די פענצטער זיינען אָפן.

גימנאסטישע איבונגען פאַר פרויען, וואָס האָבן גענוג צייט און וואָס טוען קיין הויז־ארבייט ניט, איז זייער ראַטזאַם.

איבונגען מוזן געטאָן ווערן ניט מער ווי ביז דעם גראַד פון מידקייט. מיט דעם געפיל פון מידקייט מוז זיך די פרוי אָפּרוען.

פאַר די פרויען, וואָס האָבן פיל הויז ארבעט זיינען ניט נויטיק קיין איבונגען, אָבער עס איז וויכטיק אַז אַזאַ פרוי זאָל פאַר־ברייננגען אייניקע שטונדן אין טאָג אונטערן פרייען הימל, לעזענדיק, שמועסנדיק, נייענדיק א. ד. ג.

קליידונג

קליידער ווערן געברויכט צוליב צוויי צוועקן, הויפּטזעכלאַך אַלס אַ צירונג, און צו פאַרהיטן דעם קערפּער פון די עקסטרעמען פון דער טעמפּעראַטור. מען גיט אָן נאָך אַ דריטן צוועק — באַשיינדהייט. אָבער אונז אינטערעסירן איצט נאָר די קליידער פון דעם שטאַנד־פּונקט פון נוצלאַכקייט, אַלס אַן אָנצוג, וואָס באַשיצט דעם קערפּער.

די קליידער מוזן זיין גראַם, קיין טייל פון קערפּער טאָר ניט זיין געדריקט און די קליידער מוזן זיין צוגעפּאַסט צו דער צייט פון יאָר, צו דעם קלימאַט. ווינטער, אין קאַלטע געגנדן, דאַרפן געטראָגן ווערן טונקעלע, ווארימע, אָבער גראַמע קליידער אַזוי אַז דער קערפּער זאָל זיין אנגענעם, ווארעם, וואָס מאַכט מעגלאַך אַ רעגולמעסיקע ציר־קולאַציע פון די בלוטן און האַלט די הויט אַקטיוו. זומער, אין שטאַרקע היצן, איז ראַטזאַם זיך אָנצוטאָן אין לייכטע קליידער פון אַ ליכטיקן קאָליר, כדי די זון זאָל אָפּגעשלאָגן ווערן און ניט איבערהיצן דעם קערפּער.

אַלע קליידער דאַרפן הענגען פון די אַקסלען, קיין טייל פון קערפּער זאָל ניט געדריקט ווערן, קיינע בענדלאַך אָדער פּאַסן און ענלאַכעס זאָלן ניט ארומגערינגלט ווערן ניט ארום קערפּער און ניט אַף די ארעמס און פיס. דאָס וועט פאַרהיטן פון געשוואָלענע גלידער און צעצויגענע אָדערן. די אונטערוועש זאָל זיין פון איין שטיק און אראָפּהייננגען פון די אַקסלען; דאָסזעלבע די אויבערשטע קליידער.

קאָרסעטן טאָרן ניט געטראָגן ווערן איבערהויפּט אין די לעצטע מאָ־נאטן. די פרויען מיט אראָפּהענגענדיקע בייכער זאָלן טראָגן אַ בויך־באַנדאַזש.

די שיך מוזן זיין אזוי גראַם און אָנגענעם ווי מעגלאַך. דער פאַרגרעסערטער געוויכט און אויסערגעוועגלאַכע האַלטונג גיבן מער שווערינקייטן די פיס. די הויכע אָפּצאַסן צווינגען דעם אויבערשטן טייל פון קערפּער בייגן זיך אויף הינטן, און שטרייינגט מער אָן דעם אונ־טערשטן טייל פון בויך. אויך איז בעסער צו פאַרמיידן הויכע אָפּ־צאַסן, ווייל זיי פאַראורזאַכן אָפטע פאַלן אין אויסלינקונג פון די פיס־קנעכל.

די ציין

די ציין ליידן אָפּט אין שוואַנגערשאַפט. עס איז וויכטיק דערפאַר צו שענקען מער אויפמערקזאַמקייט צו זיי. באַלד, פון אָנפאַנג פון דער שוואַנגערשאַפט, איז נויטיק צו אונטערזוכן די ציין פון אַ דענטיסט און יעדער פעלער מוז פאַריכט ווערן, אויב מעגלאַך.

דער מויל און די ציין זאָלן געוואַשן ווערן נאָך יעדן עסן. פאַרן שלאָפן איז ראַטזאַם אויסוואַשן דעם מויל, אזוי, אַז קיינע ברעקלאַך פון שפּייז זאָל אין זיי ניט פאַרבלייבן. עס איז ראַטזאַם אין פיל פאַלן צו שווענקען דעם מויל פאַרן שלאָפן מיט סאָדאַ־וואַסער (אַ האַלבע טיי־לעפעלע צו אַ גלאָז וואַסער).

קאָמפּליקאַציעס פון שוואַנגערשאַפט

אָפט הערן מיר, אז שוואַנגערן היילט אויס אָדער מאכט פילן פרויען בעסער. אזא זאך טרעפט זייער זעלטן. אממערסטן, ווען א פרוי ליידט פון עפּעס א קראנקהייט, וועט די שוואַנגערשאַפט מאַכן איר פיל ערגער. עס איז וויכטיק דערפאר, אז יעדער צוקונפטיקע מוטער זאָל אָפּהיטן איר געזונט, און מיט די ערשטע סימנים פון שוואַנגערן אָננעמען מיטלען צו באזייטיקן יעדער באוואוסטן און היילבארן דע־פעקט, און אכטונג געבן אז די שוואַנגערשאַפט זאָל אָנגיין נאָרמאַל, ווי מעגלאך. אָפטמאָל טרעפט, אז פרויען, וועלכע זיינען שטענדיק גע־ווען געזונט און שטאַרק, און האָבן ניט געליטן אויף קיין קראנקהייט, פאנגען אָן מיטן שוואַנגערן צו קרענקען. דאָס באווייזט אָפט, אז די פרוי האָט געהאַט עפּעס א קראנקהייט וואָס האָט ניט באוויזן קיין אויסערלאכע סימפּטאָמען, וואָס האָט פונקציאָנירט נאָרמאַל אונטער געוועגלאכע אומשטענדן, אָבער וואָס האָט זיך דערוועקט מיט דער געלעגנהייט, וואָס דער קערפּער האָט אָנגעפאנגען שטאַרקער צו פונקציאָנירן און ארויפליייגן אויף געוויסע אָרגאנען מער ארבעט.

מיר וועלן דאָ ארומנעמען די אָפטערע און וויכטיקסטע צו־שטאַנדן, וואָס טרעפן אין די ניין מאָנאטן פון שוואַנגערן.

ברעכן און נודען

שוואַנגערענדיקע פרויען, ארום 50 פּראָצענט פון זיי, ליידן פון ברעכן אין שוואַנגערשאַפט. מערסטע ברעכן אין דער פרי און פילן די איבעריקע צייט פון טאָג גאַנץ גוט. אייניקע ברעכן אויך דורכ'ן טאָג. אָבער דאָס ברעכן איז ניט איבעריק שווער, און אייניקע פּשוט'ע מיטלען מאכן די פרוי פילן גלייך בעסער. פאר די וואָס ברעכן אין די פרי־מאָרגנס איז א גוטער פארהיטונגס מיטל צו עסן א קליינעם טרוקענעם אָנבייסן, פארן ארויסגיין פון בעט. די שפּייז איז אמבעסטן זאָל זיין איינפאַך און צו האָבן אָפט און אין קליינע פּאָרציעס ארום 5 אָדער 6 מאָל א טאָג. די פרוי דארף זיך האלטן רואיק, די שטימונג זאָל זיין

א גוטע, ניט דאגה׳ן און זיך ניט שרעקן, אויסמיידן אלערליי אויפרע־גונגען, זיין געגוג אויף דער פרישער לופט.

דאָס אלץ איז געוויינלאך גענוג צו פארמיידן די מילדע פאָרמען פון ברעכן און נודען, וואָס איז כמעט א נאַטירליכע דערשיינונג.

פארגיפטונג

עס טרעפט אָבער, אז ניט קוקנדיק אויף אַלע אויבענדערמאָנטע מיטלען האַלט דאָך דאָס נודען און ברעכן אָן, און ווערט וואָס ווייטער אַלץ ערגער. עס באווייזן זיך אויך אנדערע סימנים, ווי אָפטע קאָפּ ווייטיקן, א שווינדל אין קאָפּ, מען זעט שווארצע פינטלאך פאר די אויגן, אָדער ליכטיקע שטערן, אָדער אלץ ווערט צעשוואומען אין די אויגן, דער פּנים און הענט ווערן אָנגעשוואָלן, ווייטיקן קומען אָפט אין מאָגן. ווען מערסטע פון די דערמאָנטע סימפּטאָמען באווייזן זיך, איז עס ווארשיינלאך א פאַל פון פארגיפטונג. ווען עס באווייזט זיך איינער אָדער אייניקע פון אָט די סימפּטאָמען, איז נויטיק צו ציען די אויפ־מערקזאמקייט פון דעם דאָקטאָר צו די סימפּטאָמען, כדי אַן אונטער־זוכונג זאָל געמאכט ווערן, און באצייטנס צו אנטדעקן, אויב מעגלאך, די אורזאך און אָננעמען מיטלען צו פארמיידן אַן אומגליקספּאַל, ווייל עס פירט אָפט צו גאנץ געפערלאַכע רעזולטאַטן.

די אורזאך פון אָט דער פארגיפטונג וואָס דריקט זיך אויס אין נודען און ברעכן, וועלכעס פירט צו אויסערגעוויינלאכן אויסמאָגערן און ברייננגט אָפט דעם טויט פון קינד און מוטער, קענען זיין פילע אומ־שטענדען פון דער מוטער, וואָס אין ניט שוואַנגערן צושטאַנד און אונ־טער נאָרמאלע באדינגונגען פון לעבן מעגן ארויסווייזן זייער לייכטע, סימפּטאָמען, אָדער אפילו קיינע ניט. אָבער מיט די פארגרעסערטע פונקציעס פון דעם קערפּער, מיט דער פארגרעסערטער מאָס פון די אָבפּאַל פּראָדוקטן וואָס קומען פון דער פעטוס, און מיט דער לאַסט אויף די אָפּפירענדע אָרגאנען, וואָס קומט פון דער פארגרעסערונג פון די אָפּפאַלן און די פאָלגענדיקע אָנזאמלונג פון די גיפטן פון אָפּפאַל, ווערן די קערפּערלאַכע פונקציעס פאראליזירט און די אָרגאנען פיל אָפּגעשוואַכט.

צווישן די צושטאַנדען, וועלכע רופן אַפּט אַרויס פאַרגיפטונגס סימנים אין שוואַנגערשאַפט, איז דער אבנאָרמאַלער צושטאַנד פון דער געבער־מוטער — דער וויכטיקסטער. די אַבנאָרמאַלקייט קען זיין א צו גרויסע צוציאונג פון דער געבער־מוטער ווי אין פאַל פון צווילינגס און צוציאונג צוליב אנדערע אורזאכן, אבנאָרמאַלע פּאָזיציעס פון דעם גליד, אנטצינדונגען, געשווילאכצן, און פילע אנדערע קראנקהייטן פון דער געבער־מוטער און די שכנישע טיילן.

אן אנדער אורזאכע וואָס קען שלעכט רעאגירן אין דער צייט פון שוואַנגערן זיינען מאָגן־קראנקהייטן, ווי כראָנישע אָנטצינדונג פון מאָגן, א געשוויר אויפן מאָגן אָדער בויך־קראנקהייטן, ווי גאַל־שטיינער און אפּענדיסיטיס און אנדערע קראנקהייטן וואָס רופן געוויינלאך אַרויס נודען און ברעכן, אָבער אין דער צייט קען פיל פארשטארקט און פאַרערגערט ווערן.

נערוועזע פרויען, ד. ה. אזעלכע, וואָס האָבן אַ באַשטימטע קראנקהייט פון די נערוון, פרויען וואָס לײדן פון קראנקהייטן פון מארך, קענען אַרויסווייזן אין דער צייט פון שוואַנגערן שווערע סימנים פון פאַרגיפטונג.

היסטערישע פרויען און אזעלכע וואָס לײדן פון אַ שוואַכער נערוועזער סיסטעם, ווייזען אויך אָפּט אַרויס סימנים פון פּאַטאָלאָגישן ברעכן אָבער אַזעלכע קענען לייכט געהאָלפן ווערן דורך א שטילן נאָר־מאַלן לעבן אין דער פרישער לופט און זון־שיין און אַ גוט באַלאַנסיר־טער דיעטע. שווערע פאַרגיפטונג, וואָס דריקט זיך אוים דורך אויסער־געוויינלאך שווערער און לאַנג דויערענדן ברעכן אין דער צייט פון שוואַנגערן קען פאַראורזאַכט ווערן דורך זעלבסט־פאַרגיפטונג פון שלעכטע ציין, פאַרשטאָפּונג א. ד. ג.

אַט די שווערע קראנקהייט פון שוואַנגערשאַפט קען אָפּט פאַר־מידן און געהיילט ווערן דורך אַ היגיעניש לעבן פאַר און נאָך די ערשטע סימנים פון אבנאָרמאַלן ברעכן. פילע פרויען באַגייען פאַר־ברעכנס געגן זייער אייגענעם געזונט. די ערשטע שפּורן פון מוטער־שאַפט מוזן אָבער אַרויסרופן בא יעדער פרוי אַ געפיל פון פאַראַנט־

וואָרטלאָכקייט ניט נאָר צו זיך אַליין נאָר אויך צו איר צוקינפטיקן קינד.

עקלאַמפסיע

נאָך א געפערלאכע קראנקהייט אין דער צייט פון שוואנגער־שאפט איז „עקלאַמפּסיע“, וואָס מען גלויבט, אז זי איז אויך א פאר־גיפטונג. מען ווייס אָבער ניט גענוי, פון וואנען אָט די פארגיפטונג קומט.

דער וויכטיקסטער סימפּטאָם פון דער קראנקהייט זיינען קאָנ־וואולסיעס. די קאָנוואולסיעס קומען אָפט פּלוצלונג, גאנץ אומער־וואַרטעט. דאָך קען מען אין פילע פאַלן פאראויסזען די מעגלאכקייט פון די קאָנוואולסיעס, ווען די פרוי איז, נאַטירלאך, אונטער דער אויפ־זיכט פון א דאָקטאָר.

די סימפּטאָמען פון „עקלאַמפּסיע“, וועלכע קומען דאָס רוב א סך צייט פריער, פאר די קאָנוואולסיעס — זיינען קאָפּ ווייטיק און שווינדלען אין קאָפּ, קראמפן אין די פיס, נודען און ברעכן, ווייטיקן אַרום מאָגן, שיינענדיקע שטערן, אָדער די ראיה ווערט אין גאנצן שוואַך.

א חוץ דעם קען מען דורך אַן אונטערזוכונג געפינען א הויכע בלוט דריקונג, א געשווילאכץ אויף די פיס און אויגן־לעדלעך. אַן אנאַליז פון די אורין קען באווייזן די אנוועזנקייט פון א קראנקן צושטאַנד.

אין דעם, וואָס די סימפּטאָמען פון דער קראנקהייט באווייזן זיך פיל פריער, איידער די קראנקהייט דערגרייכט איר קלימאַקס, די קאָנוואַגסויעס, איז דאָ א מעגלאכקייט צו פארהיטן פון אומגליק, אָפט שטערבלאכן. די פארהיטונג פון דער קראנקהייט באשטייט אין נאכפאָלגן די רעגעלן פון היגיענע פאר שוואנגערנדיקע. מיט די ערשטע סימפּטאָמען פון אבנאָרמאַלער שוואנגערשאפט מוז די פרוי קריגן אַן אונטערזוכונג פון אַ פאַראַנטוואָרטלאָכן אָקושאָר, וועלכער וועט אָנ־ווענדן מיטלען צו פארקלענערן די סימפּטאָמען, און אויב דאָס איז

ניט מעגלאך, און די קראנקהייט האלט אין אנטוויקלן זיך, באדארף די שוואנגערשאפט אפגעריסן ווערן פאר דער צייט.

קראמפ־אדערן

מערסטע פרויען באקומען אין די ערשטע מאנאטן פון שוואנגערן צוצויגענע אדערן, קראמפ־אדערן, וועלכע קוקן אויס ווי בלויע דיקע און אפט געקניפטע און געדרייטע ליניעס אונטער דער הויט, מערסטענס, אויף די פיס, אבער אויך אויף אנדערע טיילן פון דער אונטערשטער העלפט פון קערפער. אין אויסנעמלאכע פאלן גיבן די קראמפ־אדערן פיל אונאנגענעמלאכקייטן. זיי פאראורזאכן שמערצן, בייסעניש און ברענעניש, און מאכן די פרוי פילען מיד און שווער צו באוועגן זיך. די צוצויגענע אדערן זיינען אויך געפערלאך. געשווירן אויף די אדערן קענען באווייזן זיך, אן אנשטעקונג דורך געפערלאכע (פאטאגענישע) מיקראבן קען פארקומען, אן אדער קען פון דער צוציאונג פלאצן און ארויסרופן א בלוט־שטורץ, אדער דאס בלוט אין א טייל פון אדער קען פארהארטעוועט ווערן, און מיט דעם פארשטאפן דעם אדער און נאך ערגער, א ברעקל פון דעם פארהארטעוועטן בלוט קען זיך אפברעכן און אוועקגיין אין בלוט־שטראם, און מיט דעם ארויסרופן פלוצלונגען טויט. דאס איז אבער א גרויסע זעלטענהייט און דארף ניט באאומרוהיקן זייער שטארק די שוואנגעריקע.

די אמת׳ע אורזאך פון קראמפ־אדערן אין שוואנגערשאפט איז ניט באוואוסט. אייניקע דענקען, אז דאס איז דאס פרעסן פון דער פארגרעסערטער געבער־מוטער אויף די אדערן פון בעקן, אבער דאן וואלט די זעלבע דערשיינונג באדארפט טרעפן אויך בא די, וואס ליידן פון א פארגרעסערטער געבער־מוטער פאראורזאכט דורך א געשוויר לאכץ און אנדערע אורזאכן וואס פאראורזאכן א דריקונג אין בעקן. דאך טרעפט אז עס איז ניט אזוי.

די וואס שטייען פיל אויף די פיס, די וואס ארבעטן שווער, וואס האבן א הארץ־קראנקהייט, די וואס שוואנגערן אפט און פיל,

זיינען מער געניינגט צו האָבן קראמף־אָדערן, און אין א שווערער פאָרם.

די קראמף־אָדערן פארשווינדן דאָס רוב אין אייניקע וואָכן נאָך דער אנטבינדונג.

בא די, וואָס ליידן פון דעם פיל, ווען די אָדערן זיינען שטארק צוצויגעו, קען עס פארלייכטערט ווערן דורך טראָגן עלאסטישע זאָקען, אָדער ארומוויקלען די פיס מיט א לאנגען פאַס לייוונט. אמבעסטן איז צו באנדאזשירן די פיס מיט דעם לייוועטענעם פאַס אין דער פרי, איידער מען גייט ארויס פון בעט, כדי די אָדערן זאָלן זיך ניט אָנפילן מיט בלוט. מען פאנגט אָן ארומוויקלען די פיס איבער די פינגער געהענדיק ארויף און איבערהיפנדיק די פיאטע און פאַרזעצנדיק ארויפוויקלען דעם באנדאזש ביז דער קני, אָדער העכער אויב דאָרט זיינען די אָדערן אויך צוצויגן.

אַן אנדער מיטל איז אָפט ווירקזאַם. גומע־קלעפיקע פאַסן ווערן אָנגעקלעפט שטייף ארום פוס. דאָס צוטיילט און האַלט אונטער דעם בלוט־שטראָם.

מערידן

מערידן זיינען די זעלביקע קראמף־אָדערן, נאָר אויף אַן אנדער פלאַץ, ביים ארויסגאנג פון רעקטום. זיי פאַראורזאכן אָפט פיל שמערצן, בלוטיקן און שטערן דער שוואנגערענדער.

פארשטאָפּונג מאכט דעם צושטאנד ערגער, רופט ארויס פיל שמערצן און בלוטיקונג. עס איז דארום וויכטיק אז די פרוי זאָל אויסמיידן פארשטאָפּונג, זיך ניט אָנשטרענגען ביים שטולגאנג.

פאר די שמערצן און בלוטיקן קען גענוצט ווערן:

אמאָניא. איקטיאל	— — — — — — 1 טייל
גליצערין	— — — — — 3 טיילן

האַרץ־ברענעניש

דאָס האָט גאָר ניט צו טאָן מיט׳ן האַרץ. דאָס ברענעניש ווערט אַרויסגערופן דורך דער אַבנאָרמאַל פאַרגרעסערטער סעקרעציע (אויס־טיילונג) פון אַסידס אין מאָגן. די ברענעניש קען אויסגעמידן ווערן דורך דעם געבחויך פון איינפאַכע לייכט־פאַרדייטע שפייזן, דורך אויס־מיידן צו עסן געפרעגעלטע מיט פעט שפייזן און אויך זויערע, זיסע און ביטערע שפייז, און בכלל זיך ניט איבערעסן. אויך איז נויטיק נאָכצופאָלגן די עלעמענטאַרע באַדינגונגען פון היגיענע. פעטע שפייז גענומען אויף דעם ליידיקן מאָגן פאַרקלענערט די סעקריציע פון עסיד אין מאָגן. א לעפל אָליוו־אויל, אָדער אַביסל אויבערשטע מילך, א 15 מינוט פאַר׳ן עסן וועט פיל אַרויסהעלפן. פאַרקערט, די זעלבע פעטס ביים עסן וועט הינדערן די פאַרדייאונג און וועט מאַכן דעם צו־שטאַנד ערגער. סאָדע וואַסער, ווישי וואַסער, און אַנדערע אַלקאַלי־נישע וואַסערן וועלן פאַרלייכטערן אָדער באַזייטיקן די ברענעניש.

קרעמפּן

אין די לעצטע מאָנאַטן פון שוואַנגערשאַפט, ווען די געבער־מוטער ווערט גרויס און שווער, פאַנגט זי אָן דריקן אויף די נערוון פון די פיס, וואָס פאַראורזאַכט די קרעמפן אין די מוסקולן פון די פיס. די קרעמפּן פאַנגען זיך אָן פּלוצלונג ווען די פרוי גייט, שלאָפט, אָדער ווען זי פּרובירט די פיס אויסציען.

רייבן די פיס, צולעגן הייסע קאָמפּרעסן צו די פיס, אָדער אויפ־הויבן זיי אין דער הויך וועט פאַרלייכטערן דעם צושטאַנד.

לוקאָריע (דאָס ווייס אויספלוס)

דאָס איז אַן אויספלוס פון דער שייד וואָס קומט אָפט אין די לעצטע מאָנאַטן פון שוואַנגערשאַפט. דער אויספלוס קען זיין גאַנץ גרויס און פאַראורזאַכן פיל אונאַנגענעמלאַכקייט, אָבער קיין געפאַר אין דעם איז ניטאָ.

עס דאַרף גאָר ניט געטאָן ווערן פאַר דעם, זיכער קיינע איינ־שפּריצונגען אָן דעם ראַט פון אַקושאָר.

בלוט־שטורצן אין שוואַנגערשאַפט

א בלוט־שטורץ אין דער צייט פון שוואַנגערן איז שטענדיק אַ געפערלאַכע דערשיינונג און מען מוז ציען די באַלדיקע אויפמערק־זאַמקייט פון אַ דאָקטער.

עס זיינען דאָ אייניקע אומשטענדן, וואָס קענען ארויסרופן א בלוט־אויספלוס אין אָט דער צייט. די וויכטיקסטע אורזאַכן וואָס זיינען אַ דירעקטע פאָלגע פון שוואַנגערשאַפט זיינען: דאָס אָפּרייסן פון דער פלאַצענטא פון פלאַץ, די אַבנאָרמאַלע אַנטוויקלונג פון דער פלאַ־צענטא לעבן אָדער איבער דער עפענונג פון דער געבער־מוטער און אַן עקטאָפּישע שוואַנגערשאַפט.

דאָס אָפּרייסן פון דער פלאַצענטא פון איר פלאַץ קומט דאָס רוב דורך פאַרוואונדונג פון אַ קלאַפּ, אַ פאַל א. ד. ג. עס קען אויך זיין אַ פאָלגע פון פאַרגיפטונג. דאָס בלוט אין דעם פאַל איז טונקל, קוקט אויס ווי אַלט בלוט. דאָס רוב ווייס די פרוי וואָס עס האָט פאַראור־זאַכט דאָס באַווייזן זיך פון בלוט, זי האָט ווייטיק. די באַהאַנדלונג איז אָפּהענגיק פון דער מאָס פון בלוט און אַנדערע סימפּטאָמען. אָפט איז מעגלאַך פאַרטצוזעצן די שוואַנגערשאַפט און געבוירן אַ נאָרמאַלע קינד.

ווען די פלאַצענטא ליגט פאַראויס דעם קינד, מעג אפילו די שוואַנגערשאַפט אָנגיין נאָרמאַל, קען עס אָפט ניט ארויסרופן קיין חשד ביז דער בלוט־שטורץ קומט ניט פאָר. דאָס טרעפט אממערסטן אין די לעצטע דריי מאָנאַטן פון שוואַנגערשאַפט און אָפט נאָר אין די לעצ־טע טעג. דאָס בלוט באַווייזט זיך פּלוצלונג, אָן קיינע ווייטיקן און אָן קיינע צופאַלן. דאָס בלוט איז ליכטיק, רויט, פריש בלוט, מעג זיין גאָר ווינציק אָדער זייער פיל און דאַן איז עס זייער געפערלאַך. אין דעם צושטאַנד זיינען ביידע — די מוטער און קינד אין געפאַר. עס איז דערפאַר זייער וויכטיק מיט דעם ערשטן באַווייזן זיך פון בלוט צו

באַראַטן זיך מיט דעם אַקושאַר. דער איינציקער מיטל אין אַזוינע פאַלן איז אַרויסנעמען דאָס קינד אַמשנעלסטן.

אַן עקטאַפּישע שוואַנגערשאַפט הייסט די, ווען די שוואַנגער־שאַפט ווערט פאַרבונדן אויסער דער געבער־מוטער, אַמאָפטסטן אין די רערן. די שוואַנגערשאַפט גייט אָן ווי געוויינלאַך, אָבער האַלט זיך ניט זייער לאַנג. די רער פּלאַצט און דער פעטוס מיט אַלע אַנדערע פּראָדוקטן פון שוואַנגערשאַפט ווערן אַרויסגעוואָרפן אין בויך. דאָס פּלאַצן פון דער רער פאַראורזאַכט אַ בלוט שטורץ, פאַרשטייט זיך אינערלאַך אין בויך. זעלטן באַווייזט זיך דאָס בלוט אויסערלאַך, אַנ־דערע סימפּטאָמען אין דעם צושטאַנד זיינען חלש'ן, באַלד נאָך דאָס פּלאַצן פון רער און אונפאַרטרעגלאַכע שמערצן. אין מערסטע פאַלן מוז מען זיך אַמשנעלסטן ווענדן צו כירורגישע מיטלען, צו ראַטעווען די פרוי פון פאַרלוסט פון בלוט.

פאַרשטאָפּונג

פילע פרויען ליידן פון פאַרשטאָפּונג אין דער צייט פון שוואַנ־גערשאַפט. די פאַרשטאָפּונג ווערט דאָס רוב ערגער אין די לעצטע מאָנאַטן. דאָס איז אַ דאַנק דער פאַרגרעסערונג פון דער געבער־מוטער, וועלכע דריקט מער אויף די געדערים אין אָט דער צייט. עס איז זייער וויכטיק גראַד אין דער צייט פון שוואַנגערן צו האָבן שטולגאַנג, כאָטש איין מאָל אַ טאָג.

דאָס בעסטע אין די פאַלן איז אָנצוהאַלטן אַ דיעטע, וואָס זאָל פאַרבעסערן די אַרבעט פון די געדערים אין אויסליידיגן זיך. אַזאַ דיעטע מוז באַשטיין אין אַ גרויסער מאָס פון רויע פרוכטן און גרינסן. עפּל, באַרן, פלוימען, פייגן, פּאָמעראַנצן, וויין־טרויבן אַפריקאָסן א. ד. ג. זיינען זייער ווירקזאַם. געבאַקטע פרוכטן זיינען ווינציקער ווירקזאַם אין אויסליידיגן די געדערים. גרינע קרייטאַכער ווי ציבעלע, סאַלאַטע, טאָמאַטעס, גרינע אַרבעס, ספינאַטש, מערן, בעבלאַך א. ד. ג. קענען געברויכט ווערן אָפט.

אויך קלייען רויערהייט, געמישט מיט מילך אָדער סמעטענע

קען מען געברויכן אין פאַל פון פאַרשטאָפּונג. פון די קלייען קען מען באַקן פאַרשיידענע מינים ברויט אָדער קיכלאַך, וואָס קענען דינען דעמ־זעלבן צוועק.

מעדיקאַמענטן מוזן אויסגעמידן ווערן אין דער צייט פון שוואַנגערשאַפט. אויך „באַבסקע" רפואות זאָלן ניט געברויכט ווערן.

אַבאָרט (מפּיל)

ווי באַוואוסט, איז די דורכשניטלאַכע צייט פון שוואַנגערשאַפט ניין מאָנאַטן. עס טרעפט אָבער אָפט, אַז די שוואַנגערשאַפט ווערט איבערגעריסן צוליב פאַרשיידענע אורזאַכן פאַר די ניין מאָנאַטן. פאַר באַקוועמליכקייט איז בעסער אָנרופן אַזאַ פאַל מפּיל אָדער אַבאָרט, דאָס איז אין פאַל ווען דאָס שוואַנגערן ענדיקט זיך פאַר זיבן מאָנאַטן, ד. ה. ווען מען קען ניט ערוואַרטן אַז דאָס קינד וועט בלייבן לעבן. ווען דאָס געבורט קומט נאָכן זיבעטן מאָנאַט פון שוואַנגערשאַפט איז עס באַקוועמער אָנצורופן — פריצייטיקער געבורט. דאָס קינד פון אַ זיבן־מאָנאַטלאַכער שוואַנגערשאַפט, אָדער מער, האָט אַלע שאַנסן צו בלייבן לעבן. ווי עס איז שוין אין אַן אַנדער אָרט אָנגעוויזן געוואָרן, האָט אַן עופּה'לע פון אַכט מאָנאַטן שוואַנגערשאַפט דיזעלבע און מער שאַנסן אויסצוהאָדעווען זיך ווי אַ זיבעלע.

עס זיינען דאָ פיל אורזאַכן פון מפּילען. אַ מפּיל קען פאָרקומען:

1) צוליב אַ וועלכער עס איז פאַרוואונדונג.

2) צוליב אַ קראַנקהייט פון וועלכער די מוטער ליידט.

3) אַ קראַנקהייט פון דעם קינד (פּעטוס).

4) צוליב אַ קראַנקהייט פונ'ם פאָטער פון קינד.

די ערשטע אורזאַך, ווי אייניקע דענקען איז, וואָס כמעט יעדע פרוי פון ארום 35 יאָר אַלט וועלכע איז פאַרהייראַט האָט ווען עס איז געהאַט אַ מפּיל. און מערסטע פון די מפּילן זיינען צו פאַרדאַנקען צו פאַרוואונדונג און קומען דאָס רוב פאָר אין די ערשטע אַכט וואָכן פון שוואַנגערשאַפט, ווייל דאַן איז נאָך דער אָרט ניט שטאַרק צוגעוואַקסן צו דער געבער־מוטער און אויך דערפאַר, פיליכט, וואָס פילע פרויען זיינען נאָך ניט זיכער אין זייער שוואַנגערשאַפט און היטן זיך ניט אָפּ.

די פאַרוואונדונג וואָס קען אַרויסרופן אַ מפּיל פּאַסירט דורך שווערע אַרבעט, פון אויפהויבן אַ שווערע זאַך, אַ פאַל, לויפן, טאַנצן, פון צעטרייסלען זיך פאָרענדיג אויף אַ שלעכטן וועג, אין אַ וואָגן אָדער אָטאָמאָביל, דורך איינעמען פאַרשיידענע שעדלאַכע מעדיצינען א. א. וו.

די אבנאָרמאַליטעט פון דער געבער־מוטער איז די וויכטיקסטע אורזאַך אין די מוטערלאַכע קראַנקהייטן וואָס ברענגען א מפּיל. דאָס איז געוויס אויך די אורזאַך פאַר וואָס פילע פרויען האָבן א נייגונג צו מפּיל׳ן ביי פאַרהעלטניסמעסיק ניט וויכטיקע פאַרוואונדונגען. מיר הערן אָפט, ווי אימיצער האָט מפּיל געווען, ווייל זי האָט זיך אביסל צעטרייסלט פאָרנדיק, אָדער ווייל זי האָט זיך אויפגערעגט. ווען מען זאָל אָבער גוט אונטערזוכן דעם צופאַל וואָלט מען געקענט אויסגעפינען, אז די אמת׳ע אורזאַך איז טאַקע די אבנאָרמאַלקייט פון דער געבער־מוטער א. ד. ג. די אבנאָרמאַלקייט פון דער געבער־מוטער קען זיין, אן אנטצינדונג, א געבאָרענער דעפעקט פון דעם אָרגאַן , א געוויקס, א צעריסענע האַלז פון דער געבער־מוטער פון א פריערדיקן געבורט, ווען די געבער־מוטער איז ניט אין ריכטיקן פּלאַץ א. א. וו. אויך שאַרפע קראַנקהייטן פון דער מוטער פאַראורזאַכן מפּיל׳ן, ווי לונגען אנטצינדונג א. ד. ג.

דער פעטוס איז די אורזאַך פון א מפּיל, ווען ער שטאַרבט אָפּ. דאָס טרעפט ווען ער אנטוויקלט זיך אבנאָרמאַל, ווען עס ליידט פון א קראַנקהייט, וואָס קען זיין דאָסזעלבע וואָס אין א געבאָרן קינד, ווען דאָס שנירל פאַרדרייט זיך אָדער פאַרקניפּט זיך און טויטעט דאָס פעטוס, און אנדערע אורזאַכן וואָס טויטן דאָס פעטוס.

די געבער־מוטער וועט ניט האַלטן לאַנג דעם טויטן קערפּער און וועט זיך פלייסיקן צו אויסליידיקן זיך.

אויך דער פאָטער קען זיין די אורזאַך פון א מפּיל. די זאָמען פון אייניקע מענער זיינען צו שוואַך צו געבן דעם וויכטיקן אָנשטויס צו אנטוויקלען זיך און זיי שטאַרבן אָפּ איידער זיי זיינען פול אנטוויקעלט. די אורזאַכן דערפון זיינען אייניקע קראַנקהייטן, און אַלגעמיינע שוואַכקייט וואָס קומען פון אַלקאָהאָליזם, פאַרגיפטונגען, און אנדערע קראַנקהייטן.

די ערשטע סימפּטאָמען פון אן אבאָרט איז, געוויינלאַך, דאָס באַווייזן זיך פון בלוט. מיט דעם, אָדער באַלד נאָכדעם פאַנגען זיך אָן ווייען, ענלאַכע צו מענסטרואַציע ווייען. ניט קיין געניטע פרויען,

ווען דאָס טרעפט אין אָנפאַנג שוואַנגערן, דיינקען, אז דאָס זיינען די מאָנאַטלאַכע און נעמען קיינע מיטלען ניט אָן, ביז וואַנען זיי הויבן אָן פילן שטאַרקע ווייען און דער בלוט שטורץ ווערט גרעסער. אָפט דויערט עס אייניקע טעג און דאַן איז שוין אָן אַבאָרט אומפאַרמיידלאַך. עס באַווייזן זיך שטיקער פאַרגליווערטע בלוט. די ווייען זיינען שוין גאָר שטאַרק און עס פילט זיך שוין מער, ווי אַן אַנטבינדונג. באַלד באַווייזט זיך דער אינהאַלט פון דער שוואַנגעריקער געבער־מוטער. דער פעטוס קומט געוויינטלאַך פאַראויס. די פּלאַצענטאַ איז אָפט פאַרהאַלטן. עס קען געדויערן אייניקע טעג ביז וואַנען די געבער־מוטער וואַרפט די פּלאַצענטאַ אויך אַרויס.

עס מאַכט זיך אָבער אַז דער אָרט, אַ טייל, אָדער די הייטלאַך פאַרבלייבן און דאָס פאַראורזאַכט אַ בלוט שטורץ. די ווייען קענען אָנהאַלטן. צוזאַמען, די ווייען און בלוטיקן מאַכן אַ דיאַגנאָז פון פאַר־בליבענע טיילן, פּראָדוקטן פון קאָנצעפּציע.

אַזוינע פאַלן געברויכן שנעלע כירורגישע מיטלען צו באַזייטיקן די געפאַר פון פאַרלוסט פון בלוט און מעגלאַכער אינפעקציע.

פאַרהיטונג

מיט דעם אָנפאַנג פון שוואַנגערשאַפט מוז יעדע פרוי איינ־אָרדענען איר לעבן אַזוי, אַז זי זאָל פילן וואָס מער אַנגענעם. צו שווערע אַרבעט זאָל אויסגעמידן ווערן, זי מוז זיך ניט אָנשטרענגען, ניט אויפרעגן, ניט אונטערנעמען קיין צו ווייטע רייזעס, איבערהויפּט אויף שלעכטע וועגן, ניט נעמען קיין מעדיקאַמענטן, און בכלל לעבן נאָך די רעגעלן פון דער היגיענע פון שוואַנגערשאַפט. איבערהויפּט מוז מען זיין פאָרזיכטיק אין די טעג פון מאָנאַט ווען די מענסטרואַציע פלעגט אויספאַלן.

ווען די ערשטע סימפּטאָמען פון אַבאָרט באַווייזן זיך, ווי אַ בלוט פלוס און לייכטע ווייען, מוז די פרוי באַלד זיך לייגן אין בעט. האַלטן זיך זייער ריין און רואיק. אויב דער בלוט־פלוס און די ווייען פאַרקלענערן זיך ניט, איז אַמבעסטן זיך שטעלן אונטער דער אויפ־זיכט פון אַ פאַראַנטוואָרטלאַכן דאָקטאָר.

די וואָס האָבן א נייגונג צו אבאָרטן, מוזן ווערן באהאנ־דעלט פון א דאָקטאָר, צו פארמיידן די אורזאכן פון די אָפטע אבאָרטן.

אן אבאָרט מוז ניט גענומען ווערן צו לייכט. די פאָלגן פון אן אבאָרט, ווען עס איז ניט באהאנדעלט געוואָרן מיט גענוג אויפמערק־זאמקייט זיינען אָפט זייער ערנסטע.

קינסטלאך פאַראורזאַכטע אַבאָרטן

אונטער דעם גייען אריין אבאָרטן וואָס מען רופט טעראַ־פעווטישע אַבאָרטן און אזוי גערופענע קרימינעלע, וואָס זיינען גע־מאכט געגן געזעץ, אָן אוועלכע עס איז טעראַפעווטישער אורזאַך.

די טעראַפעווטישע אבאָרטן ווערן געמאכט ווען דאָס שוואַנגערן קען זיין שעדלאך פאַרן געזונט פון דער מוטער, אָדער ווען עס קען שטעלן אין געפאַר דעם לעבן פון דער מוטער. אזעלכע פאַלן זיינען ווען די פרוי ליידט פון טובערקולאָזיס, הארץ קראַנקהייט, צוקער קראַנק־הייט א. ד. ג.

דער אנדער סאָרט אבאָרטן ווערט געמאכט פשוט דערפאַר, ווייל די עלטרן ווילן ניט האָבן קיין קינדער. דאָ איז ניט קיין פלאַץ צו באַ־האנדלען די פראַגע וועגן געבורטס־קאָנטראָל. עס איז אָבער זיכער, אז צווישען אינגערן און מער אינטעליגענטן דור איז דער אנטאַגאָניזם צו געבורטן צו שארף און דער קוק אויף אבאָרטן צו לייכטזיניק. די פארהיטונג פון שוואַנגערשאפט איז א גאַנץ איינפאכע און אונשעדלאכע זאַך, כאָטש ניט אימער זיכער, אָבער אַן אבאָרט איז אָפט אַן גאַנץ גע־פערלאַכע אָפּעראַציע, איבערהויפּט ווען עס דאַרף געמאכט ווערן אונ־טער ניט גינסטיקע באדינגונגען און ביי אַ ניט קאָמפּעטענטן כירורג, ווי דאָס ווערט אָפט געטאָן.

דאָך זעען מיר אָפט אז די פרוי וועט זיך לאָזן אָפּערירן פון אבי־וועמען און אבי־וואו נאָר פּטור צו ווערן פון דעם ניט־געווינשטן קינד, אָפט מיט זייער טראַגישע פאָלגן.

די פארוועררונג פון מוטערשאפט

עס זיינען דאָ קראנקהייטן, קערפּערלאַכע ווי גייסטיקע אבנאָר־מאַלקייטן וואָס פאַרווערן שוואנגערשאפט. דאָס שוואנגערן קען זיין שעדלאך פאַר דער מוטער זעלבסט דורך דעם וואָס עס קען שטעלן איר לעבן אין געפאַר אָדער בלויז פאַרערגערן איר געזונטס צושטאַנד. עס מוז אויך גענומען ווערן אין אנבאַטראַכט דאָס וואוילזיין פון דעם צוקינפטיקן קינד.

עס איז פאַרשטענדלאך, אז די זעלבע באַדינגונגען וואָס זעצן אזיס געגן שוואנגערן זיינען אויך גענוגענדע אורזאכן פאַר אָפּהאַלטן זיך פון הייראַט. הייראַט איז אָבער ניט אימער קיין אויסגערעכנטע אונטערנעמונג. אויך זיינען דאָ, כאָטש זעלטן, אידעאַלע הייראַטן, הויפּטזעכלאך צווישן יונגוואַרג, פאַר וועלכע קיינע באַגרענצונגען זיינען ניט מעגלאך און קיינע שטערונגען עקזיסטירן ניט. עס טרעפן הייראַטן אַף אַ מער אָדער ווינציקער גייסטיקן באָדן, פאַר וועלכע אַ שיידונג וואָלט געוועזן צו שמערצפול און דאָס אָפּזאָגן זיך פון קינדער איז דאַן דער לייכטסטער אויסוועג. עס איז אמת, אז אזא געפיל אין הייראַט וועט ניט אימער אָנגעהאַלטן ווערן, אָבער דאָס זעלבע קען מען זאָגן אויך וועגן די אנדערע הייראַטס קאָנטראַקטן, כאָטש ס'איז זיכער, אז קינדער זיינען אַ גייסטיק בינדנדע קראַפט צווישן מאַן און פרוי. הייראַט איז צו אָפט באַ פיל פרויען נאָר אַ לעבנסלאַנגלאַכע קאַריערע, אַ פראַגע פון חיונה.

עס איז פיל לייכטער דאַרום פאַר אַן ארצט צו באַגרענצן שוואנגערשאפט ווי הייראַט. די געזעצן פון מערסטע לענדער זיינען אויך געפּאַסט אַף די דאָזיקע שטאַנדפּונקטן, דערלויבנדיק די פאַרהיטונג פון שוואנגערן, און נאָר אייניקע לענדער און שטאַאטן פון אמעריקע פאַנגען יעצט אָן פאַרווערן הייראַט אוים יוגענישע אבזיכטן.

מען מוז אָבער ניט פאַרגעסן, אז פאַרהיטונג פון קאָנצעפּציע איז באַ היינטיקן טאָג ניט קיין אבסאָלוטע זיכערקייט. ניט קוקנדיק אַף די פיל פאַרבעסערטע קאָנטראַצעפּטיווע מיטלען, און ניט קוקנדיק

אף די מי וואָס דאָס פּאָרל זאָל אָננעמען, קען דאָך קאָנצעפּציע פאר־קומען און שטעלן אין געפאר די קראנקע מוטער. אין פאלן ווען דער קומענדער דור איז אין געפאר צו ליידן איז עס דאָס רוב לעגאל ארויס־צורופן אן אבארט. אין אזוינע פאלן איז עס אויך ראטזאם צו סטע־ריליזירן די פרוי. ווען אבער די מוטער איז פיזיש ניט פּאסיק פאר מו־טערשאפט זיינען דאָס רוב קינסטלאך ארויסגערופענע טעראָפּעווטישע אבארטן און סטעריליזאציע אויך שעדלאך. אן אויסוועג וואָלט דאָ געווען צו סטעריליזירן דעם מאן. אָבער ניט דער מאן און אויך, איז אינטערעסאנט דאָ צו באמערקן, אז ניט מערסטע פרויען וועלן ער־לויבן אזא טאט. מען מוז אָבער ניט פארגעסן, אז דער מאן פון א קראנקער פרוי וועט מעגלאך אין דער צוקונפט דארפן ווידער הייראטן און וועט וועלן האָבן קינדער.

עס בלייבט דארום צו באנוגענען זיך מיט קאנטראצעפּטיווע מיטלען אָדער אין גאנצן זיך אָפּזאָגן פון געשלעכט אקט, וואָס אין קראנקהייטן פון דער מוטער איז עס א נויטווענדיקייט.

מיר וועלן דאָ זיך אָפּשטעלן נאָר אף אייניקע גוט באוואוסטע און אָפטע קראנקהייטן.

הארץ־קראנקהייט

עס זיינען דאָ פארשיידענע סאָרטן און גראדן הארץ־קראנק־הייטן. ווען מיר ריידן דאָ וועגן הארץ־קראנקהייט, מיינען מיר אז די קראנקהייט איז אין אזא צושטאַנד אז עס לאָזט דעם חולה פילן, אז עס פעלט איר עפּעס, אז זי איז אָפּגעשוואכט פון דער קראנקהייט. עס זיינען דאָ הארץ פעלערן וואָס שטערן דאָס געזונט נאָר אין א קליינער מאָס, א לייכטער פעלער וואָס לאָזט פון זיך וויסן זייער ווינציק, און פיל וויסן ניט פון דעם ביז א דאָקטאָר זאָגט זיי אז זייער הארץ איז אבנאָרמאל.

הארץ־קראנקהייטן ווערן ניט איבערגעגעבן בירושה און זייער באדייטונג איז נאָר אף דער שוואנגערענדיקער מוטער. שוואנגערשאפט פארערגערט דאָס רוב דעם צושטאַנד פון א הארץ קראנקער. אָפט

טרעפט, אז אזא קראנקע שלעפט דורך די גאנצע מאָנאַטן פון שוואַנ־גערן, נאָר אוועקצופאלן אין אנטבינדונג אָדער קינפּעט.

יעדע איבעריקע אנשטרענגונג פאר א הארץ־קראנקער איז שעדלאך און געפערלאך. די אנשטרענגונג פון געשלעכט פארקער און שווערקייטן און געפארן פון מוטערשאפט דארפן אויסגעמידן ווערן פון די וועלכע ליידן פון א הארץ פעלער.

געשלעכטלאכער פארקער קען אין פיל פאלן אונטערגענומען ווערן, אָבער אויך מיט א געוויסער מאָס פאָרזיכטיקייט.

טובערקולאָז

טובערקולאָז איז אן אנשטעקענדיקע קראנקהייט. עס איז אָבער ניט קיין קראנקהייט וואָס ווערט אריבערגעגעבן צו די קינדער דורך ירושה. די פאלן פון גאנצע פאמיליעס וואָס ליידן פון דער קראנקהייט איז נאָר צו פארדאנקען דער נאכלעסיקייט פון דעם ערשטן קראנקען אין דער פאמיליע, אָדער פון די וואָס גיבן אכטונג אף דעם קראנקען, אין ניט האלטן די הויז ריין. דאָס שפּייען אפן דיל, דאָס שלאָפן אין איין צימער, דאָס עסן פון דיזעלבע געפעס פארשפּרייט די קראנקהייט אף די איבעריקע מיטגלידער פון דעם הויז געזינד. כאָטש די קראנקהייט אליין איז ניט א הערעדיטערע, דאָך קען דער שוואכער געבוי פון קערפּער פון א טובערקולאָזן קראנקן פאָטער אָדער מוטער יאָ איבערגעגעבן ווערן בירושה, און מיט דעם גינסטיקער מאכן אן אנשטעקונג.

פארקער האָט א שלעכטע ווירקונג אף א טובערקולאָז קראנקען.

דאָס שוואנגערן פארשארפט דעם טובערקולאָזן צושטאַנד. איי־ניקע טובערקולאָזע פרויען פילן בעסער אין צייט פון שוואנגערן, אָבער דער קינפּעט איז אימער א שווערע און געפערלאכע צייט פאר טובער־קולאָזע מוטערס.

פרויען וואָס ליידן פון טובערקולאָז דארפן אויסמיידן הייראט, אמווינציקסטן אין דער שארפער צייט פון דער קראנקהייט און ניט פאר א לאנגער צייט נאָך דעם פעריאָד. שוואנגערשאפט דארף פארהיט

ווערן כדי ניט אויפצולעבן די קראַנקהייט.

נירן קראַנקהייט

די נירן ליידן פיל אין דער צייט פון שוואַנגערן. זיי טוען אַ דאָפּעלטע ארבעט אין שוואַנגערן — זיי רייניקן צוויי קערפּערס, דער מוטערס און דעם קינדס. עס איז פאַרשטענדלאַך, אַז ווען אַ פרוי ליידט פון קראַנקע נירן, איז ניט ראַטזאַם צו באַלאַסטן אירע אַזוי אויך אָפּגעשוואַכטע אָרגאַנען מיט איבעריקע ארבייט, ווי אין דער צייט פון שוואַנגערן. די איבעריקע אַנשטרענגונג אויף די נירן קען אַזוי ווירקן אַז זיי קענען אין גאַנצן צושטערט ווערן און פאַראורזאַכן דעם טויט פון דער מוטער.

שוואַנגערשאַפט אין פאַל פון נעפריטיס איז אַ גרויסער געפאַר פאַר דער מוטער און זאָל דאַרום אויסגעמידן ווערן. אָפט קען מען טרעפן אַז אַ נירן קראַנקהייט באַווייזט זיך נאָר אין שוואַנגערשאַפט, אין פיל פאַלן גאַנץ פרי. עס קומט אויס אָפט איבערצורייסן די שוואַנגערשאַפט כדי צו פאַרמיידן די אַנטוויקלונג פון דער קראַנקהייט.

נערוון קראַנקהייטן

עס זיינען דאָ פיל סאָרטן און גראַדן פון נערוון קראַנקהייטן און מען קען דאַרום ניט ריידן אין איין אָטעם וועגן דער ווירקונג פון די דאָזיקע קראַנקהייטן אויף דעם פאַרהייראַטן לעבן און שוואַנגערשאַפט.

אין אַלגעמיין קען מען זאָגן אַז נערוון קראַנקהייטן ווערן ניט איבערגעגעבן צו די קינדער און האָבן בכלל ניט קיין שלעכטע ווירקונג אויף דער אָפּשטאַמונג. אין פאַרהייראַטן לעבן רופן די אַלע מינים פון נערוון קראַנקהייטן, ווי היסטעריע, נעוראַסטעניע, נערוועזיטעט, א. ד. ג. אַרויס פיל אונאַנגענעמלאַכקייט. דער שוואַנגערן פאַרשאַרפט אָפט די צושטאַנדן. דער צושטאַנד פון די עלטערן וואָס ליידן פון די אַבנאָרמאַלקייטן האָט אַ ווירקונג אויף דעם קינדס דערציאונג, און אַמאָל איז די אַנוועזנקייט אין געזעלשאַפט פון די סאָרטן קראַנקע גענוג צו דערשיטערן די נערוון.

ווען איינער אָדערביידע עלטערן ליידן פון איינער פון די קראנקהייט, וואָלטן זיי געטאָן זיך און זייערע קינדער א טובה ווען זיי וואָלטן זיך צוריקגעצויגן פון ראשיקן שטאָט־לעבן און אויפרעגענדיקע באַשעפטיקונגען און פארנעמען זיך מיט מער פיזישע באַשעפטיקונגען, נאָענט צו דער אָפענער וועלט און זיך באמיען פירן א רואיקן לעבן.

עפילעפסיע (די פאליקע)

עפילעפטיקער זאָלן ניט חתונה האָבן און זיכער ניט געבוירן קיין קינדער. עפילעפסיע גיט זיך איבער בירושה נאָר אין א קליינעם פּראָצענט, ווען נאָר איינער פון די עלטערן ליידט פון דער קראנקהייט. אָבער ווען ביידע עלטערן ליידן פון דעם זיינען די קינדער אימער עפילעפטיקער. קינדער פון אן עפילעפטישע מוטער אָדער פאָטער ליידן אָפט פון פארשיידענע געהירן דעפעקטן.

עס איז אָפט ראטזאם צו סטעריליזירן עפילעפטיקער, ווען זיי זיינען אין געפאר פון אָפטער שוואנגערשאפט.

פאָרבערייטונגען צום קינפעט

האָספיטאַל אָדער היים

עס קען קיין צווייפל ניט זיין, אַז דער בעסטער פּלאַץ געלעגן צו ווערן איז אין אַ האָספּיטאַל. דאָרט איז אַלעס איינגעאָרדנט אַזוי, אַז די געלעגערן קריגט אַלע באַקוועמלאַכקייטן, ווי אין דער צייט פון „גיין צו קינד" און נאָכ'ן האָבן. די געלעגערן איז אונטער דער אויפזיכט פון געניטע העלפער, און אין גוטע סאַניטאַרישע באַדינגונגען, מיט אַלץ נויטיקס צו דער האַנט פאַר אַ נאָרמאַלע אַנטבינדונג, און אַלץ גרייט פאַר אַן אומערוואַרטעטן צופאַל.

ניט אַלע מוטערס אָבער ווילן אַוועק פון דער היים, און ניט אַלע מאָל איז עס מעגלאַך, צוליב פאַרשיידענע אורזאַכן, צו גיין אין אַ האָספּיטאַל.

מיר וועלן דאָ דאַרום באַשרייבן דאָס פאָרבערייטן פון דעם פּלאַץ און די נויטיקע זאַכן, וואָס מען געברויכט צוליב דעם צוועק.

דאָס צימער

דאָס צימער, וואו דאָס קינד דאַרף דערזען די וועלט, זאָל זיין אַ גראַמער, גוט ווענטעלירט און ריין. אַלץ וואָס קאָן ניט באַנוצט ווערן פאַר דער געלעגנהייט — איבעריקע מעבל און זאַכן — זאָלן אַרויסגענומען ווערן. דער קאַוויאַר פון דעם דיל זאָל אַרויסגענומען ווערן, אָדער באַדעקט ווערן מיט פּאַפּירן. דעם שטויב פון די ווענט און דיל איז גוט צו באַזייטיקן מיט אייניקע טעג פריער.

גוטע זון-ליכט און קינסטלאַכע ליכט דאַרף זיין אין צימער. דער אַקושאַר מוז זען, וואָס ער טוט, כדי צו פאַרמיידן שלעכטע צופאַלן. זון-ליכט איז אַמבעסטן פאַר באַטאָגיקע פאַלן, און גוטע קינסטלאַכע ליכט, ווי עלעקטריציטעט — פאַר די וואָס ווערן געלעגן ביינאַכט. עס איז אַמבעסטן אַז אי די זון-ליכט אי די קינסטלאַכע ליכט זאָל, אויב מעגלאַך, באַוואָרנט ווערן, ווייל מען קען קיינמאָל ניט פאָראויסזען, צו די פרוי וועט געלעגן ווערן בייטאָג, אָדער ביינאַכט.

די בעט

די בעט, אין וועלכער דאָס „האָבן“ דאַרף פאָרקומען מוז זיין ברייט גענוג, און שטאַרק אַף אַזויפיל, אַז ווען די פרוי איז אין ווייען זאָל זי זיך ניט וואקלען. עס מוז אויך ניט זיין צו ווייך. עס איז אַמבעסטן אונטערצולייגן אַ פּאָר ברעטער אונטערן מאַטראַץ, כדי אויפצוהאַלטן דעם מיטן פון בעט, איבערהויפּט ווען די בעט איז צו וויגענדיק. אַלץ אין בעט מוז זיין ריין, אַ גומענע אָדער סאַראַטענע לייַלאַך צו באַדעקן דעם מאַטראַץ, ווייסע אָנציאונג א. ז. וו.

די בעט דאַרף אויסגעדרייט ווערן מיטן צופוסענס צו דער ליכט, אָפּגערוקט פון דער וואַנט, אַזוי אַז עס זאָל זיין לייכט צו־צוקומען צום בעט פון ביידע זייטן.

אַנדערע נויטווענדיקייטן

באַם בעט זאָל שטיין אַ קליין טישל וואו אַלעס נויטיקס קען אוועקגעשטעלט ווערן נאָענט צו דער האַנט.

עס איז אויך גוט צו האָבן אָנגעגרייט אַ שטאַרקן טיש, וואָס קען צוניץ קומען אין פאַל, ווען אַ צוואַנג־אָפּעראַציע זאָל דאַרפן דורכגעפירט ווערן.

א חוץ דעם דאַרפן צוגעגרייט ווערן די פאָלגענדיקע זאַכן:

1) אַ פונט סטעריליזירטע וואַטע.
2) אייניקע אונצעס אַלקאָהאָל.
3) אַליוו־אויל צום וואַשן דאָס קינד.
4) איין יאַרד סטעריליזירטע מאַרלע.
5) צוויי טוץ סטעריליזירטע טיכלאַך.
6) 6 ריינע און אויב מעגלאַך סטעריליזירטע האַנטיכער
7) אַ פּאָר ווייסע וואַרימע זאַכן.
8) אַן אַנטיסעפּטיק.

9) זייף.
10) זיכער שפּילקעס.

כדי צו סטעריליזירן נויטיקע זאכן וויקעלט מען זיי איין אין א לייווענט אָדער פּאַפּיר און מען באקט זיי אין אן אויוון א האַלבע שטונדע. דעם פּעקל מוז מען ניט עפענען ביז וואַנען מען דאַרף עס געברויכן.

אייניקע וואָכן פאַר דער ערוואַרטעטער צייט פון קינפּעט דאַרף אַלץ זיין צוגעגרייט, ווייל מען קען ניט געגוי פאָראויסזאָגן דעם טאָג פון דער אנטבינדונג. ווען די ווייען פאַנגען זיך אָן מוז די פרוי גלייך זיך פאַרטיק מאכן פאַר דער אַנטבינדונג. אויב די אַנטבינדונג איז פאָרבערייטעט געוואָרן אין א האָספּיטאַל מוז די שוואַנגעריקע באַלד אַוועק אהין. אויב אָבער זי פאַרבלייבט אין הויז מוז דער אקושאר באַלד גערופן ווערן, און אַלץ זאָל זיין צוגעגרייט פאַר דער אַנטבינדונג.

די פרוי וואַשט זיך אַרום מיט וואַרימע וואַסער און זייף. די אויסערלאַכע געשלעכטס-טיילן דאַרפן גוט גערייניקט ווערן. א קליסטיר פון וואַסער און זייף זאָל געמאַכט ווערן. א ריינע העמד און ווייסע ריינע זאָקן זאָל אָנגעטאָן ווערן. די בעט דאַרף זיין גרייט אָבער די פרוי קען ארומגיין ביז די ווייען ווערן גאָר שטאַרק.

אַלץ ווערט גלייך פאַרטיק. געקאָכטע הייסע און אָפּגעקילטע וואַסער דאַרף זיין צום האַנט פאַר געברויך, אַלעס אויסגעשטעלט אזוי אַז עס זאָל זיין צו דער האַנט, ווען נויטיק.

אַנטבינדונג

נאָך ניין מאָנאַטן שוואַנגערשאַפט קומט די צייט פון געבורט פון דעם קינד — די אַנטבינדונג. וואָס פאַראורזאַכט אייגנטלאַך דאָס געבורט, וואָס זיינען די אורזאַכן וואָס פאַרשאַפן אין דער באַשטימטער צייט די ווייען, וועלכע שטויסן ענדלאַך אַרויס דאָס קינד פון דער געבער־מוטער — זיינען ניט באַוואוסט.

מערסטע פרויען פילן אין פאָראויס, אַז דער סוף פון שוואַנגערשאַפט קומט אָן; אייניקע פילן עס עטלאַכע טעג פאָראויס. אָפטער אָבער זיינען די סימפּטאָמען צו לייכט צו באַמערקן ווען די פרוי איז פיל באַשעפטיקט און די ווייען כאַפּן אָן פלוצלונג. די געוועגלאַכע סימפּטאָמען פון דעם נאָענטן אָנפאַנג פון אַנטבינדונג זיינען — אַ לייכטער אויספלוס, אָפט מיט אַ ביסל בלוט אַ טאָג אָדער צוויי בעפאָר; לייכטע, „פאַלשע" ווייען, וועלכע קומען און גייען אַוועק אָבער פאַראורזאַכן קיינע שמערצן. אייניקע פרויען פילן די לעצטע טעג פון שוואַנגערשאַפט בכלל ניט אמבעסטן, פילן אַנדערש ווי אימער און פאַרשטייען, אַז די אַנטבינדונג איז גאָר נאָענט.

ביסלאַכווייז הויבן אָן די ווייען פאַראורזאַכן שמערצן און דאַן איז שוין זיכער אַז די אַנטבינדונג איז גאָר נאָענט.

דאָס געבורט פאַנגט זיך אָן מיט ווייען און ענדיקט זיך מיט דעם אויסליידיקן פון דער געבער־מוטער. דאָס צוטיילט מען אין דריי שטופן:

די ערשטע שטופע איז די צייט פון עפענונג פון דער געבער־מוטער. עס פאַנגט זיך אָן מיט די ווייען און ענדיקט זיך ווען די געבער־מוטער איז אָפען.

די צווייטע שטופע איז די צייט פון דער פול געעפנטער געבער־מוטער ביז דעם געבורט פון קינד, ד. ה. ווען דעם קינדס קאָפּ פאַנגט אָן אַרויסגיין פון דער געבער־מוטער — ניט פון דער שיידע — ביז וואַנען עס איז אין גאַנצן אַרויס.

די דריטע שטופּע איז די צייט ווען דאָס אָרט גייט אַרויס.

די אַלע דריי שטופּן פון געבורט דויערן אין דורכשניט, בּאַ ערשטלינג, אַרום, אַרום (20) צוואַנציק שטונדן און בּאַ די, וואָס האָבּן געבוירן מער ווי איין קינד — אַרום (12) צוועלף שטונדן. די ערשטע שטופּע איז די לענגסטע, דערפאַר די לייכסטע. די צווייטע שטופּע דויערט פון אַ האַלבע ביז צוויי שטונדן און איז די שווערסטע פאַר דער מוטער, און ווען עס דויערט צו לאַנג קען עס שאַדן דעם קינד.

ווען די געניטע פרוי פאַנגט אָן פילן אָפּטע ווייטיקן ווייס זי, אַז דאָס פאַנגען זיך אָן די ווייען. די ערשטלינגן דיינקען אָפּט אַז דאָס זיינען קרעמפּן פון מאָגן און אַמאָל נעמען זיי איין מעדיצינען, מאַכן זיך קאַנעס, רייבּן זיך איין מיט לינימענטן און טוען אַנדערע זאַכן אָפּצושטעלן דעם בּויך-ווייטיק. אָבער דער „בּויך-ווייטיק" ווערט



פיגור 22. די נאָרמאַלע לאַגע פון דעם פעטוס אין דער געבער-מוטער

אַלץ שטאַרקער און אָפטער און דאַן ווערן זיי קליגער און פאַרשטייען, אַז דאָס זיינען די אַנטבינדונגס־ווייען. וואָס ווייטער — ווערן אַלץ אָפטער און שטאַרקער די ווייען און דויערן לייגער. צום אָנפאַנג פילן זיך די ווייטאָקן אין אונטערשטן טייל פון רוקן און ביסלאַכוויז פאַנגען זיך אָן פילן שמערצן אין בויך. ווען דער האַלז פון דער געבער־מוטער פאַנגט זיך אָן צו עפענען ווערן די ווייען שטאַרקער און זייער שמערצלאַך. די עפענונג פון דער געבער־מוטער האַלז גייט אָן לאַנגזאַם.



פיגור 23. עקס־שטראַל בילד אין אָנפאַנג פון אנטבינדונג:

1, דער מוטערס ביינערנער בעקן. 2, דעם קינדס קאָפּ און אריינגאַנג פון בעקן.
3, דעם קינדס רוקן־ביין. 4, דעם קינדס ריפּן. 5, דער מוטערס רוקן־ביין.
6, די לאַנגע ביינער פון קינדס אָרעמס און פיס.

צום אָנפאַנג גלייכט זיך נאָר דער האַלז אויס אַזוי, אַז עס קוקט שוין מער ניט אויס ווי האַלז נאָר ווי די געבער־מוטער וואָלט זיין אַ באַלון מיט אַ קיילאַכדיקער עפענונג. מיט דעם אָנהאַלט פון די ווייען ווערט אַלץ די עפענונג גרעסער. דער אַקושאָר וואָס אונטער־זוכט די פרוי צו באַשטימען דעם פּראָגרעס פון דער אָנטבינדונג מעסט די עפענונג מיט דער צאָל פון פינגער וואָס די עפענונג לאָזט אריין. ווען דער אַקושאָר דיינקט אַז אין דער עפענונג קען אריין פיר (4) פינגער, הייסט עס, אַז די געבער־מוטער איז אין גאַנצן אָפן און די צווייטע שטופּע פון דער אָנטבינדונג פאַנגט זיך אָן. דאָס געבורט וועט פּאַרקומען גאַנץ שנעל. דער קאָפּ פאַנגט אָן דורכצושטופּן זיך דורך דער צעצווייגענע און אָפענער האַלז פון דער געבער־מוטער. אין דער פּליסיקייט, וואָס באַגלייט דאָס געבורט פון אָנפאַנג באַווייזט זיך בלוט. דאָס בלוט קומט פון דעם, וואָס דער קאָפּ דורכגייענדיק דורך דער געבער־מוטער רייסט איין אירע צעצווייגענע און דינע ברעגן. דאָס רוב גיט אין דער צייט אַ שפּריץ אַביסל פּליסיקייט, — דאָס וואַסער, וואָס רינגעלט אַרום דעם קינד אין זיין אַנטוויקלונג. דאָס איז אַן אָנזאָג, אַז דער וואַסער־זעקל האָט געפּלאַצט. דער וואַסער־זעקל איז מער ניט נויטיק. דער זעקל מיט וואַסער האָט באַשיצט דעם פעטוס דורך די ניין (9) מאָנאַטן שוואַנגערשאַפט פון אויסער־לאַכער געפאַר, פון דריקונג און קלעפּ פון דרויסן. און צום סוף פון דער שוואַנגערשאַפט האָט עס מיטגעהאָלפן צו עפענען די געבער־מוטער און עס האָט געפּלאַצט, ווען עס איז געוואָרן נוצלאָז. אָפט טרעפט, אַז, די הייטלאַך פון דעם וואַסער־זעקל פּלאַצן צו פרי און דאָס וואַסער רינט אַרויס. אַזאַ געבורט רופט מען אַ טרוקענער גע־בורט, און דאָס רוב דויערט אַזאַ געבורט לענגער, ווייל דער זעקל, צו צוויגן פון אונטען מיט וואַסער, וואָס אַרבעט ווי אַ קלין, איז ניטאָ און דערפאַר געדויערט עס לענגער ביז די געבער־מוטער צעעפענט זיך. עס טרעפט אויך, אַז דער זעקל פּלאַצט גאָרניט, און אויב מען צערייסט עס ניט קינסטלאַך, ווערט דאָס קינד געבאָרן אין די הייטלאַך. דאָס איז באַוואוסט אַלס די געבורט „אין אַ העמדל", און אַבערגלויביקע ווייבער זאָגן, אַז דאָס קינד וועט דערפאַר זיין מזל'דיק.

אין דער צווייטער שטופע זיינען די ווייען שטארק, אפט און האלטן אן גאנץ לאנג, אפט איבער א מינוט. די פרוי האט א געפיל ווי זי וואלט גיין מיט'ן מאגען. עפעס וויל ארויסגיין, דורכ־שפארן זיך. זי שטרענגט אן אירע מוסקעלן פון בויך מיטצוהעלפן דאס ארויסשטופן פון קינד. האלט איין דעם אטעם, זי פילט אז זי ווערט צעריסן און ווען זי קען שוין מער ניט מיטהעלפן, לאזט זי ארויס א פארביטערטן הילפסלאזן געשריי.



פיגור 24. עקס שטראל בילד צום סוף פון אנטבינדונג

דעם קאפ קען מען זען דורכגייענדיק דורך דעם ביינערנעם בעקן.

מיט יעדן ווײ באַווײזט זיך אַביסל וואַסער, דער קאָפּ גײט אַרײַן אין דער וואַגינאַ; ביסלאַכווײַז פאַנגט דעם קינדס קאָפּ שפּאַרן אַף די אויסערלאַכע געשלעכטס־טײלן. די וואַגינע פאַנגט זיך אָן עפענען מיט יעדן ווײ. מיט די ווײען קען מען זען דאָס קעפּל אָדער, ווען דער וואַסער־זעקל האָט ניט געפּלאַצט, קען מען זען די גרויע הײטלאַך. נאָך אַביסל לענגער און נאָך אײניקע ווײען, און די ליפּן פון דער וואַגינאַ ווערן אָנגעצויגן, אויסגעדינט. דעם קינדס קעפּל פאַנגט אָן שפּאַרן זיך צום דרויסן. מיט יעדן ווײ צעשפּרײטן זיך מער די אויסגעדינערטע ליפּן, דער קאָפּ פאַנגט אָן דורכצושפּאַרן זיך, דאָס פלײש און די הויט ציִען זיך אויס, אָדער רײסן זיך. די מוטער ראַנגעלט זיך, די ווײען האַלטן אָן לאַנג און זײַנען שטאַרק. דער קאָפּ גײט דורך. די מוטער גיט אַ זיפץ. דאָס פּנים, אַראָפּ צום בעט ווען געבאָרן, דרײט זיך אויס ביסלאַכווײַז צו אַ זײט. נאָך אַ קורצע ווײלע — און אַנדערע ווײען שפּאַרן דעם קינד אין גאַנצן אַרויס. מיט דעם קינד גיט זיך אַ גאָס די איבעריקע וואַסער. די מוטער פילט גוט. זי זיפצט אָפּ. דאָס הילכיקע געשרײ, דער ערשטער אָטעם פון לעבן, ציט איר אויפמערקזאַמקײט. די צווײטע שטופע אין דעם גע־בורט־פּראָצעס איז געענדיקט, און די דריטע — פאַנגט זיך אָן. דער אַקושאַר שנײַט איבער דעם ניפּל־שנור צווישן צווײ קניפּן, כדי דאָס בלוט פון קינד און דאָס בלוט פון דער פּלאַצענטע. וואָס דאַרף באַלד קומען, זאָלן ניט אַרויסרינען.

לײַכטע שמערצלאָזע ווײען האַלטן אָן. עס דויערט צוואַנציק־דרײַסיק מינוט און דאָס אָרט, אָפּט מיט דער הילף פון אַקושאַר, אָבער אויך אָן הילף, ווערט אויך אַרויסגעוואָרפן. דער געבורט־פּראָצעס איז פאַרענדיקט. די געבער־מוטער איז לײדיק, און ווערט צעזאַמענגעצויגן אין אַ האַרטן קנויל, וואָס מען קען פילן אָן אַ זײט פון בויך, אין הויך פון נאָפּל.

קאמפּליקאַציעס פון אַנטבינדונג

אַנטבינדונג איז אַ פיזיאָלאָגישער פּראָצעס, אַ נאַטירלאַכע דערשיינונג, און האָט דארום ניט באַדאַרפט זיין פאַרבונדן מיט אַזוי פיל קאַמפּליקאַציעס און שמערצן, ווי מיר טרעפן היינט בא די פרויען פון די ציוויליזירטע פעלקער. אָבער אויך בא די אָפּגעשטאַנענע און האַלב ווילדע פעלקער און אַפילו בא חיות איז דאָס קינדער־געבורט ניט אינגאַנצן שמערצלאָז און ניט פריי פון קאַמפּליקאַציעס. עס איז דאָ דערפאַר אַ טענדענץ אין דער מעדיצינישער וועלט צו באַטראַכטן די אַנטבינדונג אַלס אַ פּאַטאָלאָגישע דערשיינונג.

אַלע ווייסן, אַז אונזערע היינטיקע פרויען ליידן פיל מער דורך דעם פּראָצעס פון אַנטבינדונג, ווי אין די פאַרגאַנגענע צייטן. ניט קוקנדיק אויף די אַזוי פיל פאַרבעסערטע סאַניטאַרע און היגיענישע באַדינגונגען, און ניט קוקנדיק אויף דעם וואוקס פון דער היילונגס־קונסט, און מיט דעם, די קונסט פון אַקושעריי, פאַר די לעצטע עטלאַכע צענדליק יאָר. און כאָטש אַ גרויסע טייל שוואַנגערענדע שטעלן זיך אונטער דער אויפזיכט פון אַקושאַר פרי אין שוואַנגערשאַפט, און פיל פרויען ווערן געלעגן אין האָספּיטעלער, וואו עס ווערט געגעבן מער אַכטונג אויף דער פרוי, און אַלץ איז איינגעאָרדנט אַזוי, אַז די פרוי קען קריגן די בעסטע הילף, — ניט קוקנדיק אויף דעם אַלעם זיינען די ליידן, קאַמפּליקאַציעס און אַפילו טויטן־פאַלן זייער ווייניק פאַרקלענערט געוואָרן.

פאַרקערט, סטאַטיסטיקס באַווייזן, אַז דאָ, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וואו דער גרעסטער טייל געבורטן ווערט באַדינט דורך דאָקטוירים און פילע געבורטן קומען פאָר אין האָספּיטעלער, פילייכט מער ווי אין וואָסער ניט איז אַנדער לאַנד, און די באַדינגונגען פאַר דער אַנטבינדונג און קינפעט זיינען פאַרשטענדלאַך בעסערע, דאָך איז דאָ אַ פיל גרעסערע שטערבלאַכקייט פון קינדער־געבורט ווי אין פילע אַנדערע, דוכט זיך, ווייניק גינסטיקע לענדער.

דאָ, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, שטאַרבן יערלאַך איבער

צוואנציק טויזנט מוטערס אין קינפעט. פיל מער טויזנטער שטארבן שפעטער פון די פאָלגן פון אנטבינדונג. טויזנטער און טויזנטער פרויען ווערן פארקריפּלט אף זייער גאנצן לעבן דורך קינד־געבורט.

וואָס זיינען די אורזאכן פון אזא גרויסער שטערבלאכקייט ?

פיל איז צו פארדאנקן דער מאָדערנער פרוי זעלבסט, ווי אויך דעם אַרט לעבן וואָס מיר פירן יעצט.

די פּארצייטיקע, אָדער מער־אָדער־ווינציקער פּרימיטיווע פרוי, און די פרוי פון די גאָר ניט לאנג פארגאנגענע יאָרן איז געווען פיל שטארקער געבויט און האָט געהאט מער אויסהאלטונגס־קראפט. דאָס לעבן איז אין יענע צייטן געווען שווערער. די פרוי האָט געארבעט שווערער, געליטן מער און מיט דעם פארהארטעוועט איר קערפּער, פאר־שטארקט אירע מוסקולן — די נויטיקסטע אינסטרומענטן אין אנט־בינדונג. איז געווען וואו א שוואכלינג פון דער נאטור, וואָס האָט זיך ניט געקענט צופּאסן צו די שווערע באדינגונגען פון דאמאלסדיקן לעבן, איז זי אומגעקומען פיל פריער ווי זי איז זוכה געווען צו שוואנגערן.

אין די לענדער און בא יענע פעלקער, וואו די פרוי איז בא־שעפטיקט אין דער ווירטשאפט, אפן פעלד א. א. וו. וואו עס קומט אויס דער פרוי צו טאָן שווערע ארבעט, ווי צ. ב. אין איטאליע, רוסלאנד א. ד. ג. איז דאָס קינדער געבורט — א קינדער־שפּיל, אזוי צו זאָגן. די שלעכטע פאָלגן זיינען אומבאדייטנד קלענער. די טויטן־פאלן פון קינדער־געבורט אין איטאליע איז באוואוסט צו זיין צוויי הונדערט מאָל קלענער ווי אין די פאראייניקטע שטאטן. דאָס זעלבע קען מען זאָגן וועגן די פרויען פון אנדערע לענדער וואָס לעבן ענלאך צו איטאליע. און גראד אין די לענדער וואו די שלעכטע פאָלגן און טויטן פאלן זיינען ווינציגער זיינען די באדינגונגען פאר א סאניטארער און היגיענישער אנטבינדונג זייער ווינציק אנטוויקעלט און די אנטבינדונגען זיינען ניט אָנגעפירט דורך געאיבטע אָקושארן, נאָר דורך אלט־מאָדישע באָ־בעס, הייבאמען.

דער פלאץ, וואָס די פרוי פארנעמט היינט אין דער ציוויליזיר־

טער געזעלשאַפֿט באַרויבט זי פֿון דעם וויכטיקסטן געצייג אין דער צייט פֿון אַנטבינדונג, וואָס קיין אַנדער מיטל קען עס ניט פֿאַרבייטן.

די באַשעפֿטיקונג פֿון דער היינטיקער פֿרוי אין אַ לאַנד ווי די פֿאַראייניקטע שטאַטן, די פֿאַבריק און שאַפּ־אַרבעט, איז ניט אַזוי גינס־טיק, ווי די באַשעפֿטיקונג פֿון דער פֿאַרצייטיקער פֿרוי, און פֿון דער פֿרוי פֿון די אַגריקולטורעלע לענדער אין אייראָפּע.

אויך די קליידונג פֿון דער שטאָטישער פֿרוי, די מאָדעס פֿון די ניט לאַנג פֿאַרגאַנגענע יאָרן, וועלכע האָבן באַגרענעצט דער פֿרויס פֿרייע באַוועגונגען האָבן מיטגעווירקט אין דער פֿאַרקריפּלונג פֿון דער פֿרוי.

און כאָטש די סאַניטאַרע און היגיענישע באַדינגונגען פֿאַר דעם שוואַנגערן און אַנטבינדונג אין קינפּעט זיינען בעסער אין הויך ציווי־ליזירטע לענדער, ווי אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, איז אָבער די פֿרוי פֿון בעסערע אומשטענדן געשענקט מיט אַ קלענערן ווידערשטאַנד צו די וויטיקן, און אַ שוואַכרן ווידערשטאַנד צו אינפֿעקציעס, אַ שוואַ־כערער אימוניטעט, און אַלס רעזולטאַט ווערט די פֿרוי לייכטער אָנ־געשטעקט מיט אַנשטעקענדע קראַנקייטן פֿון די געשלעכטס־אָרגאַנען, וועלכע קאָמפּליצירן דערנאָך די שוואַנגערשאַפֿט און די אַנטבינדונג. אויך זיינען די פֿרויען פֿון קלענערן ווידערשטאַנד צו דער אַנשטעקונג מיט קינפּעט פֿיבער.

עס זיינען נאָך דאָ אַנדערע אורזאַכן פֿון אַבנאָרמאַליטעטן, וואָס פֿאַראורזאַכן איבעריקע שמערצן און שטעלן אין געפֿאַר די שוואַנגערענדע, וואָס האָבן ניט צו טאָן מיט דער שוואַנגערענדער זעלבסט. דאָס זיינען די פֿאָלגן פֿון ירושה און די ווירקונג, וואָס די ציוויליזאַציע, די אינטעלעקטועלע אַנטוויקלונג פֿון דער ראַסע, האָט אויף דער אַנטוויקלונג פֿון דעם קינדס קאָפּ, פֿאַרגרעסערנדיק דעם שאַרבן פֿון דעם ניי־געבאָרענעם, אָבער אָפֿט איבערלאָזנדיק דער מוטערס בעקן ניט אַנטוויקלט; ריכטיקער, ניט פּראָפּאָרציאָנעל פֿאַר־גרעסערט. אַזאַ ווידערשפּרוך איז איבערהויפּט מעגלאַך אין געמישטע הייראַטן, ווען די עלטערן זיינען פֿון פֿאַרשיידענע ראַסן.

די אידישע פרוי, אַלס אַ שטאָט פרוי, צוזאַמען מיט דער אידישער כאַראַקטעריסטישער פיזישער אונאַנטוויקלונג, ליידעט אָפט פון קאָמפּליקאַציעס פון שוואַנגערן און אַנטבינדונג. דער פּראָצעס פון אַנטבינדונג איז אימער אַ שווערער, פיל ליידענדער בא דער אידישער פרוי, געוועגלאַך אומגעהויער ערגער ווי בא אונזערע שכנות'דיקע פרויען.

פיל פון די אומגליקספאַלן פון אַנטבינדונג מיט באַלדיקע אָדער שפּעטערדיקע קלאָגלאַכע רעזולטאַטן זיינען פאַראורזאַכט דורך דעם אַקושאָר, וואָס באַדינט די פרוי. זעלטן איז דאָס אומוויסנהייט פון דעם דאָקטאָר. מערנסטנס איז דאָס צוליב דעם אומגעדולד צו וואַרטן אַף די קרעפטן פון דער נאַטור. צו אָפט געברויכט מען אומגעווינשטע מיטלען צו פאַרשנעלערן דעם „האָבן" אַנשטאַט צו וואַרטן אַף דעם נאַטירלאַכן גאַנג פון דעם אַנטבינדונגס־פּראָצעס. דאָס באַנוצן פון מעדיקאַמענטן צו אָנטרייבן די ווייען און דער געברויך פון צוואַנגס־אינסטרומענטן זיינען מיטלען בא פילע אַקושאָרן צו פאַרטיק ווערן שנעלער מיט דער אַרבעט. אָפט אויך בלויז צוליב דעם שטאָלץ מיט זיינע כירורגישע פעאיקייטן! פון דעם שטאַנדפּונקט זיינען די פּאַרצייטיקע „באָבעס" און די היינטיקע הייבאַמס (אַקושערקעס) וועלכע וואַרטן נעבאַך געדולדיק אַף דעם קינד צו באַווייזן זיך, געווען פיל זיכערער. צום באַדויערן, קען איך פון אייגענער דערפאַרונג באַשטעטיקן, אַז די אַמעריקאַנער הייבאַמע איז אויך שוין אָנגעשטעקט מיט דער איילעניש און איז גרייט צו אימיטירן אַף אַ רויען אופן דעם אומפאַראַנטוואָרטלאַכן דאָקטאָר.

עס זיינען אָבער דאָ פיל פאַלן פון אומפאַרמיידלאַכע קאָמפּליקאַציעס פון דעם געבורט־פּראָצעס. דורך פעאיקער אָנפירונג פון דעם אַקושאָר קענען אָפט די שלעכטע פאָלגן באַזייטיקט ווערן אָדער פאַרלייכטערט ווערן, פילע יאָרן פון פיינונג אויסגעמידן ווערן. און אָפט דער גרויזאַמער טויט פון מוטער אָדער קינד, אָדערביידע — פאַרמידן ווערן.

שוואַכע ווייען

איינע פון די גאָר אָפטע אומאנגענעמלאַכקייטן באַ דער אַנט־בינדונג איז דאָס, וואָס די ווייען זיינען צו שוואַך צו העלפן דעם פּראָג־רעס פון געבורט. די געבער־מוטער ציט זיך צוזאַמען שוואַך, דויערט זייער ווינציק, בלויז אייניקע סעקונדן, זיינען ניט שמערצלאַך און קומען ניט אָפט גענוג. דאָס ציט אָפּ די אַנטבינדונג אומגעפער לאַנג און קען זיין אַ געפאַר פאַר דער מוטער און קינד. די דערשיינונג טרעפט מען אָפט באַ שוואַכע פרויען, נערוועזע, די וואָס ליידן פון פאַרשיי־דענע קראַנקהייטן א. אז. וו. די געפאַר פאַר דער מוטער איז ניט אַזוי דירעקט צוליב איר צושטאַנד, נאָר צוליב די צופיל אינערלאַכע (דורך דער וואַגינאַ) אונטערזוכונגען, און דאַרום זאָלן אין אַזוינע פאַלן אימער די אונטערזוכונגען געמאַכט ווערן דורכ׳ן רעקטום, וואָס קען ניט אַרויס־רופן קיין אַנשטעקונג. די צווייטע אונדירעקטע געפאַר פאַר דער מוטער איז ווידער איר אומגעדולדיקער דאָקטאָר, וועלכער איז צו אָפט גענייגט אין אַזוינע פאַלן צו איילן זיך מיט ניט נויטיקע מעדיקאַמענטן און צו פריע אָפּעראַציעס.

די בעסטע מיטלען אין אַזוינע פאַלן איז רו, גייסטיקע און פי־זישע; פיל גערולד, דערמונטערונג, הייסע בעדער, זיץ בעדער, מאַסאַזש איבער דער געבער־מוטער קען העלפן. זייער זעלטן איז נויטיק פיטועטרין, א מעדיקאַמענט וואָס פאַראורזאַכט ווייען.

עס איז אָבער דאָ אַן אַנדער סאָרט שוואַכע ווייען, וואָס איז פאַראורזאַכט פון די בויך מוסקולן, וועלכע זיינען אָדער שוואַך און ניט אַנטוויקעלט גענוג מיטצוהעלפן אין דער אַנטבינדונג, אָדער אַנדערע קראַנקהייטן און אַבנאָרמאַליקייטן פאַרווערן די בויך מוסקולן צו נעמען אַן אַקטיוון אַנטייל אין דעם געבורט־פּראָצעס. אין אַזוינע פאַלן איז נויטיק צו באַווייזן דער פרוי ווי צומיטהעלפן די ווייען, א גוטער בויך באַנדאַזש טוט אָפט פיל גוטעס אין די פאַלן, ווען דער בויך פאַלט פאַראויס און די מוסקולן זיינען שוואַך.

אַן אַנדער אורזאַך פון שוואַכע ווייען איז אַ ניט גינסטיקע

פּאָזיציע פון דעם קינד, וואָס דער אַקושאָר דאַרף באַשטימען אין אַזוינע פאַלן.

צו שטאַרקע ווייען

עס טרעפן פאַלן, אַז די ווייען פאַנגען זיך אָן מיט אַמאָל שטאַרק, און אי די געבער־מוטער ציעט זיך צוזאַמען אָפט און שטאַרק, אי די בויך־מוסקולן אַרבייטן שטאַרק און עס דויערט פיל ווינציקער ווי די דורכשניטלאַכע צייט פאַר געבורט, נאָר פון אייניקע מינוטן ביז אַ שטונדע און דאָס קינד איז געבאָרן. אָפט מאַכט זיך, אַז די פרוי איז גאָר אין גאַס און האָט קיין צייט ניט צוקומען אַהיים, צוגרייטן זיך צום האָבן. אין אויפרעגונג און פון שרעק פאַרגעסן מאַנכע פרויען זיך אַנידערצולייגן און עס טרעפט אַז דאָס קינד פאַלט צו דער ערד.

די געפאַר פאַר דער מוטער פון אַזאַ שנעלן געבורט איז ניט גרויס. דאָך טרעפן פאַלן, וואָס פאַראורזאַכן פיל ליידן דער מוטער דורך געפערלאַכע איינרייסונגען פון דער געבער־מוטער און די אויסער־לאַכע געשלעכטס־אָרגאַנען, פון בלוט שטורץ נאָכ׳ן האָבן, פון אינ־פעקציע א. אז. וו.

דאָס קינד איז אין געפאַר צו ליידן פון דעם, וואָס עס פאַלט צו דער ערד, עס קען זיך דערטרינקען אין דעם וואַסער און בלוט וואָס פליסט אַרויס פון דער געבער־מוטער ווען די מוטער איז אין בעט. אָבער דאָס אַלץ טרעפט זעלטן . די ניי־געבאָרענע קינדער זיינען גאַנץ שטאַרק און טראָגן אָפט אַריבער אויסערגעוויינלאַכע אומשטענדן. עס זיינען באַוואוסט פאַלן, ווען ניי־געבאָרענע קינדער זיינען אַרויסגע־וואָרפן געוואָרן פון לויפנדיקע באַנען, זיינען געפונען געוואָרן אין קעלט אין דרויסן וואו זיי זיינען געווען אייניקע שטונדן, און דאָך האָט עס זיי ניט געשאַדט.

אין פאַל פון צו שנעלן אָנקומען פון געבורט, מוז די פרוי גלייך אַריין אין בעט, דער נאָנטסטער אַקושאַר מוז גערופן ווערן, און ווען דאָס קינד ווערט געבאָרן אין אַבוועזענהייט פון אַקושאָר זאָל עס גלייך צוגענומען ווערן פון דער מוטער נאָכדעם, ווי דער נאָפּל איז

איבערגעשניטן צווישן די צוויי בינדן, כדי דאָס בלוט זאָל ניט אויס־פליסן פוןביידע עקן פון דעם איבערגעשניטענעם נאָפּל־שנור.

טרוקענער האָבן

עס איז שוין דערמאָנט געווען, אַז דער וואַסער זעקל האָט אַ גרויסע אויפגאַבע אין דער צייט פון געבורט. דער אונטערשטער טייל פון זעקל מיט דעם ביסל וואַסער אונטער דעם קינדס קאָפּ אַרבעט ווי אַ קלין אין צעשפּרייטן דעם האַלז פון דער געבער־מוטער. טרעפט אָבער אַז די הייטלאַך, וואָס מאַכן דעם זעקל, פּלאַצן פרי־צייטיק, בעת־פאַר די ווייען פאַנגען זיך אָן, אָדער פרי אין דעם געבורטס־פּראָצעס. אַזאַ פאַל רופט מען „טרוקענער האָבן", צוליב דעם וואָס דאָס וואַסער פון זעקל ווערט פאַרלאָרן באַלד ווי די הייטלאַך פּלאַצן.

אין דעם צושטאַנד איז דער האָבן (געבורט) פיל שווערער און געפערלאַכער ווי ווען דער זעקל איז גאַנץ. עס פעלט דער קלין וואָס עפנט צערטלאַך און לייכט דעם מויל פון דער געבער־מוטער; די געבער־מוטער נעמט שטאַרק אַרום דעם קינדס לייב אַנשטאָט אַרומנע־מען דעם זעקל מיט די וואַסער וואָס באַשיצט דאָס קינד, דעם קינד רייבט דאָס טרוקענע געבער־מוטער. דאָס אַלץ פאַרלענגערט און מאַכט שווערער דעם פּראָצעס פון אַנטבינדונג.

חוץ דעם איז דאָ מער געפאַר אין אָנשטעקן דער מוטער דורך אונטערזוכונגען פון אַקושאַר, ווייל די געבורט דויערט לענגער, אויב דער אַקושאַר אונטערזוכט דורך דער וואַגינאַ און ניט דורכן רעקטום. די לאַנג דויערנדע ווייען פאַרמאַטערן די פרוי און אָפט קומט אויס צו נעמען דאָס קינד מיט אינסטרומענטן.

דאָס קינד איז אויך מער אין געפאַר, ווייל דאָס קעפּל געפינט זיך לענגער אונטערן דרוק צוליב דער לאַנגדויערנדער אַנטבינדונג, און אויך צוליב דעם, וואָס עס זיינען אָנגעווענדט צו אָפט קינסטלאַכע מיטלען.

אין אַן ערשטלינג איז אַ טרוקענער האָבן ערגער, ווי בּאַ די וואָס האָבן פריער געהאַט קינדער, אָבער גאָר ניט גוט איז ווען עס

טרעפט בא אַן ערשטלינג ווען זי איז איבער 30 יאָר.

ווען דער וואַסער־זעקל פּלאַצט, מוז מען גלייך לאָזן וויסן דעם אַקושאָר. מען מוז זיך האַלטן ריין, ניט נעמען קיינע בעדער, ניט האָבן קיין געשלעכטס־פאַרקער, און ניט מאַכן קיינע איינשפריצונגען. עס איז בעסער צו ליגן אין בעט.

אומנאָרמאַלע פּאָזיציעס

עס זיינען דאָ שווערקייטן פון האָבן (געבורט), אין וועלכע מען באַשולדיקט דאָס קינד. מען זאָגט אין אַזוינע פאַלן „דער קאָפּ איז צו גרויס", „עס גייט ניט ריכטיק" א. ד. ג.

אין דער אמת'ן אָבער, איז דאָס קינד אַ געהאָרכזאַמער מאַטעריאַל. ווען דער ביינערנער בעקן איז אַ ביסל צו קליין דורכצולאָזן דעם קינדס קאָפּ פאָרמירט זיך דאָס קעפּל אויס נאָכ'ן פורעם פון דעם בעקן. און ווען דאָס קינד „גייט ניט ריכטיק" איז אַממערסטן אויך ניט דעם קינדס שולד, נאָר די שולד פון בעקן, וועלכער איז מעגלאַך ניט אינגאַנצן נאָרמאַל, אָדער די געבער־מוטער איז ניט ווי עס דאַרף צו זיין, אָדער עס איז פאַראַן אין דער געבער־מוטער אַ געשווילאַכץ וואָס מאַכט צו ענג דעם דורכגאַנג, און דאָס קינד דרייט זיך אויס מיט אַן אַנדער טייל פון קערפּער, אַנשטאָט מיט'ן שפּיץ פון קאָפּ, וואָס איז דער געוועגלאַכער און לייכטסטער טייל דורכצוגיין.

דאָך זיינען דאָ פאַלן ווען די שולד פאַלט דירעקט אַפן קינד פאַר די אומנאָרמאַלע פּאָזיציע וואָס ער פאַרנעמט. אמאָל איז עס אַן איבערגעוואַקסן קינד וואָס קען ניט אריין מיטן קאָפּ אין בעקן. דאָס איבערוואַקסן קען זיין צוליב אַ לאַנג דויערענד שוואַנגערן אָדער אַנדערע אורזאַכן. עס טרעפט אַז נאָר דער קאָפּ איז אַבנאָרמאַל פאַרגרעסערט, ווי אין צושטאַנד פון אַ קאָפּ־וואַסערזוכט. אויך אַנדערע אַבנאָרמאַלקייטן אין אַנטוויקלונג קענען פאַראורזאַכן די ניט ריכטיקע פּאָזיציע פאַר אַ נאַטירלאַכער אַנטבינדונג. אין פאַלן פון צווילינגס קענען זייערע פּאָזיציעס פאַרשאַפן שווערקייטן אין אַטבינדונג.



פיגור 25. עקס שטראל בילד אין אנטבינדונג

„דאָס קינד גייט מיט די פּיס פאַראויס" —
דער קאָפּ אין דער הויך אין מיטן פון מוטערס רוקן־ביין דאָס געזיכט צו לינקס, אויך דער רוקן צו לינקס, לינקער אָרעם אויפגעהויבן.



פיג. 26. עקס שטראַל בילד אין אנטבינדונג. דאָס קינד ליגט אין קווער

דעם קינדס רוקן און איין ארעם אין בעקן און דער קאָפּ הויך בא דער מוטער צו לינקס, פיס הויך צו רעכטס. אן אוממעגלאכע פּאָזיציע צו געבערן.



פיגור 27. עקס שטראל בילד אין אנטבינדונג פון א צווילינג.

אין אריינגאנג אין בעקן זעט מען דייטלאך נאר איין קאפ, אבער אפן בילד **זעט** מען צוויי רוקנס איןביידע זייטן פון דער מוטער מיט פיל ארעמס און פיס.

צוליב די נאַר־וואָס דערמאָנטע אורזאַכן קען דאָס קינד אָנפאַנ־גען גיין מיט'ן פּנים, מיט אַ טייל פון פּנים, אָדער גאַר מיט די פיס. דאָס מאַכט דאָס געבורט פיל שווערער ווי געוויינלאַך און געפערלאַ־כער. עס קען אויך ברייינגען דאָס קינד צו אַ פּאָזיציע וואָס מאַכט דאָס געבורט אוממעגלאַך. דאָס איז ווען דאָס קינד ליגט אין קווער — כדי דאָס קינד זאָל געבאָרן ווערן מוז דאָס קינד אויסגעדרייט ווערן אַזוי, אַז דער קאָפּ אָדער די פיס זאָלן ארייינגיין אין בעקן און דורכגיין דורכן געבורטס־קאַנאַל צו ערשט. ווען דאָס איז ניט געטאָן געוואָרן אין צייט, וועלן די אָנהאַלטנדע ווייען פּרובירן דורכשפּאַרן דאָס קינד ווי עס ליגט מיט נאָך ערגערע פאָלגן פון אריינשפּאַרן אין געבורטס־קאַנאַל אַן אקסל אָדער האַנט, וואָס שטעלט די מוטער און קינד אין אַ גרויסער געפאַר.

עס זיינען דאָ נאָך אורזאַכן, וואָס מאַכן דאָס האָבן שווערער און לענגער, און די שולד פאַלט דירעקט אַף אַ געוויסן טייל פון דעם געבורט קאַנאַל. אַ געוויסער אָרגאַן דורך וועלכן דאָס קינד (פּעטוס) דאַרף דורכגיין, פאַראורזאַכט אַ שטערונג אין נאָרמאַלן גאַנג פון גע־בורטס פּראָצעס. דער שולדיקער אָרגאַן אין אַזוינע פאַלן קען זיין איז אבנאָרמאַל אָדער פון געבורט, פון ניט גענוג אַנטוויקלונג, פון אַ קראַנקהייט אָדער גאַר פון אַ פאַרוואונדונג אין צייט פון אַ פריערדיקן געבורט און אַנדערע פאַלן.

די אויסערלאַכע געשלעכטס־אָרגאַנען קענען פאַראורזאַכן אַן אָפּהאַלט אין געבורט דורכדעם וואָס זיי צוציען זיך ניט לייכט און פאַר־האַלטן דעם קינדס קאָפּ באַם ארויסגיין. דאָס טרעפט אָפט באַ ערשטע געבורטן, ביי עלטערע פרויען, און פרויען וועלכע זיינען באַ פריערדיקע האָבנס געוועזן פיל צוריסן, און ביים פאַרהיילן האָט זיך פאָרמירט פיל נאָכגעוועב וואָס איז ניט עלאַסטיש ווי געוועגלאַכע הויט און מוסקולן־געוועב.

אַ צונויפגעצויגענע אָדער צו שמאָלע וואַגינע וואָס קען זיין אַ געבאָרענע אבנאָרמאַלקייט אָדער פון פאַרוואונדונג איז אַ גע־פערלאַכע קאָמפּליקאַציע.

אויך קען אַ האַרטער, ניט עלאַסטישער האַלז פון דער געבער־מוטער פאַראורזאַכן שטערונגען פאַר אַ נאָרמאַלן געבורט.

אַבנאָרמאַלקייטן פון בעקן

אַממערסטן וויכטיק איז דער צושטאַנד פון ביינערנעם טייל פון געבורטס־קאַנאַל — דער בעקן. די ווייכע טיילן ווען זיי פאַראורזאַכן אַ שטערונג ווערן די נאַטירלאַכע קרעפטן, אין מערסטע פאַלן, זיי ווי ניט־איז בייקומען. עס קען געדויערן אַביסל לענגער, אָבער זיי ווערן בייגעקומען ווערן. פיל שווערער און אָפט אוממעגלאַך איז אָבער בייצוקומען די האַרטע ביינערנע טיילן. זיי ציען זיך ניט, זיי רייסן זיך ניט, זיי גיבן זיך ניט אונטער, ווי די ווייכע טיילן. ווען דער ביינערנער בעקן איז אַבנאָרמאַל און מאַכט ענג דעם וועג, מוז זיך דעם קינדס קאָפּ אַזוי פאָרמירן, אַז ער זאָל קענען אַרויסגיין, נאָך לאַנגע שטונדן פון פאָרמירן זיך, אָדער ווען דער בעקן איז שוין צו ענג, וועט ער שוין דעם קינד ניט דורכלאָזן אינגאַנצן.

אָן דעם צושטאַנד פון בעקן הענגט אָפּ דערפאַר אָפט דאָס לעבן פון דער מוטער און קינד, סיידן קינסטלאַכע מיטלען זיינען אָנגעווענדט אין צייט.

פאַרשיידנקייטן פון בעקן זיינען דאָ זייער פיל. עס זיינען ניטאָ קיין צוויי בעקנס וואָס זאָלן זיין ענלאַך. יעדע ראַסע האָט אירע אייגנאַרטיקייט אין בעקן. צוליב דעם, וואָס דאָס וויכטיקסטע אין בעקן איז די גרויס פון אַריינגאַנג אין דעם בעקן, מעסט מען אָט דעם וויכטיקן אָרגאַן נאָך דעם אַריינגאַנג.

עס איז באַוואוסט, אַז אידישע פרויען צייכענען זיך אויס מיט אַ קליינעם בעקן.

אָבער קליינע פאַרשידנקייטן זיינען ניט געפערלאַך און ווערן ניט אָנגענומען אַלס פּאַטאַלאָגישע, אַבנאָרמאַלע צושטאַנדן.

עס זיינען דאָ פאַרשיידענע אַבנאָרמאַליקייטן אין דעם בעקן. עס קען זיין אַ פּשוט'ע פאַרקלענערונג, אָדער דער בעקן קען זיין צו

פיגור 28. די פארשיידענע פאָרמען פון בעקן פאראיינגערונג.



1. נאָרמאלער בעקן. 2. פלאכער בעקן
3. גלייכמעסיק אלגעמיין פאראיינגטע. 4. קווער פאראיינגטער
5. אלגעמיין און פלאך פאראיינגטער. 6. צוזאמענגיצויגענער בעקן
7. פארקרומטער בעקן.

גרויס, וואָס קען אויך מאכן דעם געבורט אבנאָרמאל. אמערסטע אב־נאָרמאליקייטן פון בעקן זיינען אזעלכע, וואָס צודרייען די נאָרמאלע פאָרם פון בעקן, מאכן עס אסימעטריש און מיט דעם פארשטעלן זיי און פארשמעלערן דעם אריינגאנג פון קינדס קאָפּ אין בעקן, אָדער דעם ארויסגאנג פון דעם קאָפּ פון דעם בעקן.

די אורזאכן פון אבנאָרמאליטעטן פון דעם בעקן זיינען פיל. ירושה האָט א סך צו טאָן מיט דעם. גרויס ביינערדיקע, געוויקסיקע פרויען האָבן א גרויסן בעקן און קליין געוויקסיקע פרויען א קליינעם, אזוי, אז אמאָל איז ער צו קליין דורכצולאָזן א געוועגלאך גרויסן נאָר־מאלן קינד. פארשיידענע קראנקהייטן ווירקן אף די ביינער פון בעקן



פיגור 29. רוקן אויסזען מיט א נאָרמאלן בעקן.

און צושטערן זיין נאָרמאלן פאָרם. די ענגלישע קראנקהייט, א פאָלגע פון ניט ריכטיקע ערנערונג, איז אן אָפטע אורזאכע פון אן אבנאָרמאלן בעקן. ביינער טובערקולאָז און אנדערע ביינער קראנקהייטן קענען צו־שעדיקן אָט דעם וויכטיקן אָרגאַן. די לעצטע ענטדעקונגן באַווייזן, אז דער בעקן קען זיין ניט גענוג אַנטוויקלט צוליב א צערשטערונג פון די דריזן. בא יונגע פרויען אין דער ערשטער שוואַנגערשאַפט, קען מען באַמערקן אַ קליינעם בעקן כאָטש ער איז פּראָפּאָרציאָנעל, וואָס פאַר־אורזאַכט אַ פאַרדאַכט פאַר אַ ניט נאָרמאַלער אַנטבינדונג. אָבער מיט דעם אָנגאַנג פון שוואַנגערשאַפט איז צו באַמערקן, אַז דער בעקן וואַקסט און די אַנטבינדונג ענדיקט זיך נאָרמאַל. פרויען, וואָס האָבן



פיג. 30. רוקן אויזען פון אן אלגעמיין גלייכמעסיק פאראייניגטן בעקן

צו ווינציק איבונגען אין קינדהײט, אין די יונגע יאָרן, זײַנען גענויגט צו אַ ניט אַנטוויקעלטן בעקן, ווי אַנדערע טײלן פון קערפּער.

די קלײדונג האָט אויך אַ ווירקונג אין דער יוגנט. צו שטײפע קלײדער דריקן דעם קערפּער און שטערן פרײַ צו באַוועגן זיך, מיט די פאָלגען פון פיזישער אומאַנטוויקלונג פון דעם בעקן, ווי די גאַנצע קערפּערלאַכע אַנטוויקלונג. הויכע אָפּצאַסן, איבערהויפּט אין דער צײַט פון קערפּערלאַכע אַנטוויקלונג און קערפּערלאַכן איבערגאַנג ווי עס איז צו טרעפן בא יונגע מײדלאַך, ברענגט די פיגור אויסער דער נאָרמאַלער ליניע, ווײַל דער קערפּער מוז דאָך באַלאַנסירן. דער אויבערשטער טײל פון קערפּער מוז פאַלן אַביסל הינטער דער נאָר־



פיגור 31. רוקן אויסזען פון אַ פלאַכן בעקן.

מאלער ליניע, ענלאך צו דער ליניע וואָס די פרוי נעמט אָן אין שוואַנ־גערשאפט. דאָס האָט די ווירקונג פון אן אבנאָרמאלן פרעסן אף די ביינער פון בעקן און פאראורזאכט א ניט נאָרמאלן אנטוויקלען פון בעקן.

עס איז פארשטענדלאך, אז פילע אורזאכן פון דעם אבנאָרמאלן בעקן זיינען פארמיידלאך און היילבאר ווען מען וואָלט זיי גענומען אין אכט אין די קינדער־יאָרן. די ערנערונג פון דעם יונגן מיידל מוז זיין גוט. דער אַלטמאָדישער אידישער געדאַנק, אַז מיידלאך דאַרפן ניט און טאָרן ניט פאַרנעמען זיך מיט באַוועגלאַכע שפּילן, איבונגען און אַרבייטן וואָס פאָדערן אַ געוויסע מאָס פיזישע אַקטיוויטעט, איז שעד־לאך. קינדער, וואָס האָבן געהאט די ענגלישע קראַנקהייט אָדער אַנ־



פיגור 32. רוקן אויסזען פון א קווער פאראיינגטן בעקן.



פיגור 33. רוקן אויסזען פון אן אסימעטרישן בעקן.

דערע קראנקהייטן, וואָס האָבן געלאָזט סימנים אויף זייער קערפּער, און איבערהויפּט אף די ביינער, זאָלן געהיט ווערן און אַלץ זאָל געטאָן ווערן אין זייער וואקסנדן פּעריאָד פו קאמפּענסירן דעם שאדן וואָס די קראנקהייט האָט זיי איבערגעלאָזן. גוטע נארונג, פיל פיזישע איבונגען, מיט א מאקסימום פון זון־שיין, און פרישע לופט וועלן פיל אויפטאָן.

דאָס קליידן זיך דאַרף זיין צוגעפּאַסט נאָך דער צייט פון יאָר און נאָכן קלימאַט און זאָל ניט שטערן די פרייע באַוועגונג. די עלטערן דאַרפן זיך ניט נור אינטערעסירן מיט דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון קינד נאָר אויך מיט דער פיזישער, און טאַקע ניט אין א קלענערן גראַד.

אַן אבנאָרמאַלער בעקן, ווי פילע אַנדערע קערפּערלאַכע אונרעגלמעסיקייטן, פאַראורזאַכט ניט קיין שאַדן אין מערסטע פאַלן ביז וואַנען עס קומט די צייט פון דער פולער פונקציע פון דעם אָרגאַן. אָבער דאַן איז צו שפּעט צו פאַרמיידן אַן אומגליק, ווען פריער פיליכט וואָלט עס מעגלאך געווען מיט פאַסיקע מיטלען צו באַזייטיקן.


פיג. 34. רוקן אויסזען פון א ריק־ווערטס־קוּוער פאַראיינגטן בעקן.


פיגור 35. רוקן אויסזען פון א צוזאמענגעצויגענעם צעקן.

אָפּעראַציעס אין אנטבינדונג

עס גיבן פאַלן, ווען די קרעפטן פון דער נאַטור זיינען ניט פייאיק אויסצולייזן די געבער־מוטער פון די פּראָדוקטן פון שוואַנגערשאַפט, אָדער ווען עס איז דאָ אַ געפאַר פאַר דער מוטער אָדער קינד צו וואַרטן ביז די נאַטור וועט עס דורכפירן.

אין אַזוינע פאַלן מוז מען אָנווענדן קינסטלאַכע, אָפּעראַטיווע מיטלען. אָפּעראַטיווע מיטלען מוז אָבער אָנגעווענדט ווערן נאָר אין די פאַלן ווען ס'איז אַ זיכערע געפאַר פאַר דער מוטער אָדער קינד, אויב מען זאָל זיך פאַרלאָזן אויף דער נאַטור. די סאָרט אָפּעראַציע ווערט באַשטימט נאָך די אומשטענדן פון דעם פאַל. די באַדינגונגען און פלאַץ מוזן זיין גינסטיק פאַר אָפּעראַטיווער אַרבעט. דער איינצעלנער פלאַץ פאַר דער אַרבעט איז — אַ האָספּיטאַל. נאָר אין נויטפאַל און ווען אַ זיכערער און שנעלער איבערפירן אין אַ האָספּיטאַל איז אוממעגלאַך, קען זיך אַ דאָקטאָר דערלויבן צו טאָן איינעקע אָפּעראַציעס אין אַ פּריוואַטער הויז.

אָפּעראַטיווע אריינמישונג איז אָפט מיסברויכט צוליב איינעקע צוועקן. איינער און דער אָפטסטער מיסגעברויך איז די איילעניש פון אַקושאַר גיכער פאַרטיק צו ווערן מיט דער אנטבינדונג.

די צוואַנגס אָפּעראַציע

דאָס איז אַן אָפּעראַציע, וואָס באַשטייט אין ארויסציען דאָס קינד דורך דעם געבורטס קאַנאַל מיט דער הילף פון אַן אינסטרומענט וואָס מען רופט צוואַנגען, פאַרצעפּס. דער אינסטרומענט באַשטייט פון צוויי באַזונדערע טיילן. יעדער טייל איז אַ העלפט פון די צוואַנגען און באַשטייט פון אַ קלינגל, אַ שלאָס אין מיטן, און הענטל פון אונטן. די צוואנג איז געמאַכט אַזוי, אַז ווען צוזאַמענגעשלאָסן דאַרפן די קלינגלאַך ארומנעמען דעם קינדס קאָפּ ניט באַשעדיקנדיק אים, און די הענטלאַך קומען זיך צוזאמען אַזוי, אַז עס איז לייכט אָנצונעמען און האַלטן און אַזוי ארויסציען דאָס קינד. אויסער וואָס די

קלינגלען זיינען אַזוי אויסגעבויגן, אַז זיי נעמען אַרום דעם קינדס קאָפּ, זיינען אַזוי געמאַכט, אַז זיי פּאַסן זיך צו צו דעם הינטערשטן טייל פֿון בעקען, דער אינערלעכער פֿאָרם פֿון דעם קרייץ־ביין.

דער נוצלעכער אינסטרומענט איז צום ערשטן ערפֿונדן געוואָרן אין זעכצעטן יאָר־הונדערט פֿון אַ פֿראַנצויז באַם נאָמען טשעמבערליין, אַ זייער צווייפֿלהאַפֿטע פּערזענלעכקייט. טשעמבערליין און נאָך אים זיינע יורשים, האָבן דעם אינסטרומענט געהאַלטן בסוד, און האָבן צוויי הודערט יאָר געשווינדלט מיט דעם אינסטרומענט.

די צוואַנג אָפּעראַציע מוז געברויכט ווערן נאָר כדי צו ברענגען אַ לעבעדיק, אונבאַשעדיקט קינד און אָן געפֿאַר פֿאַר דער מוטער, ווען די נאַטירלעכע געבורט איז אומעגלאַך אָדער שטעלט אין געפֿאַר די מוטער אָדער קינד.

די צוואַנג אָפּעראַציע, ווי דער אינסטרומענט אַליין, האָט הינטער זיך אַ שענדלעכע בלוטיקע געשיכטע. דאָס איז די אָפּטסטע מיסגעברויכטע אָפּעראַציע, אַממערסטן כדי שנעל צו פֿאַרענדיגן די אַנטבינדונג, וואָס וואָלט געקומען צו אַן ענדע אַף אַ נאַטירלעכן אופֿן, אָן קיין ריזיקע פֿאַר מוטער און קינד. אין געברויך פֿון די צוואַנגען און הויפּטזעכלאַך, ווען עס איז אַנגעווענדט צו פֿרי, איז אוממעגלאַך אויסצומיידן טיפֿע איינרייסונגען פֿון די געשלעכטס־טיילן און אָפֿט אונפֿאַרמיידלאַך צו באַשעדיקן דאָס קינד. עס איז דאַרום אַן אָפּעראַציע וואָס זאָל אויסגעמידן ווערן, ווען נאָר מעגלאַך. די אונפֿאַרטרעגלאַכע ווייטיקן פֿון אַנטבינדונג, ווי לאַנג זיי זאָלן ניט דויערן, זיינען אין קיין פֿאַרגלייך מיט דער קאָנסעקווענץ פֿון די איינרייסונגען, וואָס פֿאָלגען נאָך אַ צוואַנגס־אָפּעראַציע, און איבערהויפּט אַזאַ, וואָס ווערט געטאָן צו פֿרי.

די אָפּעראַציע פֿון איבערדרייען דאָס קינד

דאָס איז אַן אָפּעראַציע וואָס ווערט געמאַכט מיטן אַבזיכט צו איבערבייטן אַן אַבנאָרמאַלע לאַגע פֿון קינד אין דער געבער־מוטער ווי ווען אין אַ נאָרמאַלע לאַגע אָדער כמעט נאָרמאַלער.

מען מאכט די אָפּעראַציע אָדער פון דרויסן, מיט די הענט מאַניפּולירענדיק דעם קינדס קערפּער דורכ'ן בויך, אָדער אינערלאַך דורך אַריינגיין מיט איין האַנט אין דער געבער־מוטער. די ערשטע אָפּעראַציע איז לייכטער און ניט שעדלאַך, די אינערלאַכע אָפּעראַציע איז אָבער מער ערפּאָלגרייך.

מען דרייט אָפּט איבער דאָס קינד ווען עס ליגט אין קווער מיט די פיס אַראָפּ און דערנאָך ציט מען עס אַרויס. מען דרייט אויך אמאָל איבער דאָס קינד ווען עס ליגט אין א נאָרמאַלן צושטאַנד מיטן קאָפּ אַזוי אַז מען זאָל עס קענען אַרויסציען פאַר די פיס, ווען עס איז נויטיג צו פאַרענדיקן שנעל די אַנטבינדונג.

דאָס אַרויסציען פון קינד

דאָס ווערט געטאָן כמעט שטענדיק ווען אַן אינערלאַכע איבער־דרייאונג ווערט געמאַכט. אויך אין אייניקע פעלע ווען דאָס קינד גייט מיט די פיס. די אָפּעראַציע באַשטייט אין אַרויסציען דאָס קינד פאַר די פיסלאַך. דער אָפּעראַטאָר געברויכט ניט קיין אינסטרומענטן.

דער קייזערשניט

דאָס איז אַן אָפּעראַציע, ווען דאָס געבורט קומט פאָר ניט דורך דעם געבורט־קאַנאַל נאָר דורך אַ שניט אויפ'ן בויך און געבער־מוטער. די אָפּעראַציע ווערט געמאַכט אַממערסטן פון קינד'ס וועגן, כדי אַרויס־צונעמען אַ לעבעדיק קינד. די אָפּעראַציע ווערט שוין געמאַכט פאַר פילע הונדערטע יאָרן און עס איז געווים געמאַכט געוואָרן איידער צע־זאַר, דער רוימישער קעניג, איז געבאָרן געוואָרן און איז דאַרום ניט קיין ריכטיקער נאָמען. דיזע אָפּעראַציע באַגעגענט מען אויך בא איי־ניקע ווילדע שבטים.

דער קייזערשניט ווערט געמאַכט אין פאַלן, ווען דער בעקן איז זייער שמאָל, אַז קיין אַנדערע מיטל פון אַרויסנעמען דאָס קינד לעבעדיק דורכן געבורט־קאַנאַל איז אוממעגלאַך, אויך ווען דער געבורט־קאַנאַל איז פאַרשטעלט דורך אַ געשווילאַכץ.

עס איז אויך דאָ אַנדערע אָנווייזונגען פאַר אַ קייזערשניט. ווען

א פרוי האָט געהאַט איינמאָל אַ קייזערשניט, איז עס בעסער אין קאָמענדיקע שוואַנגערשאַפטן ניט צו וואַרטן ביז זי וועט אָנפאַנגען צו גיין צו קינד און מאַכן די אָפּעראַציע פאַראויס, ווייל עס איז דאָ אַ געפאַר, אַז די ווייען זאָלן צערייסן די געבער־מוטער אויפן פלאַץ פון פריערדיקן שניט.

קרייניאָטאָמיע, דאָס אויסליידיקן פון שאַרבן

דאָס איז אַ זעלטענע אָפּעראַציע, וואָס ווערט געמאַכט פון דער מוטערס־וועגן, ווען דאָס קינד איז טויט. דער קאָפּ פון דעם קינד איז אין אַזוינע פאַלן צו גרויס דורכצוגיין דורך דער מוטערס געבורט־קאַנאַל, אַ קייזערשניט וואָלט געווען צו שווער פאַר דער מוטער צוליב אַ טויטן קינד.

די אָפּעראַציע באַשטייט אין דעם, וואָס מען עפענט אויף דעם טויטן קינדס שאַרבן און מען ליידיקט עס אויס. דאַן קוועטשט מען דעם שאַרבן צוזאַמען און מיט אַן אינסטרומענט ציט מען דאָס קינד אַרויס פאַרן קאָפּ.

דער קינפּעט

דאָס קינד איז געבאָרן. דאָס אָרט איז אַרויס. די אונטערטראָג־לאַכע ווייען זיינען פאַריבער. די מוטער פילט זיך גליקלאַך, איצט קען זי רוען! און די מוטער פילט ווי צו רוען. פון אָט דער צייט פאַנגט זיך אָן דער קינפּעט.

דער קינפּעט איז אייגענטלאַך די צייט פון אָפּרוען זיך, צו אומ־קערן זיך צו דעם צושטאַנד פון פאַרן שוואַנגערן, פון ערהיילונג פון די אָרגאַנען, וואָס נעמען אַן אַנטייל אין שוואַנגערן און געבורט און וואָס ליידן אָפּט זייער פיל דורך די ניין מאָנאַטן פון שוואַנגערשאַפט. צו דעם פאַר־שוואַנגערענדן צושטאַנד קערט זיך דער מוטערס קערפּער אָבער ניט אום. די שוואַנגערשאַפט און געבורט לאָזן אָן אייביקן צייכן אויף איר קערפּער. דאָך אין צוויי־דריי טעג נאָך דעם געבורט פילט זיך די מוטער אויסגערוט פון דער שווערער אַרבעט ביים געבורט און די נאָכווייעניש גייען פאַריבער. דער ווייטיק פון די באַשעדיקטע גע־שלעכטס־אָרגאַנען פאַרשווינדט. אָבער ניט ביז זעקס אָדער אַכט וואָכן קערן זיך אום די געבורטס־אָרגאַנען צו אַ מער אָדער ווינציקער נאָרמאַלן צושטאַנד.

גלייך נאָכן געבורט קען מען אָנטאַפּן די געבער־מוטער אַלס אַ האַרטע קיילאַכדיקע מאַסע, אָדער אין דער פאָרם פון אַ באַר, וואָס דער־לאַנגט ביז דעם נאָפּל. אויף מאָרגן אָבער איז עס אַרויפגעשפּאַרט העכער דורך די אָרגאַנען, וואָס געפינען זיך אונטער דער פאַרגרעסער־טער געבער־מוטער, ווייל אָט די אָרגאַנען, נאָכן רוען פון אייניקע שטונדן ווערן צוריק עלאַסטיש. ביסלאַכווייז אָבער ווערט די געבער־מוטער קלענער און אין אַרום צוועלף טעג, קען מען זי מער ניט גע־פינען דורכן בויך.

די געבער־מוטער נאָכן געבורט וועגט אַרום צוויי און אַ האַלב פונט. דורך דער ערשטער וואָך פון קינפּעט פאַרלירט זי העלפט איר וואָג און אין אַכט וואָכן דערגרייכט זי איר געוויינלאַכע וואָג פון צוויי אונצעס.

מיט דער פארקלענערונג פון דער וואָג און מאָס פון דער גע־בער־מוטער, פארשווינדן די פילע בלוט־אָדערן, וואָס האָבן ערנערט דעם אייניקע הונדערט מאָל פארגרעסערטן אָרגאַן. אויך די אינער־לאַכע פלעכע פון דער געבער־מוטער, וואָס קוקט אויס נאָך איר ערלייי־דיקונג פון דעם קינד און פלאַצענטאַ, ווי איין גרויסע וואונד, פאנגט זיך אָן צו היילן. די געבערמוטער רייניגט זיך פון אַלעם וואָס איז פארבליבן אין איר. די צוזאַמענציִאונגען פון דער געבער־מוטער שטופּן אַרויס אַלץ וואָס איז פרעמד אין דער וואגינא אריין, פון וואַנען עס פליסט אַרויס אַלס געבורטס־פלוס און אין אַ צען טעג איז די געבער־מוטער באַדעקט פון אינווייניק מיט אַ נייער געזונטער הויט.

דערזעלבער היילונגס פּראָצעס גייט אָן אין דער שייד. אויך די וואונדן, וואָס זיינען פאַראורזאַכט דורך איינרייסן, היילן זיך שנעל.

דער צעצויגענער בויך ווערט שטייפער און קלענער, אָבער ניט אַזוי שנעל ביי די פרויען, בא וועלכע די מוסקעלן זיינען ניט שטאַרק, בא וועלכע דער בויך איז אָפּגעשוואַכט פון לאַנגן טראָגן פון קאָרסעטן, מאַנגעל פון איבונגען און דורך אָפטע שוואַנגערן.

פאַרוואַלטונג פון קינפּעט

נאָך דעם, ווי דאָס קינד איז געבאָרן, און דאָס אָרט איז אַרויס, און עס איז פעסטגעשטעלט, אַז דאָס אָרט איז אַרויס אינגאַנצן — איז די אויפגאַבע פונם אַקושאַר צו פאַרהיטן די מוטער פון קאָמפּליקאַציעס און דערמיט פאַרזיכערן איר שנעלע פאַרהיילונג.

די מוטער איז אָפּגערייניקט און אָפּגעוואַשן. אַ באַנדאַזש ווערט אָנגעטאָן אויף איר בויך און אַ סטיריליזירטע טוך באַדעקט די אויסער־לאַכע געשלעכטס אָרגאַנען. דער באַנדאַזש ווערט געמאַכט פון אַ שטייפן שטאַרקן לייוונט, ברייט גענוג צו באַדעקן דעם בויך. אַ לייכ־טער באַנדאַזש איז אויך אָנגעטאָן איבער די בריסט.

דערנאָך איז אַמבעסטן צו לאָזן די מוטער זיך אָפּרוען און אויסשלאָפן זיך.

אין די טעג פון קינפּעט, ווי אין דער צייט פון אנטבינדונג, מוז די הויפּט אויפמערקזאמקייט געגעבן ווערן צו פאַרהיטן די מוטער פון אינפעקציע. דערפאַר מוזן די צעריסענע און צעשעדיקטע גע־שלעכטס־טיילן געהאַלטן ווערן ריין. אַלץ, וואָס קומט אין באַרירונג מיט זיי מוז זיין סטעריליזירט, אַמווינציקסטן, ריין. קיינע אינער־לאַכע איינשפּריצונג טאָרן אין דער וואַגינא ניט געמאַכט ווערן, כדי אויסצומיידן דעם אריינפיר פון אינפעקטיווען מאַטעריאַל, וואָס קען ניט נאָר קומען פון דרויסן, נאָר אויך פון דער וואַגינא (שיידע) און קען אריינגעטריבן ווערן אין דער געבער־מוטער, וואָס איז ניט גע־וואונטשן. די אויסערלאַכע אָרגאַנען מעגן געוואַשן ווערן אייניקע מאָל אַ טאָג מיט געקאָכטע לעבלאַכע וואַסער.

דער קערפּער מוז אויך געהאַלטן ווערן ריין. אַ האַנטוך איינ־געטונקען אין דריי טיילן וואַסער און איין טייל אַלקאָהאָל קען באַנוצט ווערן צו רייניקן דעם קערפּער צוויי מאָל אַ טאָג.

דאָס וואַסער־לאָזן

די צעריסענע און אָנגעשוואָלענע אויסערלאַכע געשלעכטס־טיילן פאַראורזאַכן גאַנץ אָפט אַ שטערונג אין לאָזן דאָס וואַסער. עס איז וויכטיק אַכטונג צו געבן, אַז דאָס וואַסער זאָל ניט פאַרהאַלטן ווערן אויף אַ צו לאַנגער צייט. די פרוי זאָל פּרובירן לאָזן דאָס וואַסער אין (8) אַכט שטונדן נאָכ'ן געבורט. ווען דאָס וואַסער איז פאַרהאַלטן אַף פיל לענגער און די פרוי פילט שמערצן פון דעם צוצויגענעם וואַ־סער־פּענכער, מוז מען דאָס וואַסער אָפּצאַפּן. אָבער בעפאָר דאָס צאַפּן פון דעם וואַסער, וואָס קען פאַראורזאַכן אַן אינפעקציע, זאָל די פרוי פּרובירן אייניקע מאָל צו לאָזן וואַסער נאַטירלאַך, אפילו ווען זי מוז זיך אויפזעצן צו לאָזן וואַסער.

שטולגאַנג

שטולגאַנג דאַרף זיין אויפ'ן דריטן־פערטן טאָג. אויפ'ן דריטן

טאָג קען די פרוי נעמען ריצן־אויל, אָדער מאכן א קאַנע. דאָס לעצטע איז אָבער בא דיזער צייט אָפט שמערצלאַך.

דיעטע (דאָס עסן)

די ערשטע שטונדן נאָך דער אנטבינדונג, איז בעסער ניט צו שפייזן די קינפּעטאָרן. וואסער קען זי האָבן וויפיל זי וויל. ווען די קינפּעטאָרן פילט הונגעריק, קען מען איר געבן די ערשטע צוועלף שטונדן פליסיקע שפייז, ווי מילך, פרוכט־זאפטן און זופּ. נאָך צוועלף שטונדן מעג די קינפּעטאָרן עסן אלץ ווי געוויינלאַך. ווייל זי איז אין בעט און האָט ניט קיין באוועגונג דאַרף די קינפּעטאָרן ניט עסן פיל. מיט קלענערע מאָלצייטן וועט זי זיך פילן בעסער. פרישע פרוכט און גרינסן מוזן זיין א וויכטיקער טייל פון דער שפייז פון יעדער מוטער, וואָס זייגט א קינד.

דאָס פארלאָזן די בעט

צום סוף פון דער ערשטער וואָך איז ראטזאם די קינפּעטאָרן זאָל אָנפאנגען מאכן איבונגען ליגענדיק אין בעט. סיסטעמאטישע באַוועגונגען מיט די הענט און אויך מיט די פיס, אויב זי איז ניט געווען צוריסן ביי'ם „האָבן", און באוועגונגען מיט די הענט און פיס געגן א לייכטער ווידערשטאנד איז זייער ווירקזאם צו פארבעסערן די צירקולאציע פון די בלוטן, פארשטארקן די מוסקולן, איבערהויפּט פון בויך.

מיט דעם אָנפאנג פון דער צווייטער וואָך קען זיך די קינפּעטאָרן אויפזעצן אין בעט אף א שטונדע דורכ'ן טאָג. אף דעם נייִנטן טאָג קען זי זיצן אביסל אף א שטול. בא דעם צוועלפטן טאָג קען זי אָנפאנגען גיין איבערן צימער.

די וואָס האָבן געהאט א שווערן אנטבינדונג און זיינען געווען פיל אויסגעמאטערט דאַרפן זיין מער פאָרזיכטיק און ניט פארלאָזן די בעט צו פרי.

נאָכווייען

דאָס זיינען צוזאמענציאונגען פון דער געבערמוטער, וואָס רופן ארויס א ווייטיק. עס טרעפן אָפּט בא די, וואָס האָבן געהאט קינדער בעפאָר. אין ערשטן קינפּעט איז זעלטן צו האָבן נאָכווייענישן. און ווען די קינפּעטאָרן מיט דעם ערשטן קינד האָט עס — פארדעכטיקט מען אז עס איז פארבליבן עפּעס אין דער געבער־מוטער, ווי שטיקלאך היטלאך, בלוט, אז אן אינפעקציע איז מעגלאך.

נאָר אין פאלן ווען די נאָכווייענישן זיינען אונערטרעגלאך דארף עפּעס געטאָן ווערן צו פארלייכטערן די ליידן. די שמערצן האלטן אָן א פּאָר טעג.

די בריסט

צוועלף שטונדן נאָך דער אנטבינדונג ווערן די בריסט צוגעגרייט פאר דעם קינדס געברויך. מען וואשט זיי גוט ארום מיט ווארימע וואַסער און זייף. דערנאָך גיסט מען זיי אָפּ מיט געקאָכטע אָבער אָפּגעקילטע וואסער און מען לאָזט זיי אָפּטריקענען. א לויזן באנדאזש טוט מען אָן אום אויפצוהאלטן די בריסט.

דאָס קינד קען געזויגט ווערן יעדע פיר (4) שעה ביז די מילך קומט אריין אף דעם דריטן טאָג. בעפאָר יעדן זויגן דארפן די בריסט אָפּגעוואשן ווערן מיט לעבלאכע וואסער, וואָס דארפן געהאלטן ווערן אין א פארמאכטער פלאש.

דאָס זויגן

צוויי־דריי טעג נאָך דער אנטבינדונג פילן זיך אָן די בריסט מיט מילך. דאָס „אריינקומען" פון דעם מילך איז אָפט באַגלייט מיט אביסל שמערצן. די בריסט פילן זיך הייס, הארט און שווער. די פרוי אָבער פילט זיך אין אלגעמיין גאנץ גוט, האָט ניט קיין פיבער און ווען זי האָט א פיבער איז עס ניט צוליב די מילך. אין די ערשטע פּאָר טעג פון קינפּעט גיבן די בריסט ארויס א פליסיקייט באַוואוסט אלץ קאלאסטרום, דאָסזעלבע וואָס מען קען זען אין דער צייט פון שוואנגערן. די קאַ־לאסטרום האָט געווים באַשטימטע פונקציעס אין די ערשטע פּאָר טעג פון קינדס לעבן און דאָס קינד דארף עס קריגן. נאָר אויפ'ן דריטן־פערטן טאָג באַווייזט זיך א דין געלבלאַכע אָדער בלווילאַכע פליסיקייט, דאָס מילך.

די מילך באַשטייט פון 88 פּראָצענט וואַסער און 12 פּראָצ. הארטע שטאָפן. פון די זיינען דאָ 2 פּראָצענט פּראָטעאינען, 4 פּראָצ. פעט און קארגע 6 פּראָצ. צוקער. די מילך אנטהאַלט אויך אייניקע מינעראַלן, ווי אייזן, און פון דעם וויכטיקסטן אין דעם מילך זיינען די וויטאַמינען, וואָס לעצטנס זיינען זיי באַוואוסט צו האָבן אזא וויכ־טיקן איינפלוס אויפ'ן קערפּער; ענזימען, אזוינע כעמישע ברויז שטאָפן וואָס העלפן אין פילע הינזיכטן דעם קערפּער. מוטער מילך האָט אויך די אייגנשאַפט צו פארהיטן דאָס קינד פון אינפעקציעס פון פארשיידענע קראַנקהייטן.

ניט אימער האָט מילך אָבער די זעלבע קאָמפּאָזיציע, און ניט דיזעלבע מאָס איז צו געפינען בא אַלע מוטערס.

אזוי זיינען נערוועזע פרויען ניט קיין גוטע אַמען; אידישע, שוועדישע און יאַפּאַנעזישע פרויען האָבן א סך מילך; קליינע, דאַרע פרויען גיבן מער מילך ווי גרויסע פעטע אָדער מוסקולנע ווייבער; פרויען אין גוטען געזונט צושטאַנד האָבן בעסערע און מער מילך ווי שוואַכע, קראַנקע. די יאָרן פון דער פרוי האָבן א ווירקונג אויף דאָס מילך. הונגער האָט א ווירקונג צו פארקלענערן דעם מילך אוים־

פלוס. עמאָציאָנאַלע איבערלעבונגען האָבן אַ ווירקונג אויף דער מאָס און שטאַנד פון דעם מילך. אַ שטאַרקע עמאָציאָנעלע אויפטרייסלונג קען אַזוי איבערפירן די מילך, אַז עס קען פאַראורזאַכן פילע אַבנאָרמאַל־קייטן אין דעם קינד, ווי בויך ווייטיק, ברעכן, גרינע און לויזע שטול־גאַנג, קאָנוואָולסיעס א. ד. ג. אָדער אפילו אַ גאַנצן פאַרלוסט פון די מילך. מענסטרואַציע און שוואַנגערשאַפט האָט אַ שלעכטע ווירקונג אַף דאָס מילך. אייניקע שפּייזן האָבן אַ ווירקונג אין פאַרגרעסערן דעם אויספלוס פון מילך, הויפּטזעכלאַך פליסיקייטן. מעדיקאַמענטן קענען מאַכן די מילך שעדלאַך פאַר דעם קינד. אויך דער געברויך פון דעם קינד האָט אַ באַדייטנדע ווירקונג אויף דער מאָס מילך. וואָס מער דאָס קינד זויגט, אַלץ מער וועלן די דריזן אויסאַרבייטן.

מיט דעם פאַרשטיין פון די פאַקטאָרן וואָס ווירקן אויף די מילך פּראָדוצירונג איז מעגלאַך אָפּט צו פאַרבעסערן די קוואַנטיטעט און קוואַליטעט פון דעם מילך. פילע געטראַנקען, הויפּטזעכלאַך מילך, וועלן פאַרגרעסערן דעם אויספלוס. קיינע אַלקאָהאָלישע געטראַנקען זאָל אַ זויגעדיקע פרוי ניט טרינקען. גרינסן און פרישע פרוכט באַ־רייכערן די מילך מיט מינעראַלן און וויטאַמינען. דאָך זיינען דאָ אייניקע פרוכטן וואָס ווירקן ניט גוט אויף דאָס קינד דורך די מילך. אַזוינע שפּייז מוז די מוטער אויסמיידן צו עסן.

אַ זויגעדיקע מוטער מוז האָבן גענוג פרישע לופט און זון־שיין, גענוג איבונגען און אויך גענוג רו. דער מילך אויספלוס איז אויך אַ געוווינשאַפט. דאָס קינד מוז קריגן די ברוסט אין אַ באַשטימטער צייט. וואָס מער מען פאָדערט פון די מילך דריזן, אַלץ מער גיבן זיי אַרויס. אָפט איז נויטיק צו מאַסאַזשירן די בריסט צו סטימולירן דעם אויספלוס. דעם מאַסאַזש מאַכט מען מיט צוויי פינגער באַוועגנדיק צום ניפּל און מאַכנדיק די באַוועגונגען אין אַ צירקל. אין פאַלן ווען עס איז שווער צו אָנהאַלטן דעם אויספלוס פון מילך מיט די דערמאָנטע מיטלען וועט אַן עלעקטרישע ברוסט־פּאָמפּ געבן גוטע רעזולטאַטן. עס איז זעלטן ווען אַ מוטער מוז אויפגעבן דאָס זויגן צוליב מאַנגל אין מילך, ווען מען באַהאַלט זיך ערנסט באַם סטימולירן דעם אויספלוס.

געוויסע צושטאַנדן פון דער מוטער, ווי טובערקולאָזיס, בלוט אָרעמקייט, אַלגעמיינע שווערע קראַנקהייטן, אבנאָרמאַליטעט פון די בריסט א. ד. ג. פאַרווערן דאָס זויגן. אין אַזוינע פאַלן איז אַמבעסטן צו קריגן אַן אַם. אָבער ווען דאָס איז ניט מעגלאַך, מוז מען דאָס קינד נערן קינסטלאַך. אין פאַלן ווען דאָס קינד קען ניט זויגן, קען מען אָפּצאַפּן די מילך פון דער מוטער מיט א ברוסט־פּאָמפּ און נערן דאָס קינד מיט דעם.

מוטער־מילך איז א לעבעדיקע שפּייז פאַר דעם קינד, וואָס קיין אנדער שפּייז קען עס ניט פאַרבייטן. קיינער האָט קיין מאָראַלע רעכט צו באַרויבן דאָס קינד פון מוטער מילך. אין די פאַלן ווען א קינד איז געצוואונגען צו דערנערן זיך קינסטלאַך מוז מען דאָס באַטראַכטן אַלץ א גרויסן אומגליק פאַר דעם קינד. עס איז באַוואוסט אַז די שטערבלאַכקייט צווישן קינסטלאַך גענערטע קינדער פון ערשטן יאָר פון זייער לעבן איז פיל מאָל גרעסער ווי צווישן זויגנדע קינדער. קינסטלאַך גענערטע קינדער קרענקען פיל מער און פיל קינדער פאַרבלייבן פאַרקריפּעלט אויף זייער גאַנצן לעבן נאָר דערפאַר וואָס זיי האָבן ניט געקראָגן די ברוסט. די ווירקונג פון זויגן איז פילייכט ניט נאָר א פיזישע. עס איז ארויסגעזאָגט געוואָרן א געדאַנק, אַז א קינסטלאַך גענערטע קינד איז קיינמאָל קיין באַרימטער מענטש ניט געוואָרן.

דאָס זויגן פון דעם קינד האָט אויך א גוטע ווירקונג אויף דער מוטער. עס העלפט די געשלעכטס־אָרגאַנען אומצוקערן זיך צו זייער נאָרמאַלן צושטאַנד. דאָס זויגן פאַרשטאַרקט אויך דעם מוטערלאַכן אינסטינקט. עס פאַרהיט פיל פרויען, אָבער ווייט ניט אַלע, פון פאַרשוואַנגערן.

זאָל די מוטער זיך פאַרטראָגן ערנסט צו דעם זויגן פון קינד און זיך ווענדן צו קינסטלאַכע ערנערונגס מיטלען בלויז ווען קיין אנדער ברירה איז ניטאָ.

קינפּעט פיבער

קינפּעט איז די צייט פון אויסרוען זיך און ערהאָלן זיך פון דער אנטבינדונג, ווי שוין געזאָגט געוואָרן. אָבער דער קינפּעט איז אויך אמאָל די צייט פון געפערלאכע און שמערצלאכע פלאגן. די פלאגן קומען אָפט אונערוואַרטעט ,פילע מאָל נאָך אַן אונקאמפּליצירטע אנטבינדונג, און נאָך א נאָרמאַלער שוואַנגערשאַפט. עס קומט אין דער צייט ווען די מוטער איז אין אירע גליקלאכסטע טעג פון לעבן, ווען איר האַרץ איז פול מיט ליבע צו איר ניי־געבאָרן קינד און איר נשמה פול מיט פרייד און האָפענונג. דאָ מיינען מיר ניט די געוויינלאכע קראנקהייטן פון וועלכן די מענטשהייט ליידט און וואָס די קינפּעטאָרין קען גראָד באקומען אין דער צייט. מיר מיינען די ספּעציפישע פּלעגן פון קינפּעט באוואוסט אַלס „קינפּעט־ אינפעקציע" אָדער „קינפּעט־פיבער", ווי מען פלעגט עס פריער רופן.

און עס איז גאָר ניט אזא גרויסע זעלטענהייט צו באגעגענען אַט די קינפּעט קראנקהייט. ארום צוואנציק טויזנט מוטערס שטאַרבן יערלאך פון אנטבינדונגס קאמפּליקאציעס און קינפּעט־פיבער נור אין די פאראייניקטע שטאַטען. פון צוויי ביז צוועלף מוטערס פון יעדער טויזנט געבורטן, שטאַרבן פון קינפּעט פיבער. פילע טויזנטער פרויען פארבלייבן פארקריפּלט אף דער רעשט פון זייער לעבן פון אַט דער קרענק.

זינט מוטערס געבוירן קינדער פלעגן מוטערס שטאַרבן פון קינפּעט אינפעקציעס. נאָך אין מיטען פון לעצטן יאָרהונדערט פלעגן טרעפן גאנצע עפּידעמיעס פון קינפּעט אינפעקציעס, אזוי שרעקלאך ווי א מגפה פון פּאָקן אָדער כאָלעריע, און די קינפּעטאָרינס פלעגן שטאַרבן איינע נאָך דער אנדערער. זייער טרויעריק איז געווען דער שיקזאַל פון די מוטערס וואָס האָבן געהאַט דעם אומגליק געלעגן צו ווערן אין האָספּיטעלער, דאָ פלעגט די שטערבלאכקייט דערגרייכן צייטנווייז צו צוויי דריטל פון די מוטערס וואָס פלעגן דאָרט אנט־בינדעט ווערן. א מערקווירדיקע געשעהעניש האָט באמערקט א יונגער

אידישער דאָקטאָר פון אַ ווינער האָספּיטאַל אין די פערציקער יאָרן פון לעצטן יאָרהונדערט. אין יענעם האָספּיטאַל זיינען געווען צוויי אָפּטיילונגען. איין אָפּטיילונג, וואו די מוטערם פלעגן ארויסגעהאָלפן ווערן בא דער אנטבינדונג פון דאָקטוירים און אַ צווייטע אָפּטיילונג, וואו הויבאַמעס פלעגן העלפן בא דער אנטבינדונג. דער יונגער דאָקטאָר זעמעלוויים, האָט באמערקט, אז אין דער דאָקטאָרשער אָפּטיילונג איז די שטערבלאַכקייט פון די קינפּעטאָרינס איבער עלף פּראָצענט, ד. ה. אז פון יעדע ניין קינפּעטאָרינס פלעגט שטאַרבן איינע, אָבער אין דער אָפּטיילונג פון די הייבאַמס פלעגן נאָר שטאַרבן צוויי פּראָצענט קינפּעטאָרינס, אָדער איינע פון פופציק קינפּעטאָרינס. אלע אין שטאָט האָבן געוואוסט, אז אין דער דאָקטאָרשער אָפּטיילונג פון דיזן האָספּיטאַל איז אַ געווינערין ניט זיכער מיטן לעבן. אז אַ פרוי קומענדיק אין האָספּיטאַל פאַר אנטבינדונג פלעגט זיך דערוויסן אַז מען שיקט זי אין דער דאָקטאָרשער אָפּטיילונג, פלעגט זי בעטן רחמים מען זאָל זי אָפּשיקן צוריק אַהיים. און טאַקע אין דער היים איז די פרוי געווען פיל זיכערער מיט איר לעבן ווי דאָרט אין האָספּיטאַל, אונטער דער אויפזיכט פון דאָקטוירים. דער יונגער אידישער דאָקטאָר האָט אויך באמערקט אז די פרויען וואָס געבוירן אויפ׳ן וועג אין האָספּיטאַל ווערן ניט קראַנק; די וואָס האָבן שנעל און לייכט, און די דאָקטוירים האָבן ווינציק וואָס צו טאָן ארום דער קינפּעטאָרין, ווערן ווינציקער קראַנק; און די, וואָס זיינען אין ווייען פאַר אַ לענגערער צייט און פאַדערן מער הילף פון די דאָקטוירים שטאַרבן אָפטער. זעמעלוויים האָט אויסגערעכנט אַלע אומשטענדן, וועלכע האָבן און האָבן ניט קיין איינפלוס אויף דער קינפּעט קראַנקהייט און פאָלגענדע שטערבלאַכקייט און ער האָט פארשטאַנען, אז נאָר די „הילף" פון דאָקטאָר קען זיין די אורזאַך פון אָט דער קרענק. דערווייל האָט זיך געמאַכט, אז זעמעלוויסעס א פריינט, א דאָקטאָר, איז געשטאָרבן פון בלוט פארגיפטונג, וואָס ער האָט געקראָגן פון א שטאָך אויפ׳ן פינגער אין דער צייט ווען ער האָט געפּאַלמעסט אַ טויטן. ביים פּאַלמעסן דעם דאָקטאָר, האָט זעמעלוויים באמערקט, אז דער טויטער קערפּער איז ענלאַך צו די

קערפּערס פון די וואָס שטאַרבן אין קינפּעט. ער האָט פון דעם גע־דרונגען, אז די קינפּעטאָרינס שטאַרבן פון דער זעלבער קראַנקהייט, וואָס זיין פריינט דער דאָקטאָר איז געשטאָרבן. ער האָט אויך געדרונ־גען, אז די דאָקטוירים ביים אונטערזוכן די פרוי ברייננגען אריין אין דער פרוים קערפּער די שמוץ, וואָס רופט ארוים די קינפּעט פיבער, ווי דער שטאָך אויפן דאָקטאָרס פינגער האָט פאַראורזאַכט זיין קראַנק־הייט און טויט. נאָכדעם האָט זעמעלוויים איינגעפירט אין האָספּיטאַל, אז יעדערער וואָס האָט צו טאָן מיט א געווינערן זאָל גוט וואַשן זיינע הענט און רייניקן די נעגל פון די פינגער. די רעזולטאַטן זיינען געווען איבעראַשנדיקע. די שטערבלאַכקייט אפילו אין דער דאָקטאָרשער אָפּטיילונג איז געפאַלן נידעריקער פון צוויי פּראָצענט.

דאָס איז אָבער געווען א צו ראַדיקאַלע אנטדעקונג פאַר יענער צייט. בא יענער צייט האָט מען געדענקט אז קינפּעט פיבער איז פאַר־אורזאַכט דורכדעם, וואָס די קינפּעט אויספּלוסן ווערן פאַרהאַלטן, אָדער אז עס איז דער רעזולטאַט פון פאַרקילונג, א. ד. ג.

דר. זעמעלווייסעס פריינט און קאָלעגן האָבן זיך פון אים אויס־געלאַכט. זיי זיינען געווען צו קאָנסערוואַטיוו צו בייטן מיט אמאָל זייערע אַלטע מיינונגען. נישט קוקענדיק אויף דאָס אַלץ, האָט זעמעל־וויים דאָך באַשטאַנען אויף זיינס און האָט זיין גאַנצן לעבן אָנגעפירט די פּראָפּאַגאַנדע פאַר ריינלאַכקייט אין דער צייט פון אנטבינדונג און קינפּעט ביז ער איז ענדלאָך אראָפּ פון זינען און איז געשטאָרבן ניט אנערקענט.

כמעט אין דער זעלבער צייט, ווען דער אידישער דאָקטאָר זעמעלוויים האָט דורך זיין באַאָבאַכטן און שטודירן, זיך דערוואוסט וועגן די אורזאַכן פון קינפּעט־פיבער, האָט אן אנדער דאָקטאָר פון אן אנדער טייל וועלט ארויסגעזאָגט דעם זעלבען געדאַנק וועגן דער אור־זאַכע פון קינפּעט אינפעקציע. דאָס איז געווען דער אַמעריקאַנער פּאָעט און דאָקטאָר אליווער האָלמס. ער האָט אָבער געהאַט, ווייזט אויס, פיל ווינציקער איבערצייגונג און מוט צו פאַרטיידיקן זיינע באַשטעטיקונגען.

אורזאכן

פיל יאָרן נאָך דעם טויט פון די צוויי פּיאָנערן פאַר רייִנלאַכקייט, איז זייער טעאָריע באַשטעטיקט געוואָרן. אַלעמען איז יעצט באַקאַנט, אַז קינפּעט אינפעקציע איז אַ קראַנקהייט, וואָס קומט פון פאַרדאַרבן די אַנטבינדונגס וואונדן, און זעמעלוויים ראַט צו האַלטן זיך ריין ארום דער געווינערן איז געוואָרן דער הויפּט מאָטיוו און אַ געזעץ אין דער קונסט פון אקושעריי.

יאָרן לאַנג נאָך דעם טויט פון זעמעלוויים און האָלמס האָט מען ערשט אָנגעפאַנגען צו פאַרשטיין גענוי ווי די אינפעקציע פון קינפּעט קומט פאָר. זעמעלוויים טעאָריע איז געווען, אַז דער פיבער איז פאַראורזאַכט פון טויטע, צעפוילטע טיילן פון אַ לעבעדיקן וועזן וואָס דער אַקושאַר אָדער אַן אַנדערער טראָגט אַריבער פון אַ קראַנקען אָדער טויטן אין די וואונדן פון דער קינפּעטאָרן, ווען ער אונטערזוכט זי.

אָבער מיט דער אַנטוויקלונג פון באַקטעריאָלאָגיע, דער וויסנשאַפט וועגן מיקראָאָרגאַניזמען, די קלייניקע קוים זעבאַרע לעבעדיקע באַשעפענישן, איז באַקאַנט געוואָרן, אַז זעמעלוויים איז ניט געווען ווייט פון אמת. עס איז באַוואוסט געוואָרן די ראָל, וואָס די מיקראָ־אָרגאַניזמען שפּילן אין פאַראורזאַכן קראַנקהייטן. איצט איז באַוואוסט, אַז די מיקראָבן, וועלכע האָדעווען זיך אַזוי גוט אין קראַנקע און טויטע קערפּערס פאַראורזאַכן, ווען זיי פאַלן אויף אַ וואונד, קראַנקהייט, און אַז קינפּעט אינפעקציע — איז אַ וואונד אינפעקציע.

מיר מוזן דאָ אויך זאָגן, אַז די שולד פון אינפעקציע מוז ניט אינגאַנצן אַרויפגעלייגט ווערן אַף די קלייניקע אָרגאַניזמען. ווען די אינפעקציע קומט פאָר איז עס געוועגלאַך דערפאַר, וואָס די שעדלאַכע מיקראָאָרגאַניזמען זיינען געווען איינגעלאַדן אויף אַ צוגעגרייטן באָדן, איינגעלאַדן דורך אומוויסנהייט אָדער נאַכלעסיקייט.

מיר וועלן דארום באַטראַכטען איצט וואָס לאַדעט איין און פאַראורזאַכט די שוידערלאַכע אינפעקציע, דעם קינפּעט פיבער.

שוואַנגערשאַפט איז ניט קיין ערהאָלונגס מיטל פאַר פרויען. די

פרוי אין שוואנגערשאַפט ווערט אָפּגעשוואכט, פארלירט איר פעאיקייט צו ווידערשטיין קראנקהייטן, און נאָך מער, פאראורזאכט אייניקע קראנקהייטן, אייניקע שוואכקייטן. איבערהויפּט שוואכט אָפּ דער פרויס ווידערשטאַנד א קאמפּליצירטע שוואנגערשאפט, און וואָס שווערער די קאמפּליקאציע, אלץ אן ערגערע ווירקונג האָט עס אויף איר און אלץ מער ווערט פארקלענערט איר ווידערשטאַנד.

די אנטבינדונג האָט אויך וואָס צו זאָגן אויף דעם געזונט־צושטאַנד פון דער פרוי, די צעטרייסלונג פון דער שמערצלאכער אנט־בינדונג ווירקנדיק שטארק אָף דער קינפּעטאָרן. א צו לאנג־דויערענדע אנטבינדונג־פּראָצעס מאטערט פיל אוים. אויך אָפּעראַטיווע ארייננמי־שונג האָט אירע שלעכטע פאָלגען. שלעכטע צופאלן פון אנטבינדונג, ווי געפערלאכער בלוט־שטורץ,דאָס פארהאלטן פון דער פלאצענטא אָדער שטיקלאך פון דעם, מאכן מעגלאכער א פאָלגענדע אינפעקציע.

דאָס זיינען נאָר פּאָראויסזעצענדיקע אורזאַכן צו אינפעקציע, אזוינע וואָס מאכען מעגלאכער אן אנשטעקונג דורך דעם וואָס עס שוואכט אָפּ דעם קערפּערס ווידערשטאַנד־קראַפט. עס מוזען אָבער אויך זיין די דירעקטע אורזאכן פאר דער אינפעקציע. דאָס זיינען די מיקראָ־אָרגאניזמען וואָס רופן ארוים די קראנקהייט און די וועגן דורך וועלכע זיי ווערן אריינגעבראכט אין פארוואונדעטע געבורטס אָרגאנען.

עס זיינען דאָ פאלן, וואָס אין די געשלעכטס־אָרגאנען געפי־נען זיך פארשיידענע שעדלאכע אָרגאניזמען, וועלכע קוקן אָרוים אויף א געלעגענהייט אָנצופאנגען צו פארמערן זיך און ארויסווייזן אן אקטיווי־טעט. אזוינע פאלן זיינען אונפארמיידלאך, קענען ניט פאראויסגעזען ווערן און קענען זעלטן פארהיט ווערן.

מערסטע אינפעקציעס קומען אָבער פון דרויסן. די שעדלאכע מיקראָ־אָרגאניזמען ווערן אריינגעטראָגן אין דער געשלעכטס־אָרגאנען דורך וואָסער עס איז פארמיטלונג.

אָפט איז עס דער דאָקטאָר אָדער די הייבאם, דורך די אונטער־זוכונגען, וואָס ווערן געמאכט צו אויסגעפינען דעם גאנג פון דער אנט־בינדונג. א צימער וואָס איז פול מיט שעדלאכע מיקראָאָרגאניזמען קען זיין די דירעקטע אורזאך. אמאָל טרעפט אז די פרוי נעמט זיך א

באַד אָדער אַן איינשפּריצונג פאַר דער אַנטבינדונג, וואָס קען אַריינפירן אומריינע אינפעקטיווע וואַסער אין די געשלעכטס־אָרגאַנען. אויך קען מען אַנווייזן די שולד אויף דעם מאַן אין איינציקע פאַלן פון אינפעקציע, צוליב פאַרקער קערפּערלעך בעפאַר דער אַנטבינדונג, הויפּטזאַכלעך נאָך דעם צורייסן פון דעם וואַסער־פּענכער. און ענדלאַך קען זיך די פרוי זעלבסט אינפעקטירן דורך אַריינברענגענדי פאַראורזאַכנדע מיקראָבן אין די געבורטס־אָרגאַנען מיט אירע אייגענע הענט.

אימוניטעט

אין דעם מענטשלאַכן קערפּער, ווי אין דעם קערפּער פון יעדן לעבעדיקן וועזן, האָט די נאַטור באַשאַפן באַשטימטע מעכאַניזמען צו פאַרטיידיגן זיך פון יעדער געפאַר פון פאַרניכטונג.

אין דער פירונג פון דער נאַטור קען מען זען אַז אַלץ איז אָנגעווענדעט צו פאַרטיידיגן די מוטער ווי דאָס קינד אין דעם פּראָצעס פון רעפּראָדוצירונג.

מיטן אָנפאַנג פון שוואַנגערשאַפט ווערן אין דער מוטער געבאָרן נייע אינסטינקטן און געפילן און מיר באַמערקן נייע דערשיינונגען — אַלץ מיט איין אַבזיכט, דורכצופירן די שוואַנגערשאַפט צו אַן ענד מיטן קלענסטן שאָדן פון דער מוטער און קינד. דאָס איז ניט שטענדיק דערגרייכבאַר, אָבער דאָס איז די אַבזיכט פון דער נאַטור.

דאָס זעלביקע קענען מיר זען ווי די נאַטור באַמיט זיך צו פאַרהיטן די מוטער פון פאַל פון קינפּעט פיבער, ווי פון אַנדערע אינפעקציעס אין מענטשלאַכן קערפּער.

די צוזאַמענציהונגען פון דער געבער־מוטער נאָך דער אַנטבינדונג מעגן מיר אָננעמען אַלס אַ פאַרהיטונגס מיטל געגן אָנשטעקונג. עס פאַרווערט אויסערלאַבע קערפּערס פון אַריינדרינגען אין די אינערלאַבע געבורט־אָרגאַנען, עס וואַרפט דערמיט אַרויס אַלץ, וואָס האָט געקענט פאַרבלייבן אין דער געבער־מוטער און וואָס קען פאַראורזאַכן אַן אינפעקציע. די אַמניאַנישע פליסיקייט, די וואַסער וואָס פאַר־

טיידיקט דאָס קינד אין שוואנגערשאפט, דינט אויך אלץ א מיטל צו האלטן ריין די געבורטס־אָרגאנען. די אלגעמיינע ווידערשטאנד קראפט וואָס פארהיט אונז טאָג־טעגלאך פון אלערליי אָנשטעקונגען איז גילטיק אויך אין דער צייט פון אנטבינדונג.

לעצטנס איז אויך באוואוסט געוואָרן א נייע ביאָלאָגישע פאר־היטונג געגן אינפעקציע, א לאָקאלע אמוניטעט. עס איז יעצט באַוואוסט, אז מיט שוואנגערשאפט אנטוויקלען זיך ספעציפישע צעלן אין סטראטעגישע ערטער פון קערפער צו פארטיידיגן זיך פון אינפעקציע. נאָך מער, אָט די פארטיידיגונגס־צעלן ווערן פארשטארקט אין לאנג־דויערענדער אנטבינדונג און נאָך שטארקער באפעסטיקט פארן קאמפף ווען אן אינפעקציע עקזיסטירט. אין דעם קען מען זען די מי פון דער נאטור צו פארהיטן און פארטיידיגן דעם מענטשן פון געפארן, די ביאָלאָגישע פראָפילאקטיק, ווי די ביאָלאָגישע היילענדע רעאקציע פון דער נאטור.

ניט קוקנדיק אויף דעם אלעם זעען מיר דאָך פיל שטערבלאכע פאלן, אין וועלכע די נאטור אליין קען באשולדיקט ווערן, אָדער אלס א רעזולטאט פון פארברעכנס געגן נאטור.

באאָבאכטנדיק די וואונדערלאכע פראָפילאקטישע און היילענדע מיטלען פון דער נאטור, בלייבט אונז נאָר מיטצואַרבייטן און מיטהעלפן דער נאטור, אין אירע צילן פון פארהיטן און היילן אינפעקציע. נאָך וויכטיקער איז, ניט צו שטערן די נאטירלאכע כחות פון דער נאטור, וואָס איבט אויס אירע מיליאָנען־יאָרנדיקע דערפארונג אין דער פאר־טיידיקונג פון מענטשלאכן מין.

פארהיטונג

די שעדלאכע מיקראָבן קען מען געפינען אומעטום. סיי אין דער לופט, און סיי אויף יעדער זאַך, וואָס איז געוועזן ארויסגעשטעלט צו דער לופט. איבערהויפּט אָבער געפינען זיך מיקראָבן וואו עס איז פאראן שמוץ. א מיקראָב איז א לעבעדיקע באשעפעניש און נויטיקט זיך אין א באָדן וואו עס קען זיך ערנערן און מעגלאך מאכן דאָס פארמערן

זיך. און וואָס מער שמוץ אַלץ אַ בעסער באָדן, אַלץ מער שפּייז און פּלאַץ פאַר די מאָקראָבן צו פאַרמערן זיך. עס איז דאַרום וויכטיק, אַז אַלעס אין צימער וואו דאָס געבורט וועט פאָרקומען זאָל זיין ווי מעגליך מיקראָבן־לאָז. דאָס איז אייגענטלאך ריינקייט. ווי עס איז שוין פריער אָנגעוויזן געוואָרן, זאָל די געווינערין אַליין זיין ריין און אַלץ, וואָס קומט אין בארירונג מיט געשלעכטס־אָרגאַנען באלד בעפאָר דעם געבורט און נאָכ'ן געבורט — זאָל זיין סטעריל, ד. ה. מיקראָבנלאָז, ריין. די געווינערין זאָל האָבן אַ באָד אָבער ניט קיין איינשפּריצונג, ווייל די איינשפּריצונג קען אריינטרייבן די מיקראָבן טיף אין געבורט־קאנאַל, וואָס קען שפּעטער פאַראורזאכן די אינפעקציע. נאַטור האלט דעם געבורט־קאַנאַל סטעריל דורך אויסריינינגן פון אויבן אראָפּ און נאָר אין זעלטענע פאַלן איז עס נויטיק צו מאכן איינשפּריצונגען אין דער שייד (וואגינע).

די געווינערין אַליין פאראורזאכט אָפט אן אינפעקציע מיט אירע אייגענע הענט. אייניקע פרויען האָבן אַ טבע זיך צו אונטערזוכן און בכלל צו באַרירן די געשלעכטס־אָרגאַנען. אפילו ווען דער פרוים הענט זיינען ריין, קען זי אַריינפירן אין די אינערלאַכע געשלעכטס־אָרגאַנען מיקראָבן פון דרויסן. די פרוי טאָר ניט באַרירן די געשלעכטס־אָרגאַנען בעפאָר דעם „האָבן" און זיכער ניט אייניקע טעג נאָך דעם געבורט.

אויך דער אקושאר מוז זיין זייער פאָרזיכטיק. יעצט איז אָנגענומען, אַז קיין פאַראַנטוואָרטלאכער אקושאר וועט ניט מאכן קיין אינערלאַכע אונטערזוכונג אָן אַ ספּעציעלער פאָרבערייטונג פון דער פרוי און זיינע אייגענע הענט. מען פּראַקטיצירט דאַרום די אונטערזוכונג דורך דעם רעקטום פאַר געוועגלאַכע אונטערזוכונגען אין גאַנג פון דער אנטבינדונג. נאָר אין זעלטענע פאַלן איז נויטיק צו אונטערזוכן דורך דער וואגינע. די אונטערזוכונג פון רעקטום מיידט אויס די מעגלאַכקייט פון אינפעקציע און גיט דעם געניטן אקושאר די נויטיקע אינפאָרמאציע וועגן די אויסזיכטן און גאַנג פון דעם אנטבינדונג פּראָצעס.

מיר האָבן אָנגעוויזן אַז געשלעכטס־פאַרקער פאַר דער אנטבינ־

דונג קען פאַראורזאַכן אַן אינפעקציע. עס איז דארום אמבעסטן אויס־צומיידן געשלעכטס־פאַרקער דעם לעצטן מאָנאט פון שוואַנגערשאַפט און זיכער קיין פאַרקער זאָל ניט פאָרקומען נאָך דעם פאַרלירן פון די וואַסער.

נאָך דער אַנטבינדונג איז עס נויטיק צודעקן די געשלעכטס טיילן מיט אַ סטעריליזירטער טוך אום ניט אַריינלאָזן קיינע שמוץ. קיינע באַרירונג פון די טיילן און קיינע איינשפּריצונגען, אויסער אין זעלטענע פאַלן, זאָלן ניט געמאַכט ווערן נאָך דער אַנטבינדונג.

דיאַגנאָז

ווען די קינפּעטאָרן פאַנגט אָן צו האָבן פיבער צווישן דריטן און פינפטן טאָג — איז עס דער ערשטער און וויכטיקסטער סימפּטאָם, אַז זי האָט קינפּעט אינפעקציע. דער פיבער קען אויך זיך אָנפאַנגען גלייך נאָך דער אַנטבינדונג אין זעלטענע פאַלן און אָנהאַלטן הויך ביזן טויט אָדער דורך דער צייט פון אַ לאַנג־דויערנדן פּראָצעס פון דער־הוילן זיך. געוויינטלאַך אָבער פאַרגרעסערט זיך די טעמפּעראַטור ביסלאַכווייז, אָנפאַנגענדיק זיך נאָך דעם דריטן טאָג מיט אַ טעמפּעראַטור פון איבער 100 פאַרענהייט (38 סענטיגראַד) און דויערנדיק אַ דריי ביז פינף טעג ביז דער פיבער דערגרייכט איר העכסטן גראַד. עס זיינען דאָ דערביי אַנדערע, ניט שטענדיקע סימפּטאָמען, וועלכע אונ־טערשיידן זיך מיט דעם סאָרט פון אינפעקציע, אָדער מיט דעם געוויסן טייל וואָס איז אינפעקטירט, די אַנדערע אָפטע און וויכטיקע סימפּ־טאָמען זיינען: וואַרפן אין קעלט, שנעלער פּולס, אַבנאָרמאַלער אויס־פלוס פון די געשלעכטס אָרגאַנען, ווי צופיל אויספלוס אָדער אַבוועזנ־הייט פון אויספלוס, ווייטיק אין בויך, און אַ צוצויגענער האַרטער בויך, ברעכן און פאַרלוסט פון אַפּעטיט, קאָפּווייטיק, שלאָפלאָזיקייט, שוויצן און אַ שלעכטער ריח פון מויל.

דער קינפּעט פיבער ווערט קלאַסיפיצירט נאָך דעם גליד וואָס ווערט אינפעקטירט. אזוי, אונטערשיידט מען די פאָלגענדע טיפּען: אינפעקציע פון דער וואַלווא, וואָס קוקט אויס גרין־געל מיט פיל מאַ־

טעריע, וועלכע רינט איבער די פארנייטע טיילן. אינפעקציע פון דער געבער־מוטער — די אָפטסטע קינפעט אינפעקציע. די אינפעקציע פאנגט זיך דאָס רוב אָן פון דעם האלז פון דער געבער־מוטער, וועלכע ליידט אָפט פון דער אנטבינדונג, הויפטזעכלאך אין קינסטלאכער אנט־בינדונג. מוטער־רערן אינפעקציע, וועלכע איז דאָס רוב פאראורזאכט דורך גאָנאריע. אינפעקציע פון בויך־הויט וואָס באדעקט די געבער־מוטער און דאָס אינערלאכע פלאכע פון בעקן און אויך אינפעקציע פון די געוועבן וואָס זיינען באלד אונטער דער בויך־הויט.

מילך־פוס, דאָס רוב די לינקע פוס ווערט אָנגעשוואָלן, זעט אויס ווייס, און ווערט הארט. אהער באלאנגט אויך בלוט־פארגיפטונג אלס א פאָלגע פון אנשטעקונג אין דער צייט פון אנטבינדונג אָדער אין קינפעט.

די פיגור אויפהאַלטונג

קיין זאך איז ניט אזוי אבשטויסנד אין א פרוי, ווי א גרויסער צוצויגענער אָדער איבערפאַלענדער בויך. אין דער צייט, ווען מאָדעס און בכלל עסטעטיק ווערט פּאָפּולאַר, ווערן אריינגעדרונגען אין דער סאמע גדיכטעניש פון פאָלק, מוז די פאַרהיטונג פון דעם נאָך־שוואַנגערענדן בויך זיין א וויכטיקע אויפגאבע פון יעדן אקושאר אן די מיטלען פאר דעם צוועק אנטוויקעלט און באקאנט געמאכט ווערן פאר יעדער מוטער. די מאָדערנע פרוי, אפילו נאָך דער הייראַט, וועט אָפּפערן זייער פיל, אָנצוהאַלטן איר שיינקייט, איר יונגן אויסזען און געזונטן צושטאַנד. און דאָס איז טאקע ניט נאָר אן עסטעטישע אויפגאבע, נאָר אויך א געזונטס באדינג.

א צוצויגענער, פארגרעסערטער אָדער אריבערגעפאַלענער בויך נאָכן שוואַנגערן איז א רעזולטאט פון צוצויגענע און אָבגעשוואכטע מוסקולן פון בויך. דער שאַדן וואָס דער צושטאַנד פון די מוסקולן פאַראורזאכט איז גרויס. געזונטע בויך מוסקולן האַלטן אויף די געדערים און דערמיט העלפן זיי די פארטיילונג פון נאָרמאַלן דרוק אף די אינערלאַכע אָרגאנען און דערמיט זייער נאָרמאַלע פונקציאָנירונג. די נאָרמאַלע פעריסטאַלישע באוועגונגען פון מאָגן און געדערים ווערן געהאָלפן. די פאַרדייאונג פון שפייז אין מאָגן און די געדערים ווערט געהאָלפן און די ווירקונג פון שטאַרקע מוסקולן אף די געדערים אין דעם פּראָצעס פון אויסליידיקן איז פארשטארקט, א וויכטיקע אויפגאבע אין פארהיטן א פאַרשפּרייטן פעלער — פארשטאָפּונג.

דער גרויסער, צוצויגענער און איבערפאַלענדער בויך וואָס קומט נאָכן שוואַנגערן איבט אוים אן איינפלוס אויף דער גאנצער פאָרם פון דער פרוי אויף דער אלגעמיינער סטרוקטור פון קערפּער, אן עסטעטישן ווי אן אלגעמיין געזונטס איינפלוס. אזוי ווערט דער רוקן פון דער פרוי איבערגעבויגן אין פאָראויס. אום צו באַלאַנסירן מוז די פרוי איבערבייגן די אקסלען אויף הינטן און איינבייגן דעם קאָפּ פאראוים. דאָס איז אומגעפעהר דאָס זעלבע האלטן זיך ווי אין שוואַנגערן; אויך אין

דעם שוואנגערנדן פעריאָד קענען גוטע שטאַרקע בויך מוסקולן פאַר־קלענערן דאָס ברעכן פון דער פיגור. דאָס האלטן זיך וועט ארויס־רופן נאָך איבלען, ווי א געוויסע ווירקונג אויף די אויגן און ברוסט קאַסטן.

די מיטלען פון פארהיטונג זיינען פשוט'ע:

באַלד נאָך דער אויסליידיגונג פון דער געבער־מוטער מוז א שטייפער באנדאזש איבער דעם בויך אָנגעטאָן ווערן. דאָס פארהיט די מוסקולן ווידער צוצויגן צו ווערן פון גאזן אין די געדערים און פון דער געבער־מוטער וועלכע איז נאָך אַלץ גרויס.

צום סוף פון דער ערשטער וואָך קען זי אָנפאַנגען אַזוינע לייכטע איבונגען, ווי פרייוויליקע באוועגונגען מיט דעם בויך ארויף און אראָפּ. כדי צו מאכן ווירקזאמער די באוועגונגען קען זי ארויפלייגן אויף דעם בויך איר האנט, אָדער א לייכטן בוך אָדער א בויגן פּאַפּיר. די קני דאַרף זיין אויפגעהויבן און דער גאנצער קערפּער לויז. די באוועגונגען דאַרף מען אָנפאַנגען מיט פינף מינוטן צוויי מאָל א טאָג און שפּעטער פאַר־לענגערן ביז 10 מינוטן.



פיגור 36. בויך באוועגונג.

צו דעם צענטן טאָג קען די פרוי פּראַקטיצירן אויסער די פריי־וויליקע בויך־באוועגונגען די פאָלגענדע איבונגען:

ליגנדיק אין בעט, די פיס אויסגעצויגן און די הענט פארלייגט אויף דער ברוסט, באמיען זיך אויפצוהויבן דעם קאָפּ און אַקסלען פון בעט, ניט אויפהויבנדיק די פיס פון בעט. די ארבייט פון אויפהויבן

דעם קאָפּ און די אַקסלען ווערט געטון פון די בויך מוסקולן. די איבונג פּראַקטיצירן צו צען מאָל צוויי מאָל אַ טאָג.

דאָס איז זייער אַ ווירקזאַמע איבונג פאַר דאָס פאַרשטאַרקן די בויך מוסקולן און עס איז ראַטזאַם אָנצוהאַלטן עס לאַנג נאָך דער אַנט־בינדונג און נאָך בעסער — אַ גאַנצן לעבן.



פיגור 37. בויך וויגונג

פּאָזיציע: ליגן פלאַך אַפן בויך אויפהויבנדיק הענט, קאָפּ און פיס אין דער לופט.

באַוועגונג: אויפהויבן אויבערשטן טייל קערפּער און דערנאָך אונטערשטן, אַזוי וויגנדיק זיך.

דאָס זיינען איבונגען צו פאַרשטאַרקן די מוסקולן פון מיטן פון בויך. פאַר דער פאַרשטאַרקונג פון די זייטיקע מוסקולן קען די פרוי באַנוצן זייט־בויגענדע איבונגען, נאָכדעם, ווי זי גייט אַרויס פון בעט.

די אַנדערע איבונגען וואָס זיינען דאָ אילוסטרירט וועלן פיל באַהילפיק אין פאַרשטאַרקערן דעם בויך און מיט דעם מיטהעלפן אין אויפהאַלטן די פיגור.

אַרויסגייענדיק פון קינפּעט מוז די מוטער אכטונג געבן אויף איר דיעטע אויסצומיידן פאַרשטאָפּונג. דאָס אָנזאַמלען פון גאַזן אין די געדערים, ניט טראָגן קיין קאָרסעט און אָנהאַלטן טעגלאַך גימנאַס־טישע איבונגען.



פיגור 38. זייט־בייגונג און קערפּער־דרייאונג

פּאָזיציע. דעם קערפּער גלייך, מיט די פיס באַזונדער, אָרעמס אויסגעשפּרייט.

באַוועגונג. דרייען דעם קערפּער אַף הינטן און צו לינקס, פּרובערנדיק אָנרירן די לינקע פּיאַטע, מיט דער רעכטער האַנט איינבויגנדיק זיך פאַראויס. די קני דאַרף מען ניט בויגן; די הענט זאָלן בלייבן אויסגעשטרעקט, ווי צום אָנפאַנג. אויסגלייכן זיך, אויסדרייען דעם קערפּער פאַראויס. די זעלבע באַוועגונג צו דער אַנדערער זייט. 5 מאָל צו יעדער זייט.



פיגור 39. פאראויסבייגונג

פאָזיציע. שטיין גלייך, פים צוזאמענגעבויגן
באוועגונג. בייגן זיך פאראויס און אויסגלייכן זיך. 10 מאָל.



פיגור 40-41. קני־עלענבויגן באוועגונג

פאָזיציע. שטעלן זיך אף די קני און אָנגעלענט אף די עלענבויגנס. (פיג. 40)
באוועגונג. בייטן איין פוס נאָך דעם אנדערן אויסציענדיק אויך
דעם קערפער. (פיג. 41)



פיגור 42. קני־ברוסט פּאָזיציע

די פּאָזיציע העלפט די אינערלאכע ארגאנען אננעמען זייערע נאָרמאלע לאגעס, העלפט די צירקולאַציע פון בלוט אין בעקן און האָט א ווירקונג אף פאר־שטאַרקן די בויך־מוסקולן 5 ביז 10 מינוט יעדן טאָג פארן שלאָף, פאר־בלייבנדיק אין בעט.

קראנקהייטן

פונקציאָנעלע אבנאָרמאלקייטן

דיסמענאריע

די מענסטרואציע איז די ערשטע פיזיאלאָגישע פונקציע פון די געשלעכטס־אָרגאנען וואָס באווייזט זיך בא דער פרוי. דאָס קען דערפאַר גענוצט ווערן אַלס אַ מאָס צו באַשטימען די אבנאָרמאלע טע־טיקייט פון די געשלעכטס־אָרגאנען.

זייער ווינציק פרויען פון אונזערע צייטן פילן זיך גוט אין די מאָנאטלאכע. נאָר אַ דריטל פון אַלע פרויען פילן זיך מער אָדער וויי־ציקער אנגענעם אין אָט דער צייט. ארום איין דריטל פילן נאָר לאָקאַלע, ניט געפערלאכע אומאנגענעמלאכקייטן. פאַר ארום 15 פּראָצענט אָבער זיינען די מאָנאטלאכע אַזוי שווער, אז עס איז זיכער אַ פּאַטאָ־לאָגישע דערשיינונג.

די סימפּטאָמען פון דיסמענאריע זיינען פארשיידן אין כאַ־ראקטער און אין שטארקייט.

לאָקאַלע שמערצן קומען פון דער צעזאמענציאונג פון דער גע־בער־מוטער. די ווייטיקן קומען און גייען אוועק אין קורצע איבער־רייסונגען. זיי פאַנגען זיך אָן גאַנץ לייכט און ביסלאַכווייז צעשפּילן זיי זיך אַזוי, אז די פרוי קייקלט זיך פון זייט צו זייט אין בעט, מיט פיס צעזאמענגעצויגן אין אַגאָנישע שמערצן אין בויך וואָס גייען צום קרייץ־ביין. די ווייטיקן קומען בא אייניקע פרויען אַ טאָג אָדער צוויי פאַר דער צייט, בא אַנדערע — דורך דער צייט.

צוזאמען מיט די שמערצן איז אָפט צו באַגעגענען אַנדערע פּאַטאָלאָגישע דערשיינונגען. אממערסטן זענען דאָס נערוועזע צו־שטאַנדן. אָבער זיי זענען אָפט אַזוי שווער, אז די פרוי זאָגט זיך אָפּ פון יעדע נויטווענדיקייט. מען באַגעגנט פרויען וואָס געפינען זיך ווי אין אַ צושטאַנד פון חלשות (קאמא) פאַר אַ טאָג אָדער צוויי, ניט רע־אגירנדיק אַף קיין זאַך וואָס קומט פאַר ארום זיי, ניט ענטפערנדיק ווען מען רעדט צו זיי, און זייענדיק אָן שפּייז די גאַנצע צייט.

אָפטע סימפּטאָמען זיינען: נודען און ברעכן, קאָפּ־ווייטיק,

קאָפּ־דרייעניש, פּסיכישע אבנאָרמאלע דערשיינונגען, ווי היסטעריע, מעלאנכאָליע א. ד. ג.

מיידלאך און פאַרהייראטע פרויען, וואָס האָבן ניט געבאָרן קיין קינדער ליידן אָפטער פון דער דיסמענאָריע. די פאַלן פון שמערצן מיט די מאָנאטלאכע, וואָס קומען אָן נאָך דער חתונה זיינען דאָס רוב פּאַ־טאָלאָגישע צושטאנדן פון דער געבער־מוטער, וואָס איז א רעזולטאט פון אינפעקציע. די אמת'ע פאַלן פון דיסמענאָריע פאנגען זיך אָן מיט די ערשטע מאָנאטלאכע. אָפט אנטוויקעלט עס זיך ביסלאכווייז, אָנקומענדיק שטארקער מיט יעדער מענסטרואציע.

די אורזאכן פון דיסמענאָריע זיינען ניט פעסטגעשטעלט, אמאָל האָט מען געדיינקט, אז דאָס איז פאַראורזאכט דורך אָן אָבסטרוקציע, פאַרשטאָפּונג פון דעם מוטער־קאַנאַל. די מיינונג האָט מען אָבער יעצט פאַרוואָרפן, ווייל עס זיינען דאָ פיל פרויען מיט דער קלענסטער עפענונג פון מוטער־קאַנאַל, וואָס ליידן גאָר ניט פון דיסמענאָריע און אפילו באמערקן ניט די מענסטרואציע. די אָנגענומענע מיינונג איז יעצט, אז עס איז פאַראורזאכט דורך דער צוזאמענציאונג פון דער גע־בער־מוטער, וואָס עס קומט שטענדיק פאָר אין דער צייט פון די מאָנאט־לאכע. פרויען מיט נאָרמאלע געשלעכטס־אָרגאנען און מיט א נאָר־מאלער נערוון סיסטעם ליידן ניט פון דער צוזאמענציאונג פון דער געבער־מוטער. די וואָס זיינען אבנאָרמאל אין די הינזיכטן פילן זוי זיי וואָלטן דורכגעמאכט אָן אנטבינדונג.

די באהאנדלונג פון דיסמענאָריע איז זעלטן ערפאָלגרייך. ערשטנס דערפאַר, וואָס אין מערסטע שלעכטע פאַלן פון דיסמענאָריע זיינען די אורזאכן צו נאָענט צוזאמענגעבונדן מיט דער אלגעמיינער סיסטעם און הויפטזעכלאך נערוון סיסטעם פון דעם פּאציענט, צווייטנס — איז שווער אָפט צו באַוועגן די נערוועזע פרויען צו טאָן דאָס נויטי־קע, הויפטזאכלאך צווישען די מאָנאטלאכע, ווען זיי זיינען פריי פון די שמערצן.

די פרוי, וואָס ליידט פון דעם צושטאנד מוז באוועגט ווערן צו פירן א נאָרמאלן, רואיקן לעבן, אָן קיינע עמאָציאָנעלע אויפרעגונגען,

אויסמיידן ווי מעגלאַך סעקסועלע אויפרעגונג, ווען עס קען ניט באַ־פרידיקט ווערן, אָנהאַלטן אין ערנערנדע דיעטע אויסמיידנדיק אַלץ וואָס קען אויפרעגן, ווי פעפער, צופיל זאַלץ א. ד. ג. ניט ברויכן קיינע אַלקאָהאָלישע געטראַנקן און טאַבאַק. צווישן די מאָנאַטלאַכע זאָל זי זיך באַשעפטיקן מיט פיזישע איבונגען און געניסן פרישע לופט טעגלאַך, ווי שפּאַצירן אין פעלד, שווימען און גימנאַסטיק. אין דער צייט פון די מאָנאַטלאַבע זאָל זי רוען, זאָל אויפנעמען אַ לייכטע דיעטע, אָנטאָן זיך לייכט, גיין פרי שלאָפן און אויסמיידן יעדע נערוועזע אָנ־שטרענגונג.

כירורגישע מיטלען זיינען אַמאָל נויטיק. עס זיינען אָבער דאָ פאַלן, וואָס נאָר דער קלימאַקטאָריום וועט זיי ראַטעווען פון די שמערצן.

מענאָראַגיע

מענאָראַגיע איז אַ פאַרגרעסערונג אָדער פאַרלענגערונג פון דעם נאָרמאַלן אויספלוס פון די מאָנאַטלאַכע. עס איז דאָס רוב שווער צו אונטערשיידן פון נאָרמאַלן ביז אומנאָרמאַלן אויספלוס. די פרוי קען אָבער באַמערקן דעם אונטערשייד, ווען דאָס קומט פאָר. ווען אָבער די מאָנאַטלאַכע דויערט איבער דער געוויינלאַכער צייט בא אַ פרוי פון יוגענד אָן, אָדער דער אויספלוס איז שטענדיק פיל און די פרוי איז געזונט, מוז עס אָנגענומען ווערן אַלס אַ נאָרמאַלע דערשיינונג.

די אורזאַכן פון מענאָראַגיע קענען זיין לאָקאַלע צושטאַנדן פון דער געבער־מוטער, ווי אָנצינדונג פון דעם גליד, פאַליפּן א. א., און קאָנסטיטוציאָנעלע קראַנקהייטן ווי בלוט־אָרעמקייט, טובערקולאָז, פאַר־גיפטונג פון אַלקאָהאָל און בליי, א. א. וו.

מענאַראגיע רופט ארויס אַ צושטאַנד פון כראָנישער בלוט־אָרמקייט, פיזישע און גייסטיקע שוואַכקייט.

די באַהאַנדלונג באַשטייט אין באַזייטיקן די לאָקאַלע אורזאַכן און באַהאַנדלען די קאָנסטיטוציאָנעלע קראַנקהייט.

אבסאָלוטע רו, פרישע לופט און גוטע דיעטע איז זייער וויכ־טיק. הייסע איינשפריצונגען און טאמפּונס העלפן אין דעם פאַל.

וויקארישע מענסטרואציע

דאָס איז אן אבנאָרמאלער צושטאַנד פון די מאָנאטלאכע פּעריאָדן, וואָס קומט פון אן אונרעגעלמעסיקייט פון דער סעקריציע פון די אינערלאכע דריזן, אָדער פון זייער ווירקונג אויף די בלוט צירקולירנדע אָרגאנען, וואָס פאַראורזאכן א לאָקאלן אויספלוס פון בלוט אין פארשיידענע טיילן פון קערפּער. אָט די דערשיינונגען אָפּט פאר־בייטן דעם בלוט אויספלוס פון דער געבער־מוטער. אָבער קען אויך אקאָמפּאנירן דעם געוועגלאכן בלוט אויספלוס.

די אָפטסטע בלוט־אויספלוס איז פון נאָז, דאַן קומען אנדערע מאניפעסטאציעס אין פארשיידענע טיילן: די אויגן, די בריסט, דער מאָגן, דער אָטעם־אַפּאַראַט און אנדערע.

אַמענאריע

דאָס איז טיילווייזער אָדער גאנצער פארלוסט פון די מאָנאט־לאכע אויספלוסן בא פרויען אין דער צייט פון זייער סעקסועלער אקטי־וויטעט. דער צושטאַנד קען אָנקומען ביסלאכווייז, ווערנדיק ווינציקער יעדן מאָנאט, אָדער אויפהערן מיט אמאָל, אָדער די מאָנאטלאכע האָבן זיך קיינמאָל ניט באוויזן. צוזאמען מיט אמענאָריע קענען זיך באווייזן אנדערע סימפּטאָמען, ווי דאָס פארלוסט פון סעקסואלן אפּעטיט, אן איבערבייט אין קול און אויסזען און דאָס שנעלע פעט ווערן.

אמענאריע איז אמאָל א פאָלגע פון שארפע אינפעקטיווע קראנק־הייטן, וואָס צו שטערן די אווארים און אנדערע שארפע קראנקהייטן וואָס שוואכן אָפּ, א צופעליקע זאך אין פילע כראָנישע קראנקהייטן, ווי אין מאָגן און הארץ קראנקהייטן, טובערקולאָזיס, נערוון קראנקהייטן, אין גייסטיקע צושטאַנדן, אין פארגיפטונגס פאלן דורך מאָרפין, אל־

קאהאל און אנדערע גיפטן. און פאלן, וואס פאראורזאכן גרויסע עמאציאנעלע צוטרייסלונגען, ווי שרעק, אן אויסערגעוויינלאכע קאטאסטראפע, נייעס וועגן טויט פון א נאענטן פריינט, אן איבערראשענדע פרייד, שרעק פאר שוואנגערן און גרויסער פארלאנג פון שוואנגערן, און אויך איבערבייט פון קלימאט. עס קומט אויך פון פארקילונג, ווי איינגעצן די פיס, קאלטע בעדער און קאלטע איינשפריצונגען. עס טרעפט אויך נאך כירורגישע אפעראציעס, ווען די אווארים ווערן ארויסגענומען אין דער צייט פון סעקסועלע אקטיוויטעט.

אמענאריע איז פיזיאלאגיש אין דער צייט פון שוואנגערשאפט, אין דער צייט פון זויגן, און אף דער עלטער, נאכ'ן פעריאד פון סעקסועלער אקטיוויטעט.

אמענאריע פאראורזאכט אפט שווערע ווייטיקן אין בויך ראס איז דאס רוב ווען די אבוועזנהייט פון די מאנאטלאכע איז צוליב אן אבסטרוקציע וואס פארהאלט דעם בלוט־אויספלוס. דער פאציענט פילט די שמערצן פון אנקומענדער מענסטרואציע, אבער דאס בלוט באווייזט זיך נישט. אנדערע סימפטאמען וואס באגלייטען אמענאריע זיינען, שמארצונג פון דער וואלווא, אויפרעגונג פון וואסער פענבער, פלאמונג פון פנים, הארץ־קלאפעניש, שלאפלאזיקייט, נערוועזיטעט און פילע אנדערע.

די אויסזיכטן פון שנעלער ווידער איינשטעלונג פון דער מענסטרואציע זיינען גוט אין מערסטע פאלן, ווען די אווארים זיינען ניט צושטערט. אין אבסטרוקטיווער אמענאריע מוז מען באזייטיקן די אבסטרוקציע דורך כירורגישע מיטלען. ווען עס איז פאראורזאכט דורך כראנישע קאנסטיטוציאנעלע קראנקהייטן מוז מען באהאנדעלט ווערן פון דער פאראורזאכענדער קאנקהייט. אין אנדערע פעלע קערט זיך די מענסטרואציע אום אין א קורצער צייט.

די מיטלען, וואס מען קען געברויכן ארויסצורופן די מאנאטלאכע אין פאלן פון צייטווייליגער אבוועזנהייט זיינען הייסע בעדער, הייסע זיץ און פוס בעדער, הייסע איינשפריצונגען אין דער שיידע, מאסאזש א. ד. ג.

סטערילִיטעט

געבורט קאָנטראָל, די באַגרענצונג פון געבורט, איז א ברענענדע פראגע היינט צו טאָג. סטעריליטעט, פרוכטלאָזיקייט, די אומפייאיקייט פון געבערן איז אָבער זייער א שמערצלאכע פראגע בא פיל פארהייראטע פּאָרלאַך. יעדער פּראקטיצירענדער דאָקטער טרעפט פיל פון די ליידענדע פרויען און באַגרייפט די גייסטיקע שמערצן פון דער קינדער־לאָזער פרוי. אין פארגלייך מיט די, וואָס זוכן אבאָרטן און פארהיטונג פון שוואַנגערשאַפט פארדינט די קינדערלאָזע פרוי פיל מער סימפּאטיע. זי מאַכט א פיל שווערערן איינדרוק אוּף איר באַאָבאַכטער, רופט ארויס א פיל גרעסערן געפיל מצד דעם דאָקטער איר צו העלפן, אָבער, צום באַדויערן, קען זי פיל ווינציקער געהאָלפן ווערן.

און זיי זיינען דאָ פיל. מען רעכענט, אז פון צען פארהייראַטע פּאָר־פּאָלק איז איין פּאָר־פּאָלק קינדערלאָז. דאָס פארשטייט זיך אונטערשיידעט זיך בא פארשיידענע פעלקער, אָבער ניט זייער פיל. עס איז א גאַנץ אָפטע דערשיינונג.

נאָך פון די אַלטע ביבלישע צייטן איז פארבליבן ביז היינטיקן טאָג א געדאַנק, אז די פרוי איז די שטענדיק שולדיקע אין קינדער־לאָזיקייט. און עד־היום ליידט די פרוי פון פארשיידענע הייל־מיטלען, זידלערייען און באשולדיקונגען, ווען אפילו דער קראַנקער און דער שולדיקער אין דעם פאַל איז גאָר דער מאַן. און ער איז גאַנץ אָפט שולדיק, דירעקט און אומדירעקט שולדיק.

דירעקט שולדיק קען ער זיין צוליב דעם, וואָס ער ליידט פון אַנאַטאָמישע און פיזיאָלאָגישע אַבנאָרמאַליטעטן, וואָס מאַכן אים זעלבסט סטעריל, פרוכטלאָז, און אומפייאיק צו באַפרוכטיקן.

און אומדירעקט איז ז י י ן שולד אין דעם, וואָס גאַנץ אָפט שטעקט ער אָן זיין פרוי נאָך דער חתונה מיט ווענערישע קראַנקהייטן, וואָס מאַכן די פרוי אומפייאיק באַפרוכטעט צו ווערן.

דעם מאַנס דירעקטע שולד אין פרוכטלאָזע הייראַטן, איז אזוי גרויס ווי פינף און דרייסיק ביז פינף און פערציק פּראָצענט, נאָך פאַר־

שיידענע קוועלן. דער פרוים שולד איז ניט פיל גרעסער. עס זיינען פאראן פאלן, וואוביידע זיינען אָדער שולדיק אָדער ניט שולדיק און דאָך זיינען זיי פרוכטלאָז, ווי מיר וועלן שפּעטער זען.

די פרוי זאָל ניט און מוז ניט באַטראַכט ווערן שטענדיק אַלס די שולדיקע ביז ביידע, מאן און פרוי, ווערן אונטערזוכט, און די אורזאכע פון קינדערלאָזיקייט ווערט פעסט באַשטימט.

מערקווירדיק איז, אַז די קינדערלאָזע פרוי וועט גיכער איבער־נעמען די שולד פאַר דער פרוכטלאָזיקייט אויף זיך, וועט זיך זעלבסט באַשולדיקן, און וועט אויסשטיין פיל באַליידיגונגען און ליידן פון אומ־נויטיקע באַהאַנדלונג און ווערטלאָזע קוריר־מיטלען, איידער צו פאַר־דעכטיקן איר מאַן אין געשלעכטלאַכער אימפּאָטענץ אָדער סטערי־ליטעט.

מיר וועלן נאָר דערמאָנען דעם מאַנס פילפאַכע דעפעקטן, וואָס שטערן די באַפרוכטיקונג פון זיין פרוי, ווייל אונז אינטערעסירט הויפּט־זאַכלאַך דאָ די פרוי זעלבסט.

דער מאַן האָט צוויי אויפגאַבן אין דעם פּראָצעס פון רעפּראָדוק־ציע. ערשטנס, די פּראָדוצירונג פון נאָרמאַלע מענלאַכע סעקס צעלן,—די ספּערמאַטאַזאָא, און די צווייטע — אריינצופירן אָט די צעלן אין דעם האַלז פון דער געבער־מוטער. די צוויי פונקציעס פון דעם מאַן קענען זיין אַבנאָרמאַל אין פאַרשיידענע הינזיכטן.

די זאָמען קענען אַנטהאַלטן נאָר קראַנקע אָדער גאָר טויטע ספּערמאַטאָזאָא, וועלכע זענען ניט מסוגל צו באַפרוכטיקן דאָס ווייב־לאַכע געשלעכט צעל, די אָוואָום. די ספּערמאַטאָזאָא קענען גאָר אָפּ־וועזנד זיין אין די זאָמען, אָדער צו ווייניק אין צאָל, אַזוי, אַז קיינע פון זיי דערגרייכן ניט אַ נאָרמאַלע אָוואָום, כדי עס צו באַפרוכטיקן. ווען אפילו די ספּערמאַטאָזאָא זיינען נאָרמאַל, איז מעגלאַך, אַז דער מאַן איז ניט ביכולת צו ברענגען זיי צום ריכטיקן פּלאַץ — דעם האַלז פון דער געבער־מוטער, ווייל אין דעם שייד קענען די ספּערמאַטאָזאָא לאַנג ניט לעבן.

עס זיינען דאָ פאַלן ווען דער מאַן פאַרלירט די זאָמען צו פרי,

אזוי אז די ספּערמאַטאָזאָא דערגרייכן ניט די געבער־מוטער. דער מאַנלאַכער געשלעכטס־־אָרגאַן קען זיין באַשעדיקט אָדער אבנאָרמאַל געבויט אזוי, אז די זאָמען גייען פאַרביי דעם האַלז פון דער געבער־מוטער און קיינע פון די ספּערמאַטאָזאָא אין דעם סעקסואַלן אַקט דער־גרייכן ניט זייער ציל — דעם האַלז פון דער געבער־מוטער.

עס איז פון דעם צוזען, אז די „הייסקייט" פון דעם מאַן, אָדער דער טעמפּעראַמענט, די אַקטיוויטעט אין דער צייט פון געשלעכטס־אַקט קען ניט אָנגענומען ווערן אַלס צייכן פון פּרוכטבאַרקייט, פון פעאיקייט צו באַפּרוכטיקן. דאָס זעלבע קען געזאָגט ווערן וועגן דער פרוי. איר פּאַסיוויטעט אָדער אַקטיוויטעט, פאַרלאַנג אָדער אָפּ־שטויסענד געפיל צום געשלעכטס־אַקט איז ניט קיין באַווייז פון איר אַנאַטאָמישער און פיזיאָלאָגישער פונקציאָנעלער פייאיקייט באַ־פּרוכטיקט צו ווערן. דאָס זעלבע קען מען זאָגן וועגן דעם נאַטירלאַכן פאַרלאַנג פון מאַן אָדער פרוי צו האָבן קינדער, און ליבן קינדער בכלל.

די אַלע דערמאָנטע אייגנשאַפטן, דער פאַרלאַנג פון סעקסועלן אַקט, דער טעמפּעראַמענט און אַקטיוויטעט אין צייט פון אַקט, צו האָבן קינדער, זיי אויפהאָדעווען און ליבן זיי זיינען טאַקע אַן אויסדרוק פון דעם נאַטירלאַכן אינסטינקט פון רעפּראָדוקציע. עס קענען אָבער זיין שטערונגען, ווי אַנאַטאָמישע אזוי אויך פיזיאָלאָגישע און ביאָלאָגישע אין דער דערגרייכונג פון דעם ציל — די באַפּרוכטיקונג. דיזעלבע אייגנשאַפטן קענען אויך זיין אַן אויסדרוק פון געוואוינהייט, פאַרבליבן פון דער פריערדיקער צייט ווען די פּערזאָן איז געווען פאָלקאָם געזונט אָדער גאָר אַן אימיטאַציע, פּשוט א פאַרלאַנג צו זיין מיט „לייטן גלייך".

מען באַגעגנט אויך פאַלן, ווען יעדער פון פּאָר־פאָלק זיי־נען אין אַלע הינזיכטן, אַף וויפיל ס'איז מעגלאַך צו באַשטימען, נאָרמאַל און דאָך זיינען זיי קינדערלאָז. עס טרעפט אז דאָס פּאָר־פאָלק צוגייען זיך און ביידע האָבן ווידער חתונה. די ביידע פאַמיליעס האָבן קינדער. עס באַווייזט אז ביידע זיינען געווען פּרוכטבאַר, אָבער זייער צוזאַמענ־קומען האָט ניט ריכטיק געווירקט. עס איז געווען א שלעכטער שידוך

פון ביאלאָגישן שטאנדפונקט. עס פארשטייט זיך אז ניט אלע פאלן דארף מען אָננעמען פון דעם שטאַנדפונקט, ווייל עס איז מעגלאך, אז איינער פון דעם פּאָר־פאָלק האָט געהאַט נאָר א צייטווייליקע סטערי־ליטעט, וואָס טרעפט אָפט, און איז מעגלאך צוליב א צייטווייליקן פּאַטאָלאָגישן, אנאַטאָמישן אָדער פונקציאָנעלן צושטאַנד פון די געשלעכטס־אָרגאַנען, דורך קאָנסטיטוציאָנעלער שוואַכקייט געוואָרן סטעריל אָדער אימפּאָטענט.

מיר האָבן דערמאָנט די לאָקאַלע פּאַטאָלאָגישע צושטאַנדן אין דעם מאַן וואָס קענען אים מאַכן פּרוכטלאָז. מיר וועלן שפּעטער באַהאַנדלען די אנאַטאָמישע און פונקציאָנעלע פּאַטאָלאָגיע אין דער פרוי וואָס מאַכט די פרוי פּרוכטלאָז. די קאָנסטיטוציאָנעלע צושטאַנדן, וואָס פאַראורזאַכן סטעריליטעט אין מאַן און פרוי ווירקן, אַזוי צו זאָגן, אינדירעקט. דער שלעכטער קאָנסטיטוציאָנעלער צושטאַנד פון דער פּערזאָן פאַרווערט די נאָרמאַלע סעקריציע אָדער אַנטוויקלונג פון די סעקסועלע צעלן, די ספּערמאַטאָזאָא אין מאַן און אָווא אין דער פרוי. אויסגעצערטקייט, שלעכטע נאַרונג און בלוט־אָרעמקייט, עס מאַכט ניט אויס פון וואָס זיי קומען, און די רעזולטאַטן פון שלעכטער היגיענע און פעלערהאַפטע דיעטע קענען הינדערן דאָס אַרויסגעבן אָדער די אַנטוויקלונג פון די סעקס־צעלן איןביידע געשלעכטן.

פאַר די וואָס באַשעפטיקן זיך מיט פּי צוכט איז שוין לאַנג גוט באַקאַנט געווען, אַז שוואַכערע, אויסגעמאָגערטע חיות האָבן אַ פיל קלענערע פּרוכטבאַרקייט, אויב זיי זיינען ניט אינגאַנצן סטעריל. די שעדלאַכע ווירקונג פון די אויבענדערמאָנטע צושטאַנדן אויף די ספּערמאַטאָזאָא איז פיל מאָל דעמאָנסטרירט געוואָרן. עס איז אָבער שווער און כמעט אוממעגלאַך צו דעמאָנסטרירן עס אויף די אָווא. עס איז אָבער לאָגיש צו דרינגען, אַז די ווייבלאַכע סעקס־צעלן זענען אונטערוואָרפן דיזעלבע באַדינגונגען.

קערפּערלאַכע פאַרגיפטיקונג דורך אַלקאָהאָל, דורך לאַנגן געברויך פון מאָרפין און אַנדערע כעמישע גיפטן זיינען באַוואוסט צו באַשעדיקן די פּרוכטבאַרקייט. זעלבסט־פאַרגיפטונג דורך פאַרשטאָפּונג איז

אויך באוואוסט צו פאראורזאכן סטעריליטעט. מען גיט אָן אז דער פּראָ־צענט פון קינדערלאָזע סיפליטישע פּאָר־פֿאָלק איז אזוי גרויס ווי 23, אין דער צייט ווען די דורכשניטלאכע סטעריליטעט איז נור צען פּראָ־צענט, ווי מיר האָבן עס אָנגעוויזן אין אָנפאנג ארטיקעל.

עס איז אפשר גאָר ניט נויטיק פיל צו פארשפרייטן זיך וועגן די פאלן פון קינדערלאָזיקייט, וואָס זיינען פאראורזאכט דורך אָפּ־וועזענהייט פון די אָוואַרים. אזוינע פרויען האָבן דאָס רוב אַ כאַראַק־טעריסטישן אויסזען. זיי זיינען ענלאך צו אַ מאַן אין זייער געבוי און שטים, זיינען דאָס רוב זייער פעט און גרויס. בכלל פארמעגן זיי ווינציק ווייבלאכקייט. דאָס אַלץ קומט פון דעם, וואָס דער קערפּער ליידט פון דער אבוועזענהייט פון די אָווארישע אויספלוסן וואָס זיינען אזוי וויכטיק פאר דער נאָרמאלער אנטוויקלונג און פונקציאָנירונג פון ווייבלאכן קערפער.

די אָווארים, ווען זיי זיינען יאָ פאראַן און איבן אויס זייער נאָר־מאלן איינפלוס אפן קערפער, קענען דאָך זיין באַשעדיקט אַף אזוי פיל, אַז זיי שטערן דעם נאָרמאַלן אויספלוס פון די אָווא און מיט דעם צו־ריקהאלטן די פרוי פון באפרוכטיקונג. די אָווא דערגרייכן ניט זייער ציל — די מוטער־רערן, וואו זיי ווערן דאָס רוב באפרוכפערט.

עס טרעפט אָבער אויך, אַז די מוטער־רערן אַליין זיינען פּע־לערהאפט. זיי קענען זיין פארשטאָפּט, פארלייגט, פארדרייט און אנ־צונדן, אזוי אַז די קליינינקע אָווא קענען ניט דורכגיין און באגעגענען זיך מיט די ספערמאטאזאָא.

די אָפטעסטע אורזאכע פון קינדערלאָזיקייט איז טאַקע אַ פארשטאָפּונג פון די מוטער־רערן, וואָס איז אַ רעזולטאט פון אַן אַלטער אנצינדונג אין די רערן. און די אָפטעסטע אורזאַך ווידער פון אַן אנ־צינדונג אין די רערן קומט, וואָס איז קיינעם קיין סוד ניט, פון דער גאנאריע אנשטעקונג.

פאטאָלאָגישע צושטאנדן פון דער געבער־מוטער, פון דעם קערפער, אָדער האַלז פון דער געבער־מוטער זיינען זייער אָפטע סיבות פון קינדער־לאָזיקייט. זיי קענען שטערן באפרוכטיקונג מעכאניש

אָדער כעמיש, ניט דערלאָזנדיק דאָס צוזאַמענקומען פון די צוויי געשלעכטס־צעלן.

א מעכאַנישע אָבסטרוקציע אָדער די ווירקונג פון די אַבנאָרמאַלע אויספלוסן, וואָס געפינען זיך אין דער קראַנקער געבערמוטער האָבן אַ שעדלאַכע ווירקונג אויף די ספּערמאַטאָזאָא, אָפּשוואַכנדיק, אָדער גאָר הרגנ׳ענדיק זיי. ענדלאַך קענען די אַבנאָרמאַלע צושטאַנדן פון דער שייד און וואולוואַ אויך ניט דערלאָזן דאָס צוזאַמענקומען פון מאַן און פרוי.

קראנקהייטן פון די געשלעכט טיילן

קראנקהייטן פון דער וואולווא

איינגעבאָרענע אבנאָרמאלקייטן

עס טרעפן פיל אבנאָרמאלקייטן אין דעם געבוי פון די אויסער־לאבע געשלעכטס־אָרגאנען.

די ליפּן, קענען זיין אבנאָרמאל פארגרעסערט פון געבורט אָדער דורך א קראנקהייט, און אויך פון מאסטורבאציע (אנאניזם). זיי טרעפן זיך אויך אטראפירט פון אומאנטוויקלונג און נאָך דעם קלימאקטעריום.

דער קליטאָריס, טרעפט אמאָל אזוי פארגרעסערט, אז עס איז ענלאָך צו א מענלאבן געשלעכטס־אָרגאן. די פאָרהויט פון קליטאָריס קען זיין צוגעוואקסן צו דעם גלענס, דעם קעפּל פון קליטאָריס. דורך דעם, אָדער דורך פארהאלטן די פליסונגען פון די ארומיקע דריזן קען ארויסגערופן ווערן א רייבונג פון דעם עקסטרעם־פילבאָרן אָרגאן וואָס קען פירען צו א שווערן פאַל פון נערוועזיטעט.

וואולוויטיס, אנצינדונג פון דער וואולווא

מערסטע פאלן פון וואולוויטיס ווערן פאראורזאכט דורך גאנא־ריע. עס זיינען אָבער דאָ אויך אנדערע אורזאכן, ווי: דאָס האלטן ניט ריין די געשלעכטס־טיילן, פליסיקייטן, וואָס רינען ארונטער פון דער שייד און רייצן, שטארקע אורין טריפט ארונטער, דאָס קראצן מיט די נעגל, מאסטורבאציע און צו אָפטע געשלעכטס־פארקערן.

די אויפגעפלאמטע, אנצונדענע טיילן זעען אויס רויט און גע־שוואָלן, זיינען הייס און טוען וויי. אָפט פילט מען א שטארקע ביי־סענישאון ביים לאָזן פון דער אורין — א שטארקע ברענען.

עס איז שטענדיק וויכטיק צו באשטימען די אורזאך פון דעם צושטאנד און איבערהויפּט צו פעסטשטעלן, צו די אורזאך איז א ספּעציפישע, ד. ה. א גאנאריעשע אינפעקציע.

אום צו היילן עס מוז מען פיל אויפמערקזאמקייט געבן צו האַלטן די טיילן ריין. ווארימע זיץ־בעדער זיינען אמבעסטן. אויב דאָס איז ניט מעגלאך, וואשן די טיילן מיט ווארימע וואסער איי‌ניקע מאָל

אַ טאָג. ביינאַכט צולעגן נאַסע קאָמפּרעסן. נאָכ׳ן וואַשן, באַדעקן די טיילן מיט פּוידער אום עס צו האַלטן טרוקן. דער פּוידער קען זיין געוועגלאַכע טאַלקום. צווישן די ליפּן דאַרף מען אַריינלייגן אַ שטיקל מאַרלע און איבערדעקן מיט אַ ריין טרוקענער טיכל.

צוצויגענע אָדערן

צוצויגענע אָדערן אויף אָט די טיילן זעען אויס אויפן זעלבן אופן און זיינען צו פאַרדאַנקען די זעלביקע אורזאַכן, וואָס אויף די פיס: עס קומט דאָס רוב אין צייט פון שוואַנגערן, פון שטערונגען פון דער פרייער בלוט צירקולאַציע וואָס ווערט פאַראורזאַכט פון פאַרשיידענע צושטאַנדן. אמערסטן געפינען זיך די צוצויגענע אָדערן אויף די גרויסע ליפּן. עס טרעפט אַז דער אָדער ווערט אַזוי אָנגעצויגן, אַז די פרוי פילט דאָס געוויכט, און דער צוצויגענער אָדער דערגרייכט די מאָס פון אַן עפּל. דער צוצויגענער אָדער קען פּלאַצן און פאַראורזאַכן אַ פאַרלוסט פון בלוט.

ווען די אָדערן ווערן זייער שטאַרק צוצויגן מוז מען אָננעמען מיטלען צו באַזייטיקן דעם צושטאַנד. די אורזאַך מוז אויסגעפונען ווערן און, אויב מעגלאַך, באַזייטיקט ווערן. ליגן אין בעט און אַ פּענבער אייז צוגעלייגט צו די ליידנדע טיילן וועט פיל העלפן. אַמאָל איז נויטיק אָנצוקומען צו כירורגישע מיטלען.

ברוך און וואַסער־ברוך

די צוויי צושטאַנדן באַגעגנט מען אויף די גרויסע ליפּן. דער ברוך און דער וואַסער־ברוך קוקן אויס ווי אַ געשווילאַכץ, און זיינען מער אָדער ווייניקער ווייך. אַ ברוך קומט אָן פּלוצלונג, נאָך אַן אָנשטרענגונג. באַם אָנטאַפּן קען מען אונטערשיידן אַ ברוך פון אַ וואַסער־ברוך. מען געברויכט אַנדערע מעטאָדן דאָס צו אונטערשיידן, וועלכע זיינען צו טעכניש דאָ באַשריבן צו ווערן.

דער ברוך, צו באַזייטיקן, מוז אָפּערירט ווערן. דעם וואַסער־

ברוך קען מען לייכט אויסלײדיקן, ארויסלאָזנדיק דאָס וואסער דורך א קליינעם שניט. דאָס וואסער וועט זיך אָבער צוריק צוזאמענקלייבן. עס איז אָבער אויך מעגלאך צו באוואָרענען, אז דאָס וואסער זאָל מער ניט אנקומען.

געשווילאכץ פון דער וואולווא

אויף דער וואולווא מאכן זיך פארשיידענע געשווילאכצן, קאנ־סער איז ניט קיין זעלטענהייט צו באגעגענען.

בייסעניש פון וואולווא

דאָס בייסעניש פון דער וואולווא איז אמאָל אזוי שטארק, אז עס איז אומדערטרעגלאך. וואָס מער אָבער מען קראצט די טיילן אלץ מער בייסן זיי. אָפט לאָזט דאָס בייסעניש אָפּ אויף אביסל צייט כדי אומצוקערן זיך פיל שטארקער. די פרוי פארלירט דעם שלאָף, דער אפעטיט איז ניט גוט, זי פילט זיך צובראָכן און דערשלאָגן און באהאלט זיך פון מענטשן. אָפט קען אָט דער צושטאנד אנהאלטן מאָנאטן און אפילו יאָרן.

די קרענק איז פאראורזאכט דורך שטארקע פליסיקייטן פון דער שייד און געבער־מוטער, וואולוויטיס, לייז, דאָס ארויסרינען פון אורין אונקאָנטראָלירט, איבערהויפּט ווען די אורין איז שטארק, ווי אין צוקער־קראנקהייט. ווען עס טרעפט אין שוואנגערשאפט אָדער אין צייט פון די מאָנאטלאכע איז עס פיל ערגער. עס טרעפט אָפטער אין די עלטערע יאָרן נאָכן קלימאקטאָריום, ביי שוואכע פרויען און בא די וואָס האָבן ווינציק באוועגונגען.

עס איז אויך אמאָל א פאָלגע פון א נערוועזן צושטאנד. די אורזאך מוז געפונען און באזייטיקט ווערן. די פליסיקייט פון דער שייד און געבער־מוטער מוז באזייטיקט ווערן, אָדער מען מוז פארהיטן עס פון קומען אויף דער וואולווא דורך איינשפריצונגען אָדער טאמפּאָנס

אין דער וואגינא. לייז מוזן צושטערט ווערן. קראצן און רייבן זאָל באזייטיקט ווערן. קאלטע קאָמפּרעסן העלפן פיל אין שטילן די שמערצן. פּוידער צו האלטן טרוקן דעם טייל און וואזעלין אָדער פעטע שטאָפן צו פארטיידיקן די טיילן פון די אויספּליסיקייטן זיינען ניצלאך אין די פאלן.

קראַנקהייטן פון דער שייד

איינגעבאָרענע אבנאָרמאַלקייטן

די געבורט אבנאָרמאַליטעטן פון דער שייד זיינען פאָלגענדע:

די שייד קאָן אינגאנצן פעלן.

די שייד קאָן טיילווייז פעלן.

זי קען זיין צענויפגעצויגן אזוי, אז עס זאָל שטערן דעם אויס־פלוס פון די מאָנאַטלאַכע בלוטן און די אנדערע אויספליסנדיקע סעק־רעציעס, און שטערן דעם געשלעכט פאַרקער.

עס טרעפט אויך אז די שייד איז טאָפל, ד. ה. עס זיינען דאָ צוויי וואגינעס, און איז אָפט פאַראייניקט מיט צוויי געבער־מוטערס.

דורך כירורגישע מיטלען קען מען די אבנאָרמאַלקייטן פאַר־ריכטן.

אנצינדונג פון דער שייד

דאָס איז א צושטאַנד פון דער שייד, וואָס רופט אַרויס א דויערענדן ברענענדן שמערץ, אָפטע לאָזן די אורין מיט ווייטיק, שמערצן אין דער צייט פון געשלעכטס־פאַרקער, און א באַדייטנדיקן אויספלוס פון דער שייד.

די שייד זעט אויס רויט און געשוואָלן, און איז הייס.

די אורזאַכן פון די אנטצינדונג פון דער שייד זיינען פיל.

איינשפריצונגען מיט צו שטאַרקע מעדיקאמענטן, טאַמפּאַנס מיט שטאַרקע מעדיקאַמענטן, צו אָפטער געשלעכטס פאַרקער, מאַסטור־באַציע, שטאַרקע אויספליסן פון דער געבער־מוטער, פעסארים, פאַר־וואונדונגען דורך אינסטרומענטן, כעמישע שטאָפּן אָדער פאַרגוואַל־טיקונג און לעצטענס, אינפעקציע, הויפּטזאַכלאַך גאָנאָריע.

איינשפּריצונגען אין דער שייד מיט הייסע איבערגעקאָכטע וואַסער און אָפּגעקילט אויף אזוי פיל וויפיל די טיילן קענען פאַרטראָגן

איז ראטזאם. רייניקייט איז די הויפט אויפגאבע אין דעם צושטאנד.

ווען די אנטצינדונג פון דער שייד איז א גאנאריעשע מוזן קיינע איינשפריצונגען ניט געמאכט ווערן כדי צו פארמירן דאס אריינדרינגען פון די גאנאריע ארגאניזמען אין די טיפערע געשלעכטס־ארגאנען.

וואגיניזם, ספאזם פון דער שייד

דאס איז א צוזאמענציאונג פון דער שייד באגלייט מיט א ווייטיק בשעת דעם פארקער. אט די שמערצלאכע ספאזמאטישע צוזאמענציאונג מאכט דעם פארקער זייער שמערצלאך און אונמעגלאך.

די אורזאכן זיינען — אטנצינדונג פון דער וואולווא און שייד און אנדערע שמערצלאכע צושטאנדן ארום דער וואולווא און שייד.

צו היילן דעם צושטאנד מוז מען פריער אויסגעפינען די אורזאכע, און עס באזייטיקן.

אבנארמאלע עפענונגען אין דער שייד, פיסטולן

אזוינע עפענונגען קענען זיין צווישן דער שייד און אורין פענכער, צווישן שייד און רעקטום, און צווישן דער שייד און אוריטער, דאס טרייבל וואס גייט פון איינע פון די נירן צום פענכער, און אוריטרא, דאס טרייבל וואס פירט די אורין פון פענכער צו דרויסן.

די צושטאנדן זיינען פאראורזאכט דורך פארוואונדונגען אין דער צייט פון אנטבינדונג, פון געצייג אין דער צייט פון א כירורגישער אפעראציע, דורך דער געברויך פון געצייג אין א פארזוך פון אן אבארט און ד. ג.

דורך דער עפענונג גייט ארויס דער אינהאלט פון דעם ארגאן, מיט וועלכן די שייד איז פאראייניקט, אורין, אויב די עפענונג איז פון אורין בלאז, אוריטער אדער אוריטרא, און שטול ווען די עפענונג פירט צום רעקטום.

די אבנארמאלקייטן מוזן גלייך פארריכט ווערן דורך כירורגישע מיטלען.

דאָס צוזאַמענפאַלן פון די וועגטלאַך פון דער שייד

די וועגטלאַך פון דער שייד ווערן אָפט אָפגעשוואַכט, צוציען זיך און הייגגען אַרויס פון דער שייד ציענדיק מיט זיך טיילן פון די וועגטלאַך פון די ביילינגענדיקע אָרגאַנען, די שכנישע וועגטלאַך פון וואַסער־בלאָז און רעקטום.

ווען דער וואַסער־בלאָז איז איינגעריסן מיט דער שייד, רופט זיך עס סיסטאָסיל און ווען דאָס רעקטום איז איינגעריסן איז עס א רעקטאָסיל.

א סיסטאָסיל אָדער רעקטאָסיל אָדער ביידע צוזאַמען, באַגעגנט מען הויפּטזעכלאַך בא פרויען, וועלכע האָבן געבוירן קינדער. דאָס מיינט צוזאָגן, אז עס איז כמעט שטענדיק פאַראורזאַכט דורך אַנט־בינדונג. אַנטבינדונג שוואַכט אָפּ די מוסקולן פון דער שייד, צוציט און רייסט איין די מוסקולן פון פּערעניום, דעם דיל פון בעקן.

די שייד אין דעם צושטאַנד איז צושפּרייט ווען די פרוי ליגט. א געשווילאַכץ קען מען באַמערקן אין פאָרנט פון דער שייד ווען עס איז א סיסטאָסיל. און צום הינטן פון דער שייד — ווען עס איז א רעקטאָסיל. אָפט קען מען טרעפן ביידע צושטאַנדן בא דער זעלבער פרוי. א רעקטאָסיל אָדער סיסטאָסיל דערגרייכט אַמאָל די גרויס פון אַן עפּעל, די פרוי דענקט דאַן אז די געבער־מוטער פאַלט בא איר אַרונטער.

אָט דער צושטאַנד פאַראורזאַכט פיל אונאַנגענעמלאַכקייטן. די פרוי פילט עפּעס שווערעס ציט זי אַרונטער. דאָס וואַסער־לאָזן איז מיט שוועריקייטן. זי איז געצוואונגען אין ערגערע פאַלן פון סיסטאָסיל, אַריינצושפּאַרן דעם סיסטאָסיל צוריק אין דער שייד איידער זי קען אויסליידיקן דעם וואַסער־בלאָז.

אין אַנוועזענהייט פון א רעקטאָסיל איז פאַרשטאָפּונג אַן אָפטע זאַך און פאַראורזאַכט פיל אונאַנגענעמלאַכקייטן.

אין לייכטע פאַלן פון סיסטאָסיל און רעקטאָסיל קען מען פיל העלפן צו פאַרבעסערן דעם צושטאַנד דורך איבונגען צו פאַרשטאַרקערן

די מוסקולאטור און דורך דער קני און ברוסט פּאָזיציע גענומען אָפּט אויף אייניקע מינוטן. דער אַלגעמיינער געזונט־צושטאַנד מוז פאַרבע־סערט ווערן ווי מעגלאַך.

אין זייער שלעכטע פאַלן איז נויטיק צו פאַרריכטן עס דורך כירורגישע מיטלען.

באַשעדיקונג פון דער שייד

די שייד ווערט אמאָל באַשעדיקט ביים ערשטן פאַרקער. דאָס היימען, די הייטל אין אָנפאַנג פון שייד, ווערט דאַן צעריסן. אָפּט ווערט עס באַגלייט מיט א בלוט־שטורץ.

בא דער אנטבינדונג ווערט די שייד זייער אָפּט צעריסן און עס איז ראַטזאַם באַלד נאָך דעם ווי דאָס קינד איז געבאָרן דאָס צו פאַרנייען.

קראַנקהייטן פון דער געבער־מוטער

איינגעבאָרענע אבנאָרמאַלקייטן

אבנאָרמאַלקייטן פון דער געבער־מוטער זיינען אָפט פארבונדן מיט אבנאָרמאַלקייטן אָדער אונרעגולערער אנטוויקלונג פון די איבעריקע געשלעכטס־אָרגאַנען און שטערט די נאָרמאַלע פונקציעס פון אוואָר־לאַציע, דאָס אויסטיילן פון די אָוואַ, און מענסטרואַציע. עס האָט אויך א ווירקונג אויף דעם געזונט פון פערזאָן און רופט ארויס אָפט נערוועזע און גייסטיקע דערשיטערונג.

די איינגעבאָרענע אבנאָרמאַלקייטן פון דער געבער־מוטער זיינען פיל, די געבער־מוטער קען אינגאַנצן אָבוועזענד זיין, אָדער נאָר א קליינער סימן פון איר זאָל זיין. זי קען פארבלייבן אונאַנטוויקעלט און זאָל בא דער פרוי זיין די זעלבע גרויס ווי בא א קינד. די געבער־מוטער קען זיין דאָפּלט, דאָס הייסט, צוויי געבער־מוטערס, אָדער זיין אָפּגעטיילט מיט א הויטווענטל אין מיטן און אויסקוקן ווי צוויי געבער־מוטערס. די געבער־מוטער קען זיין צוזאַמענגעצויגן פון פאַרשיידענע באַשעדיקונגען.

אין פאַל ווען די געבער־מוטער איז אינגאַנצן אָבוועזענד אָדער א קליינער טייל פון דער געבער־מוטער געפינט זיך, אָדער ווען די געבער־מוטער איז פארשטאָפּט אָדער צונויפגעצויגן, פאַראורזאַכן אָט די צושטאַנדען געפערלאַכע שמערצן אין די פעריאָדן פון די מאַנאַטלאַכע. אין אנדערע פאַלן פון געבער־מוטער אבנאָרמאַלקייטן קענען אמאָל די סימפּטאָמען פון אבנאָרמאַלקייטן אינגאַנצן אבוועזענד זיין.

אבנאָרמאַלע פּאָזיציעס פון דער געבער־מוטער

אין נאָרמאַלן צושטאַנד, געפינט זיך די געבער־מוטער אין מיטן און אין פאָדערשטן טייל פון בעקן. דער קערפּער פון דער געבער־מוטער איז אָנגעלענט פאַראויס, איבער דעם אורין פענכער. אין נאָרמאַלן צושטאַנד איז די געבער־מוטער זייער באַוועגלאַך. מיט דער פולקייט

אָדער לייזיקייט פון אורין־פענכער בייט זיך די פּאָזיציע פון דעם אָרגאַן. די זעלבע ווירקונג האָט דער רעקטום. די געבער־מוטער באַוועגט זיך אויך מיט יעדן אָטעם, ווען מען הוסט און מיט יעדער באַוועגונג פון קערפּער.

אין געוויסע פּאַטאָלאָגישע צושטאַנדן נעמט אָבער אָן די געבער־מוטער א פּאָזיציע אנדערש ווי די נאָר וואָס באַשריבענע און איז מער באַפעסטיקט און ווינציקער אָדער אינגאַנצן ניט באַוועגלאָך. די אַבנאָרמאַלע פּאָזיציעס אין וועלכע די געבער־מוטער קען זיין באַפעסטיקט זיינען פאָלגענדע:

איינגעבויגן פאַראויס. דאָס איז די אָפטסטע אַבנאָרמאַלע פּאָזיציע.

איינגעבויגן ריקווערטס

צו א זייט, צו לינקס אָדער רעכטס

אויפגעהויבן אָדער

אַראָפּגעלאָזן.

אויסער דעם קען די געבער־מוטער זיין אַביסעל פאַרדרייט. דער קערפּער פון דעם גליד פאַרדרייט זיך אַביסל ארום דעם האַלז, אַזוי ווי אין די אויבן דערמאָנטע אַבנאָרמאַלע פּאָזיציעס ווען דער קערפּער איז איינגעבויגן קומט אויך פאָר דער בויג אין האַלז פון דער געבער־מוטער.

עס טרעפן אויך קאָמבינאַציעס פון א בויג און דריי. דאָס פאַרשטייט זיך, קאָמפּליצירט דעם צושטאַנד.

די אורזאַכן פון די צושטאַנדן זיינען פיל. אַנטבינדונג, געשווילאַכצן, אַנטצינדונג פון געבער־מוטער, פאַרשטאָפּונג, שטייפע קליידער און קאָרסעטן, אַלגעמיינע שוואַכקייט א. א. וו.

אַבנאָרמאַלע פּאָזיציעס רופן אַרויס אָפטמאָל געפערלאַכע סימפּטאָמען. דיסמענאָריע, סטעריליטעט, פאַרשטאָפּונג, נערוועזיטעט אין פאַרשיידענע פאָרמען זיינען אָפטע פאָלגן.



1.



2.

פיגור 43. דאָס אריבערפאַלן פון דער גאַנצער געבערמוטער פאַראויס.

פיגור 44. דאָס אריבערבויגן פון דעם קערפּער פון דער געבער־מוטער אין פאַראויס.



3.



4.

פיגור 45. דאָס אריבערפאַלן פון דער גאַנצער געבערמוטער ריקווערטס

פיגור 46. דאָס אריבערבויגן פון דעם קערפּער פון דער געבערמוטער ריקווערטס.



5.



6.

פיגור 47. דאָס פאָלשטענדיקע אראָפּלאָזן זיך פון דער געבערמוטער.

פיגור 48. פאַרשיידענע גראַדן פון אראָפּלאָזן זיך פון דער געבערמוטער.

איינרייסונג פון דער געבער־מוטער

איינרייסונגען פון דעם האַלז פון דער געבער־מוטער איז אַן אָפּטע דערשיינונג בא דער אַנטבינדונג. אַ צו־גרויסער קאָפּ פון קינד און צו־שנעלער אַנטבינדונג שטעלט די געבער־מוטער אין געפאַר פון איינרייסונגען. עס איז דערפאַר זייער וויכטיק ניט צו איילן די נאָר־מאַלע אַנטבינדונג, געבן אַ געלעגענהייט דעם האַלז פון דער געבער־מוטער זיך צוציען. צום באַדויערן ווערט דאָס ניט אָפּט גענוג פּראַקטי־צירט. די מוטער און אירע העלפער זיינען צו נייגעריק פּטור צו ווערן מיט דער אַנטבינדונג וואָס שנעלער.

איינרייסונגען זיינען אפילו מעגלאַך, ווען דאָס קינד און זיין קאָפּ איז ניט זייער גרויס, אָבער די ווענטלאַך פון דעם האַלז פון דער געבער־מוטער זיינען ניט עלאַסטיש גענוג און אַנשטאָט צו ציען זיך אונטער דעם דרוק פון קעפּל, רייסן זיי זיך.

פאַרשיידענע אָפּעראַציעס וואָס נויטיקן די עפענונג פון דער געבער־מוטערס האַלז, זיינען אַן אָפּטע אורזאַך פון אַנרייסונג.

קליינע איינרייסונגען זיינען ניט געפערלאַך, רופן ניט אַרויס קיינע אונאַנגענעמלאַכקייטן און געברויכן ניט קיין אויפמערקזאַמקייט. גרעסערע איינרייסונגען זיינען שעדלאַך און געברויכן באַלדיקע פאַר־ריכטונג.

אָנצינדונג פון דער געבער־מוטער

אָנצינדונג פון דער געבער־מוטער איז ניט קיין זעלטענע דער־שיינונג בא פאַרהייראַטע פרויען. די אָנצינדונג קען זיין אַ שאַרפע אָדער כראָנישע, עס קען טרעפן אַן אָנצינדונג פון אַ טייל פון דער גע־בער־מוטער, ווי דער האַלז פון דעם אָרגאַן, ווי דאָס קומט אָם אָפּטסטן פאָר, דער קערפּער פון דער געבער־מוטער אַליין קען זיין אָנצונדן, אָדער דער קערפּער און האַלז צוזאַמען זיינען אָנגעגריפן. די שליים הויט פון דער געבער־מוטער אַליין קען זיין אָנצונדן און די אָנצינדונג קען אויך אַרומנעמען די מוסקולן פון דעם אָרגאַן און אויך די בויך־הויט,

וואָס באדעקט די געבער־מוטער.

עס איז ניט וויכטיק זיך דאָ אָפּצושטעלן אונטערצושיידן די אַלע צושטאַנדן.

די ארזאכן פון דער געבער־מוטער אנצינדונג זיינען :

1. א פאַרקילונג, הויפּטזעכלאַך אין דער צייט פון מאָנאַט־לאַכע. אזא פאַרקילונג קען פּאָרקומען דורך א קאַלטער באָד א. א. וו.

2. געבורט אָדער מפּיל זיין מיט א נאָכפאָלגענדער אינפעקציע. דאָס איז איינע פון די אָפטסטע אורזאַכן פון אנצינדונג פון דער געבער־מוטער..

3. באשעדיקונג פון דער געבער־מוטער דורך אַן אָפּעראַציע, דורך פאַרשיידענע אינסטרומענטן א. א. וו.

4. דורך א צו אָפטן געשלעכטס פאַרקער, דורך פאַרקער אין צייט פון די מאָנאַטלאַכע.

5. דורך אַן אויסברייטונג פון שכנ'ישן אָרגאַן.

6. דורך אנשטעקונג פון גאָנאָריע אין געשלעכט פאַרקער, אָדער אַן אנדער אָנשטעקונג.

אַלגעמיינע אָפּשוואַכונג פון קערפּער צוליב א קראַנקהייט, אי־בעראַרבייטן זיך, צו אָפטן שוואַנגערן און א מאָגערע, ניט צעפרידנ־שטעלנדע דיעטע אונטערוואַרפן דעם קערפּער צו אנצינדונג פון דער געבער־מוטער ווי אנדערע אָרגאַנען.

אזוינע צושטאַנדן וואָס זיינען ניט שטאַרק גענוג ארויסצורופן קיין שאַרפע אנצינדונג, רופן ארויס א כראָנישע אנצינדונג ווען זיי דויערן לאַנג. אויך איז כראָנישע אנצינדונג פון דער געבער־מוטער א רעזולטאַט פון ווידערהאָלענדע שאַרפע אנצינדונגען.

די סימפּטאָמען פון אנצינדונג פון דער געבער־מוטער זיינען פיל און פאַרשיידן, זיינען אָפט נאָר לאָקאַל, אין דער געבער־מוטער און ארום דעם אָרגאַן און קענען אויך ארויסרופן אַלגעמיינע קערפּער־לאַכע צעשטערונגען. אין א שאַרפער אנצינדונג רופט עס ארויס א

פאַרגרעסערונג פון דער קערפּערלאַכער טעמפּעראַטור, און דער פּאַציענט פילט קראַנק. די געבער־מוטער גיט אַרויס אַ פליסיקייט וועלכע קען אויסזען ווי מילך, אָדער ווי ווייסל פון אַן איי, אָדער גאָר ווי מאַטעריע, גרינלאַך, אָדער געלבלאַך, אָדער רויטלאַך פון דעם צומיש פון בלוט. ווייטיקן זיינען אָפט דאָ אין רוקן און די פיס. אין כראָנישער אָנ־צינדונג פון דער געבער־מוטער טרעפט מען אבנאָרמאַלקייטן פון דער מענסטרואַציע, סטעריליטעט, א. א.

אנדערע סימפּטאָמען וואָס האָבן אַן אומדירעקט באַציאונג צו דעם פּאַטאָלאָגישן צושטאַנד זיינען: שלעכטער אַפּעטיט און אומפאַר־דייאונג, נודנעקייט און ברעכן, פאַרשטאָפּונג, קאָפּ־ווייטיק, שלאָפ־לאָזיקייט, אומרואיקייט, מעלאַנכאָליע, היסטעריע א. א. וו. פאַרשטייט זיך אַז ניט אַלע אויסגערעכנטע סימפּטאָמען זיינען גלייכצייטיק פאַראַן אין אַ פּאַציענט, אָבער עטלאַכע פון די דערמאָנטע סימפּטאָמען איז אָפט צו טרעפן.

אין די שאַרפע פאַלן פון אָנצינדונג, דאַרף דער חולה ליגן אין בעט און אָנהאַלטן אַ לייכטע דיעטע. הייסע קאָמפּרעסן איבער דעם אונטערשטען טייל פון בויך און איבער דער וואולווא, און הייסע זיץ־בעדער זיינען גוט. וואַרעמע קליסטירן טעגלאַך זיינען נויטיק. איינ־שפּריצונגען אין דער שייד זיינען אָפט שעדלאַך, ווייל עס קען אויס־ברייטערן די אָנצינדונג אויף נייע טיילן פון די געשלעכטס־אָרגאַנען.

אין כראָנישער אָנצינדונג וועלן הייסע איינשפּריצונגען אין דער שייד פיל העלפן. די דיעטע מוז זיין לייכט צו פאַרדייען און נאַרהאַפט. אַלגעמיינע כללים פון היגיענע מוזן אָפּגעהיט ווערן. די הויפּט אויפ־גאַבע אין באַהאַנדלען פון דער חולאת מוז זיין אויסצוזוכן און באַהאַנד־לען אויב מעגלאַך די אורזאַכע פון דער אָנצינדונג.

קראנקהייטן פון די אייער שטאָקן

איינגעבאָרענע אבנאָרמאַלקייטן

איינע אָדער ביידע אייער שטאָקן קענען אבוועזנד זיין, כאָטש זייער זעלטן. מיט דעם זיינען פארבונדן אבנאָרמאַלקייטן אין דער אנטוויקלונג און פונקציע פון די אנדערע געשלעכט אָרגאנען. עס טרעפט אָבער אויך, אז א פרוי פארמאָגט מער ווי צוויי אייער שטאָקן. די אייער שטאָקן געפינט מען אויך אויסערן בעקן.

ווען די אייער שטאָקן זיינען אבוועזנד, פעלן דער פרוי די ספעציפישע אויספלוסן פון די דריזן, וועלכע האָבן צו טאָן מיט דער אנטוויקלונג פון ווייבלאכן קערפער, אלגעמיין פיזיש און געשלעכטלאך. דאָס מיידל פארבלייבט אונאנטוויקלט אָדער זי איז גאָר אין א צושטאנד פון אידיאָטישקייט. אין פאלן פון ניט פולער אנטוויקלונג פון די אייער שטאָק דריזן ליידעט פארהעלטניסמעסיק אויך דער פיזישער און גייסטיקער צושטאנד.

אנצינדונג פון די אייער שטאָקן

אנצינדונג פון די דריזן איז ניט קיין זעלטענע דערשיינונג. איינער אָדער ביידע דריזן קענען ליידן פן א שארפער אָדער כראָנישער אנצינדונג. די אנצינדונג פון די אייער שטאָקן קען קומען פון אן אנצינדונג אין די דערבייאיקע אָרגאנען, פון אן אינפעקציע, פון אבנאָר־מאַלקייטן פון די מאָנאטלאכע, פון קערפערלאכע קראנקהייטן, ווי סקארלאטין, „מאָמפס" א. ד. ג.

אין דער אנצינדונג זיינען די דריזן פארגרעסערט, אָפט פיל מאָל די נאָרמאלע גרויס, און זיינען זייער שמערצפול באם אָנרירן. די שארפע אנצינדונג ווערט באגלייט פון א הויכן פיבער, פאראורזאכט נודען און ברעכן. אין כראָנישער אנצינדונג זיינען די סימפטאָמען ניט אזוי בולט, דאָך קען די פרוי זיך פילן דורך דעם פארקריפלט.

דער דיאגנאָז פון דער חולאת איז גאנץ שווער און קען געמאכט ווערן נאָר פון א געניטן גינעקאלאָג, וועלכער איז אויך ניט פארזיכערט געגן טעות'ן. די באהאנדלונג באשטייט הויפּטזעכלאָך פון רו אין בעט, מיט אייז פּענכערס צום בויך, לייכטע דיעטע און האלטן די געדערים אויסגעליידיקט דורך ווארימע קאנעס. אמאָל מוז מען אויך אָנקומען צו כירורגישע מיטלען.

געשווילאכצן פון די אייער שטאָקן

געשווילאכצן פון די אייער שטאָקן קען מען טרעפן אין יעדן עלטער, זעלטן אין די קינדער יאָרן אָבער אָפטער אין די יאָרן פון געשלעכטלאכער אקטיוויטעט און נאָך מער בא פארהייראטע ווי בא אונפארהייראטע פרויען.

עס זיינען פאראן צוויי סאָרטן געשווילאכצן פון די אייער שטאָקן. די אָפטסטע געשווילאכצן, וואָס באטרעפן 95 פּראָצענט, זיי־נען פּענכערס אָנגעפילט מיט פארשיידענע שטאָפן, ווי מאטעריע און אנדערע פליסיקייטן און אויך פארשיידענע טיילן פון מענשטלאכן קער־פּער. מען האָט געפונען אין די געשווילאכצן הויט, האָר, ציין, פארשיידע־נע ביינער, גאנצע פינגער, אן אויג א. ד. ג. די דאָזיקע געשווילאכצן דער־גרייכן אמאָל אן אויסערגעוויינלאכע גרויס. עס זיינען באוואוסט פאלן וואָס די גרויס פון געשווילאכץ האָט דערגרייכט 200 און 300 פונט. א כירורג אין טעקסאס האָט ארויסגענומען אזא געשווילאכץ וואָס האָט געוואויגען 328 פונט און די פרוי איז געזונט געוואָרן. דער גאנצער קערפּער פון דער פרוי קוקט אויס אין אזוינע פאלן נאָר ווי א צוטשע־פּעניש צו דעם געשווילאכץ. צום גליק אָבער זיינען מערסטע פון די געשווילאכצן גאָר קליין און פאראורזאכן ווינציק שאדן דעם קערפּער.

דער אנדערער מין געשווילאכץ איז הארט און שטייף.

פון די אלע געשווילאכצן ווערן ארום א פינפטל מיט דער צייט דעגענירט אין א קרעב געשווילאכץ.

די סימפּטאָמען פון א געשווילאכץ פון די אייער שטאָקן זיינען

ווייטיקן, א געפיל פון עפּעס שווערעס וואָס ציט ארונטער, ווייטיקן בעפאָר און נאָך די מאָנאטלאכע. אבנאָרמאלקייטן פון דער מענסטרו־אציע קומען אין אָנפאנג פון דעם געשווילאכץ וואוקס און ענדיקט זיך מיט דעם פולן פארלוסט פון דער צייט מיט דער פארגרעסערונג פון דעם געשווילאכץ. פיל אנדערע סימפּטאָמען קען מען אָנטרעפן אלס פּועל יוצא פון דעם דרוק וואָס דאָס געשווילאכץ איבט אוים אף אנדערע אָרגאנען.

עס איז קיין פראגע ניט, אז ווען א געשווילאכץ פון די אייער שטאָקן ווערט אנדעקט און פון באדייטענדער גרוים איז צום בעסטן עס צו באזייטיקן.

קראנקהייטן פון די מוטער רערן

די מוטער רערן ווי די אנדערע ווייבלאכע געשלעכטס אָרגאנען לײדן פון אײנגעבאָרענע אבנאָרמאלקייטן. עס טרעפט אז זיי פעלן אינגאנצן, זיינען זייער קליין אָדער פארדרייט, אזוי אז זייערע פונקציעס ווערן געשטערט.

אנצינדונג פון די מוטער רערן

די מוטער רערן לײדן פון שארפער און כראָנישער אנצינדונג. די אנצינדונג קומט דאָס רוב אָלס אן אויסשפרייטונג פון דער געבער־מוטער, ווי אין פאלן פון קינפעט פיבער אָדער גאָנאָריעשער אינפעקציע פון דער געבער־מוטער. די אנצונדענע רערן פאראורזאכן מער אינוואלידיזם אין פרויען ווי וועלכע עס איז קראנקהייט פון א געשלעכט אָרגאן. גרויסע אויפזאמלונגען פון מאטעריע, בלוט און אנדערע פליסיקייטן טרעפן זיך אין די רערן, פאראורזאכן שמערצן ארום די רערן, וועלכע מען פילט שטארקער בעפאָר און דורך די מאָנאטלאכע.

די שמערצן ווערן נאָך ערגער פון באוועגן זיך, גיין, פאָרן, און פון געשלעכט פארקער. אן אויספלוס פון דער שייד איז דאָס רוב צו טרעפן אין די פאלן. דורכן לייב קען מען אָפט אָנטאפן די ווייטיקדיקע, פארגרעסערטע און הארטע רערן. אין זייער שארפע פאלן פילט זיך די פרוי קראנק, האָט פיבער, פארלירט דעם אפעטיט צום עסן, און קען ניט ארויס פון בעט.

די באהאנדלונג באשטייט אין רוען אין בעט, אין געבן א לייכטע דיעטע, און ווארימע קליסטירן. געשלעכטס פארקער דארף דאן אויסגעמידן ווערן.

די אנצינדונג גייט גאנץ אָפט אריבער אין א כראָנישער פאָרם, און אפילו ווען דאָס טרעפט ניט, ווערט די רער אזוי באשעדיקט פון דער אנצינדונג, אז אירע פונקציעס ווערן געשטערט. איינע פון די אָפטסטע פאָלגן איז דאָס וואָס אין די רערן פאָרימרן זיך פארשטאָפונ־

גען און מיט דעם ווערט פאַראורזאכט סטעריליטעט. אן אנדער אָפטער רעזולטאַט פון אַן אַנצינדונג אין די רערן איז, די שוין דערמאָנטע אָף אַן אנדער פלאַץ, עקטאָפישע שוואנגערשאפט, א שוואַנגערשאַפט וואָס קומט פאָר אויסער דער געבער־מוטער, מערסטנטייל אין די רערן. די שוואנגערשאַפט אין די רערן שטאַמט דערפון, וואָס די שליים הויט וועלכע באדעקט די רערן פון אינווייניק ווערט באשעדיקט בעת דער אנצינדונג אזוי, אַז עס לאָזט ניט די באַפרוכפערטע אייעלע אריי־בערגיין אין דער געבערמוטער, וואו עס קומט געוויינטלאך פאָר די נאָרמאלע באפעסטיקונג און אַנטוויקלונג פון דער פרוכט.

כראָנישע אַנצינדונג פון די מוטער רערן מיט די פאָלגן וואָס קומען פון דעם נויטיקן זיך גאנץ אָפט אין כירורגישע באהאנדלונג.

קראַנקהייטן פון די בריסט

איבערפילונג פון די בריסט

אַן איבערפילונג פון די בריסט וואָס קומט אָפּט פאָר אין די ערשטע טעג פון זויגן רופט אַרויס פיל שמערצן. די בריסט ווערן גרויס, האַרט, און גלאַנציק. מען קען זיך צו זיי ניט צורירן. גרויסע בלויע אָדערן זעען זיך דורך דער הויט.

דער צושטאַנד ווערט אַרויסגערופן דורך צו שנעלן אַריינקומען פון דעם מילך, ניט גענוגענדן אויסליידיקן פון די בריסט, אָדער א פאַר־שטאָפּונג אין די מילך רערן.

דער צושטאַנד פאַרגייט דאָס רוב אָן קיין שום אויסערלאַכער הילף. דאָך איז עס אַמאָל דער אָנפאַנג פון אַנטצינדונג פון די בריסט. עס איז נויטיק דאַרום אָננעמען מיטלען צו פאַרלייכטערן די סימפּטאָמען און פאַרקלענערן די צעציאונג.

די בריסט דאַרפן אונטערגעהאַלטן ווערן מיט א באַנדאַזש. א פענכער מיט אייז דאַרף אַרויפגעלייגט ווערן אויף די בריסט. דאָס קינד דאַרף זיי זויגן אין דער באַשטימטער צייט. קיין ברוסט פּאָמפּ זאָל ניט גענוצט ווערן און די בריסט זאָלן ניט געריבן, געדריקט אָדער מאַסאַזשירט ווערן. די פרוי דאַרף טרינקען וואָס ווייניקער וואַסער, און אַן אָפּטרייב מיטל ווי עפּסאָם זאַלץ (ביטער זאַלץ) דאַרף גענומען ווערן יעדן טאָג, ביז דער צושטאַנד איז פאַרלייכטערט.

אַנצינדונג פון די בריסט

אַנצינדונג פון די בריסט קומט פאָר דאָס רוב אין די ערשטע פאָר וואָכן פון זויגן, אָבער עס טרעפט גאַנץ אָפּט אויך שפּעטער אין זויגן. די אַנצינדונג פאַנגט זיך אָן פון א שפּאַלט אָדער קראַץ אַף דעם ניפּל וואו אַן אינפעקציע קומט פאָר, אָדער דורך א באַשעדיגונג פון דער ברוסט דורך א קלאַפּ, דורך ניט געשיקטן מאַסאַזשירן אָדער דורך דער ברוסט פּאָמפּ.

די ערשטע סימנים פון אנצינדונג זיינען די פארגרעסערונג פון דער ברוסט, היץ אין דער ברוסט און ווייטיק. אָפט קען מען זען אַ רויטן הארטן רעדל אין אונטערשטן טייל פון דער ברוסט. ביסלאכוויז ווערט דער רעדל וויכער ,און די הויט ווערט גלאנציק. דער געניטער פינגער פון דאָקטאָר פילט מאטעריע אין דעם געשוויר. ניט אַלע מאָל אָבער פאָרמירט זיך מאטעריע אין אן אנצינדונג פון דער ברוסט. פיל מאָל צוגייט זיך די אנצינדונג און לאָזט ניט איבער קיין סימן.

אויסער די לאָקאלע סימפטאָמען פון אנצינדונג פון דער ברוסט זיינען אויך דאָ קערפערלאכע סימפטאָמען, ווי א הויכע טעמפעראטור, שנעלער פולס, קאָפּווייטיק, פארשטאָפונג און אן אלגעמיינער געפיל פון קראנק זיין.

כדי צו פארהיטן זיך פון א ברוסט אנצינדונג מוז מען נאָכפאָלגן די היגיענע פון די ברוסט אין דער צייט פון שוואנגערן, די בריסט זאָלן זיין גוט צוגעגרייט פאַר דער וויכטיקער פונקציע פון זויגן. די ניפּלס מוזן ווערן פארהארטעוועט בעפאָר דאָס קינד פאנגט אָן זויגן, אזוי אז דאָס זויגן זאָל ניט פאראורזאכן קיין שפּאלטן אָדער אָפּרייבונג פון דער הויט פון די ניפּלס. די בריסט אין דער צייט פון זויגן דארף מען האלטן ריין און יעדע באשעדיקונג פון דער הויט דארף באלד קריגן אויפמערק־זאמקייט כדי צו פארהיילן און פארהיטן אינפעקציע.

די באהאנדלונג פון אנצינדונג פון דער ברוסט באשטייט פון געבן דער פרוי אַ טרוקענע דיעטע, אייז פּענכערס צו ביידע בריסט, כדי צו פארקלענערן די מילך פּראָדוקציע, און ווען מאטעריע איז גע־וואָרן פאָרמירט, עפענען דעם געשוויר.

ווען די טעמפעראטור איז זייער הויך, איבער 101 פארענהייט אָדער איבער 38 צענט. דארף דאָס קינד ניט געזויגן ווערן. באלד נאָכ־דעם ווי דאָס געשוויר איז אויסגעליידיקט און די טעמפעראטור איז ארונטער קען דאָס קינד געזויגט ווערן פון דער געזונטער ברוסט.

געשווילאכצן

די בריסט ליידן גאנץ אָפט פון פארשיידענע געשווילאכצן. די

געשווילאכצן טיילן זיך אױף צוויי שארף פארשיידענע סאָרטן, אזוינע וואָס זיינען אַן און פאר זיך ניט שעדלאך, אָדער וואָס רופן ניט ארויס קיין קערפּערלאכן שאדן, און אזוינע, וואָס זייער ווירקונג איז העכסט שעדלאן', וואָס פאראורזאכן גרויסע קערפּערלאכע צעטרייסלונג און שנעלן טויט. דאָס לעצטע איז די געשווילאכץ וואָס איז באוואוסט אלס ראק, קרעב־קראנקהייט, אָדער קאנסער.

די ערשטע, די אונשולדיקע געשווילאכצן זיינען כמעט ווי אונ־שעדלאך. זייער איינציקער געפאר איז, וואָס אָפט ווערן זיי טראנס־פאָרמירט אין אַ ראָק.

קאנסער פון דער ברוסט איז ניט קיין זעלטענע קראנקהייט. עס איז אַ זייער פארשפרייטע קראנקהייט און רעכנט זיך אלץ די פינפטע אין צאָל פון טויטן־פאלן וואָס זי פאראורזאכט. קאנסער פון דער ווייבלאכער ברוסט איז אויך ניט קיין זעלטענהייט צו פאראורזאכן טויט. עס איז פאראן אַ חלוקי דעות איבער דער צאָל פון ראָק־פאלן צווישן אידן.

דער איטאליענישער אידישער געלערנטער לאמבראזא, האָט געהאלטן אז די איטאליענער אידן ליידן מער פון קאנסער ווי די איבע־ריקע באפעלקערונג. אנדערע זאָגן אָבער אַז עס איז גאָר פארקערט. אידן, זאָגן זיי, לעבן דאָס רוב לענגער, און דערפאר וואָס קאנסער איז אַ קראנקהייט הויפּטזעכלאך פון די עלטערע יאָרן באגעגנט מען אָפטער קאנסער בא אידן. מען צייגט אויך אָן אַז קאנסער פון דער געבער־מו־טער צווישן אידישע פרויען אין ניו־יאָרק און פילאדעלפיע איז פארהעלטניסמעסיק קליין אין צאָל, און קאנסער פון דער ברוסט איז זעלטן צו באגעגענען, ניט קוקענדיק וואָס די אידישע פרוי האָט פיל קינדער.

קאנסער איז אַ געשווילאכץ וואָס פאָרמירט זיך פון הויט צעלן וועלכע געפינען זיך נאטירלאכער־ווייזע אין דעם עמבריא. די צעלן זיינען פאָרמירט אין נעסטן, הויפנס, און וואקסן זייער שנעל און פאר־שפרייטן זיך איבער די ביילינענדע געוועבן און לימף פלעצער. די קאנסער צעלן פארהאלטן זיך ווי פאראזיטן, לעבן אױף דעם רעכנונג פון

די אנדערע צעלן און האָבן אויסערגעוויינלאכע פעאיקייט צו פאר־שפרייטן זיך דורך אויסשטרעקן זיך אין אנדערע טיילן. צוליב דער פעאיקייט פון פארשפרייטן זיך טראָגט עס דעם פּאָפּולערן נאָמען קרעבס־קראנקהייט, אָדער ראַק, א וואסער־חיה מיט פילע אויסגעשפריי־טע פיס.

די קרעב־קראנקהייט איז צום אָנפאנג נאָר א לאָקאלער צו־שטאנד וואָס קוקט אוים און פילט זיך ווי א געוויינלאכער געשווילאכץ. אָבער גיך אטאקירט עס די דערבייאיקע געוועבען, גייט אריין אין די בלוט און אנדערע פליסיקייט פון לייב און ווערט צוטראָגן איבערן גאנצן קערפּער, און אנדערע געשווילאכצן פון זעלבן סאָרט פאנגען אָן זיך צו פאָרמירן..

פון דעם קען מען פארשטיין ווי וויכטיק עס איז צו דערקענען א קאַנסער זייער פרי. די כורורגישע באזייטיקונג פון דעם קאנסער אין סאמע אָנפאנג ראַטעוועט די פּערזאָן פון פריצייטיקן טויט. קאנסער פון דער ברוסט האָט די מעלה, וואָס מען קען עס דערקאָנען פרי, מען קאן עס פשוט אָנטאפּן.

אין דער פריער אנטוויקלונג פון דעם קאנסער קען קיין זיכערער דיאגנאָז ניט געשטעלט ווערן עס איז כמעט אומעגלאך אים צו אונ־טערשיידן פון אן אומשולדיקן געשווילאכץ. שפּעטער נעמט דער קענ־סער געשווילאכץ אָן א כאראקטעריסטישן אויסזען. אויך פאנגט אָן דער פּאַציענט אויסזען קראנק, פארלירט וואָג, דער קאָליר פון פנים איז חלב'דיק, אויסגעמאטערט א. א. וו.

ביז איצט איז ניט באוואוסט קיין מיטל געגן קאנסער, אויסער דעם מעסער. ווען מען שניידט אָפּ די גאנצע ברוסט אין די גאָר פריע שטופן פון וואוקס פון קרעב, איז דער פאציענט גאנץ אָפט געראטעוועט. עס איז באוואוסט אז קאנסער פון דער ברוסט טרעפט מען צען מאָל אזוי פיל ווי די אונשולדיקע געשווילאכץ פון זעלבן אָרגאַן.

דעריבער מוז מען פארדעכטיקן יעדן פילבארן געשווילאכץ אלס א קאנסער, ביז וואנען עס ווערט באשטעטיקט, אז עס איז ניט, וואָס קען אין מערסטע פאלן ניט פארזיכערט ווערן ביז דאָס געשווילאכץ

צוזאמען מיט דער ברוסט איז ניט ארונטערגענומען פון דער פרוי׳ס קערפּער. אן אמעריקאנער באוואוסטער כירורג זאָגט: „אויב דער טעות איז געמאכט געוואָרען אין פאררעכענען אן אונשולדיקן געשוויי־לאכץ פאַר אַ קאַנסער, פארלירט די פרוי איר ברוסט אומזיסט. אויב אָבער א קאַנסער ווערט אָנגענומען פאר אן אומשולדיקע געשווילאכץ, פאַרלירט די פרוי איר לעבן אומזיסט“.. עס איז אויך באוואוסט, אז אַ גרויסער טייל פון גאנץ אומשולדיקע געשווילאכצן ווערן מיט דער צייט קאנסערס, און דארום איז עס סיי ווי ראַטזאַם צו באזייטיקן, אָפּט צוזאמען מיט דער ברוסט.

מען געברויכט איצט אויך עקס שטראַלן און ראדיום צוזאמען מיט כירורגישע באהאנדלונג פון קאנסער פון ברוסט און אנדערע טיילן פון קערפּער.

אין יעדער פארדעכטיקן פאל זאָל די פרוי זיך ניט פארלאָזן אויף זיך און גוטע פריינט, נאָר זיך ווענדן צו אַ פאַראַנטוואָרטלאכן ארצט צו שטעלן דעם דיאגנאָז און וואָס פריער אַלץ בעסער.

מרים און יונה בערקאָוויטש

ווענערישע קראנקהייטן

שאַנקראָיד, ווייכער שאַנקער

דאָס איז א ווענערישע וואונד וואָס ווערט פאראורזאכט דורך אנשטעקונג, מייסטנס אין געשלעכטס אַקט. די אנשטעקונג קומט פון די וואָס האלטן זיך ניט ריין, אין שמוץ און ארימקייט און פאָלגן ניט היגיענישע כללים. אין די ריינערע שיכטן פון דער באפעלקערונג איז עס זייער זעלטן. דער ווייכער שאַנקער ווערט אָנגעשטעקט דורך די מאטעריע וואָס געפינט זיך אין דער וואונד און וואָס אנטהאלט באצילן, וועלכע זיינען באוואוסט נאָך דעם נאָמען פון דעם אנטדעקער, דוקרעי. כדי אָנגעשטעקט צו ווערן מיט די באצילן פון דוקרעי מוז זיין א צור־לייזונג, א שפּאַלט אָדער אן אָפּרייב פון הויט.

דער שאַנקראָיד באווייזט זיך אין א פיר און צוואנציק שטונדן נאָך דער אָנשטעקונג אין געשלעכטס אַקט אלץ א קליין רויטע פּינטל. אין א טאָג שפּעטער קוקט עס אויס ווי א פּרישטשיק און ווערט א קרעצל מיט א רויט רעדל ארום אין א טאָג נאָך דעם. דאָס קרעצל עפנט זיך נאָך דעם און לאָזט אן אומריינע פאַרמלאָזע וואונד מיט מאטעריע און בלוט. דער ווייטיק איז גאנץ שטארק אין פאַל פון שאנקראָיד. אָפט זיינען דאָ מער ווי איין וואונד, זעלטענער איז עס צו באגעגענען נאָר איינע אזא וואונד.

דער געוויינלאכער פּלאַץ פאר א שאַנקראָיד איז אויף די געשלעכטס טיילן, אָבער עס טרעפט אויך אויף אנדערע טיילן פון קערפּער. דער שאנקראָיד מוז אונטערשיידעט ווערן פון שאַנקער, וואָס איז דער אָנפאנג וואונד פון סיפילים. דער דיאגנאָז און אנטשיידונג איז בעסער איבערצולאָזן צו א דאָקטאָר צוליב דער גרויסער געפאר פון סיפילי־טישער אינפעקציע.

די הויפּט פּונקטן אין אונטערשיידונג פון די צוויי ווענערישע וואונדען באשטייט אין צייט פון באווייזן זיך נאָך דעם פארקער, אין אויסזען פון דער וואונד און אין פילן פון דער וואונד. א שאַנקראָיד

פילט זיך ווייכער אין באַרירונג, און די ספּיראָכיטין זיינען אַפּוועזנד.

דער ווייכער שאַנקער האָט ניט קיינע שלעכטע נאָכפאָלגן אויסער דעם ווייטיק און אונאַנגענעמלאַכקייט פון דער וואונד און פאַר־גרעסערונג פון די נאָכבאַרע לימף דריזן.

די באַהאַנדלונג פון דער וואונד באַשטייט פון האַלטן זי ריין מיט אַן אַנטיסעפּטישן וואַסער פון שוואַכער צולאָזונג פון ביקלאָריד פון קוועק־זילבער, הייסע זיץ בעדער צו פאַרבעסערן די צירקולאַציע פון די בלוט, פרישע לופט, אַ נאַרהאַפטע דיעטע און גענוגענדע רו.

גאָנאָריע, דער טריפּער

גאָנאָריע איז א קראנקהייט פון וועלכער די מענטשהייט האָט פון די אינגסטע יאָרן פון ציוויליזאציע געליטן. אייניקע שטעלן אין ביבל אנטהאלטן באשרייבונגען פון גאָנאָריע. משה רבינו האָט נאָך געשריבן געזעצן פאר דעם קאָנטראָל איבער דער קראנקהייט. די גריכישע פילאָזאָפן פון די אלטע צייטן דערמאָנען אָט די קראנקהייט. דער גריכישער פילאָזאָף עפּיקור, מיט וועמעס נאָמען עס איז פארבונדן די לערע פון נאָכגעבן זיך פארגעניגנס פון גוף און לעבן א „גוטן טאָג“ ווען עס לאָזט זיך, איז באגאנגען זעלבסטמאָרד צוליב צושטאנדן וואָס זיינען פאראורזאכט דורך גאָנאָריע, ניט קענענדיק אויסהאלטן די ליידן וואָס די קראנקהייט האָט פארשאפט.

נאָך אין יענע אלטע צייטן האָט מען געוואוסט, אז די מענער ווערן אָנגעשטעקט פון אומריינע פרויען. די אויסערלאכע פאָרמען פון גאָנאָריע בא פרויען זיינען לאנג באקאנט געווען דער מעדיצינישער פּראָפעסיע. אָבער די אמת'ע ווירקונג פון דער גאָנאָריע קראנקהייט אױף דער פרוי, אין גאָנאָריע פון די אינערלאכע אָרגאנען, ווי די געבערמוטער מיט אירע רערן, אָווארים און בויך־הויט איז צום ערשטן ארויסגעזאָגט געוואָרן אין 1872 פון עמיל נאָעגגעראטה. אין זיין ווערק פון דעם דערמאָנטן יאָר האָט ער אַזוי געזאָגט :

„א פרוי, וועלכע האָט ווען עס איז אין איר לעבן געהאט שארפע גאָנאָריע מעג ערווארטן פריער אָדער שפּעטער — עס קען זיין א מאָנאט אָדער א יאָר — אלס א פאָלגע, אן אטאקע פון פעריטאָניטיס (אָנצינדונג פון בויךהויט) אין וועלכע עס איז פאָרמע.“ ער זאָגט אויך, אז די פרוי פון א מאן, וועלכער האָט ווען ס'איז ניט געליטן פון גאָנאָריע איז אין דער זעלבער געפאר ווי זי וואָלט אליין געליטן פון גאָנאָריע. דאָס איז צו פּעסימיסטיש, אָבער ווען אין אייניקע יאָר שפּעטער איז אנטדעקט געוואָרן דער מיקראָאָרגאניזם פון גאָנאָריע איז עס באוויזן געוואָרן, אז זיין מיינונג וועגן די גאָנאָריע בא פרויען איז א גאנץ ריכטיקע.

גאָנאָריע איז א ספּעציפישע קראנקהייט, ד. ה. פאַראורזאכט פון איין מיקראָאָרגאַניזם — דער גאנאקאקוס. דאָס וואָרט איז צוזאמענגעשטעלט פון גאנא, וואָס באטייט גאָנאָריע, און קאקוס, וואָס מיינט א רונדער מיקראָב. אונטערן מיקראָסקאָפּ קוקט די גאנאקאקוס אויס ווי צוויי בעבלאך וואָס ליגן זייט בא זייט. צוליב דעם רופט מען אויך דעם מיקראָב דיפּלאקאקוס גאָנאָריע, דיפּלאָ מיינענדיק צוויי. מען רופט עס אויך נאָך דעם נאָמען פון דעם אנטדעקער — נעיסער פון ברעסלאו, וועלכער האָט אים צום ערשטן דמאָנסטרירט אין 1879. די קראנקהייט גאָנאָריע רופט מען אויך „נעיסערישע אינפעקציע".

דער גאנאקאקוס איז א שוואכער אָרגאניזם. ער האָט זייער א שוואכן ווידערשטאנד צו ווארעמקייט און ליכט. ער ווערט געטויטעט אין גאָר א קורצער צייט ווען ארויסגעשטעלט געגן דער זון. א טעמפּעראַטור פון 42 סענטיגראד (107 פארנהייט) הרג'ט עם אוועק



פיגור 49. די גאָנאָקאקוס — די אורזאך פון גאָנאָריע — אונטערן מיקראָסקאָפּ, שטאַרק פארגרעסערט.

די גרויסע פלעקן זיינען מאטעריע צעלן און די קליינינקע פּינטעלאך איז פארלאך זיינען די גאָנאָקאקוס מיקראָבן.

אין גאָר אַ קורצער צייט. אין דער טרוקן לעבט עס אַ קורצע צייט, אָבער אין פייכקייט ווי אין אייטער קען עס לעבן גאַנץ לאַנג.

דער גאנאקאקוס אַטאַקירט נאָר מענטשן. קיין חיות קען די גאָנאָריע ניט אָנשטעקן און פון זיי ווערט מען ניט אָנגעשטעקט מיט דער קראַנקייט.

צווישן ברייטן עולם איז אָנגענומען, אז גאָנאָריע, אָדער דער טריפּער, איז אַ קראנקהייט הויפּטזעכלאַך פון מענער און אז די קראַנקהייט בא פרויען איז אַף אַזוי פיל שעדלאַך אַף וויפיל דער טריפּער איז אַנשטעקענד פאַר מענער. דאָס איז פאַלש.

ניט נאָר ליידן פון גאָנאָריע פרויען אין אַ גרויסער צאָל, נאָר זיי ליידן פון דער קרענק פיל שווערער ווי מענער. ווייל די ווייבלאַכע געשלעכטס־טיילן זיינען עקסטענסיווער ווי די מענערשע און זייערע פונקציעס זיינען פיל גרעסער — האָט די גאָנאָקאקוס אינפעקציע אַ פיל שרעקלאַכערע ווירקונג אַף דער פרוי ווי אַף דעם מאַן. עס איז אַ שרעקלאַך צושטערענדע קראַנקהייט פאַר דער פרוי. קיין אַנדערע קראַנקהייט בא היינטיקן טאָג פאַראורזאַכט ניט אַזא שטערבלאַכקייט, אינוואלידם, פארקריפּלונג, גייסטיקע און פיזישע שמערצן ווי גאָנאָריע פאַראורזאַכט אינדירעקט. עס איז אָנגענומען אז עס איז די העכסט פאַרשפּרייטסטע קראַנקהייט. עס איז גוט באַקאַנט די געפאַר פון סיפילים, אָבער אַלס אַ סאָציאַלע געפאַר איז גאָנאָריע פיל גרעסער. גאָנאָריע באַ פרויען, אויסער דער לאָקאַלער צעשטערונג פון די געשלעכטס־טיילן, רופט אָפט אַרוים אויך געפערלאַכע קראַנקהייטן אויסער אָט די טיילן.

די גאנאקאקישע אינפעקציע איז באַוואוסט צו פאַראורזאַכן גאָר אָפט קראַנקהייטן ווי פּעריטאָניטיס, ארטריטיס, הארץ און נירן פעלערן א. ד. ג. פּערציק פּראָצענט פון די פאַלן, וואָס נויטיקן כירורגישע אָפּעראַציעס אין דער פרויס פּעלווים (בעקן) זיינען צוליב דער אינפעקציע.

פון אַלע פאַלן פון סטעריליטעט אין פרויען רעכנט מען, אַז אַ העלפט איז פאַראורזאַכט פון אָט דער קראַנקהייט. גאָנאָריע האָט

אויך אַ ווירקונג אַף דעם קומענדיקן דור. גאָנאָריע פאַרקריפּלט די פרוי אַזוי, אַז זי קען ניט אויסטראָגן די קינדער. זי פאַרלירט זיי צו פרי אין שוואַנגערשאַפט, אָדער זיי ווערן געבאָרן פאַר דער צייט. עס פאַראורזאַכט אַ קראַנקהייט פון די אויגן אין די ניי־געבאָרענע און אָפט פאַרענדיקט זיך עס מיט בלינדקייט.

די אָנשטעקונג פון דער פרוי קומט פאָר אין דער צייט פון סעקסועלן פאַרקער. דער מאַן פילט זיך גאָר אומשולדיק. ער האָט ווען עס איז געליטן פון גאָנאָריע און איז דאָס רוב זיכער, אַז ער איז פּאָלקאָם אויסגעהיילט, ווייל ער האָט קיינע סימנים ניט פון דער קראַנקהייט. עס איז אַ פאַל פון פּשוט'ער אומוויסנהייט. מערסטע מע־נער זיינען גענוג געוויסנהאַפט ניט צו אָנשטעקן אַ פרוי מיט דער קראַנקהייטן, אַמווינציקסטן זייערע אייגענע ווייבער. דער אמת איז, אַז ער ליידט פון כראָנישע גאָנאָריע, פון וואָס ער ווייס אַליין ניט.

די אָנשטעקונג פון דער פרוי דורך דעם מאַן, וואָס ליידט פון אַ כראָנישן טריפּער איז מער פאַרשטענדלאַך, ווען מען ווייס די אייגנ־שאַפט פון דעם גאָנאָריע מיקראָב, וואָס מען רופט גאָנאָקאָקוס, אויפ־צוהאַלטן זיך אין מענטשלאַכן קערפּער אָן קיינע אויסערלאַכע סימנים פאַר פילע יאָרן, נאָך אַ שאַרפע אַטאַקע פון גאָנאָריע, וועלכע האָט אויס־געוויזן ווי אויסגעהיילט. אָפט דערוועקט זיך אויך די קראַנקהייט נאָך שיכור'ן אָדער אַמאָל נאָך אַ געשלעכטלאַכן פאַרקער. אין אַזוינע פאַלן באַשולדיקט דער מאַן זיין פרוי אין זיין נייער אַטאַקע פון דער קראַנקהייט, דענקענדיק, אַז זי האָט אים אָנגעשטעקט.

עס טרעפט אויך אַז דער מאַן ווערט טאַקע אָנגעשטעקט פון זיין אייגענער פרוי נאָך דעם ווי ער האָט זי אָנגעשטעקט, און שולדיק אין דעם איז ער אַליין. דאָס דערקלערט זיך מיט דעם וואָס די גאָנאָ־קאָקוס לעבנדיק אַף דעם זעלבן באָדן, אין דעם מאַנס געשלעכטס־טיילן אַ לענגערע צייט, איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן, און איז ניט געווען פעאיק אַרויסצואווייזן זיין צעשטערענדע אַקטיוויטעט. אָבער אָט האָט דער מאַן דורך אַ סעקסואַלן פאַרקער איבערגעטראָגן די מיקראָבן אַף אַ מער גינסטיקערן באָדן און זיי האָבן צוריק אָפּגעלעבט, שטאַרק געוואָרן, און

בא א שפּעטערדיקן פאַרקער מיט דער פרוי, צוריק איבערגעפלאַנצט גע־וואָרן אין די מאַנלאַכע געשלעכטס־טיילן, און האָבן איצט אָנגעפאַנגען ארויסווייזן אַ גרויסע אַקטיוויטעט, אַ נייע שאַרפע גאָנאָריע.

דער מאַן פאַרדעכטיקט און באַשולדיקט אין אַזוינע פאַלן זיין פרוי אין פאַרראַט. פון וועמען אַנדערש האָט ער זיך געקענט אָנ־שטעקן? דאָך איז ער דער שולדיקער!

די סימפּטאָמען און די געפערלאַכקייט פון דער גאָנאָריע־אינ־פעקציע ווענדן זיך פיל פון דעם, וואָס פאַר אַ טייל פון די געשלעכטס־טיילן ווערן אינפעקטירט צו ערשט.

אין דער גאָנאָרעאישער אינפעקציע פון וואולוואַ זיינען די סימפּטאָמען זייערע שווערע. די פרוי ליידט פון אַ ברענעניש, ווייטיק, די טיילן זיינען געשוואָלן און רויט. אָט די אינפעקציע טרעפט אָפט די ערשטע נאַכט נאָך דער חתונה. עס איז מעגלאָך אויסצוהיילן גאָ־נאָריע פון דער וואולוואַ אין אַזוינע פאַלן אָן שלעכטע פאָלגן. די יונגע ווייבל גייט אָבער זעלטן צו אַ דאָקטער, און פּרובירט זיך אַליין קורירן מיט איינשפּריצונגען און מיט דעם ברייננגט זי אַריין די אינפעקציע טיפער אין די געשלעכטס־אָרגאַנען מיט שרעקלאַכע רעזולטאַטן.

די אַנדערע סאָרטן פון שאַרפע גאָנאָריע זיינען גאָנאָריעאישע אורעטרייטיס, ווען דער קאַנאַל, וואָס פירט צום אורין פענכער איז אינ־פעקטירט, אַמערסטנס דער פאָדערשטער טייל, פון די וואולוואַ־דריזן, גאָנאָריע פון דער שיידע, פון האַלז פון דער געבער־מוטער, וואָס איז די אָפטסטע גאָנאָרעאישע אינפעקציע בא פרויען. די אַנדערע טיילן וואָס זיינען אָפט אינפעקטירט דורך דעם גאָנאָקאָקוס זיינען, די געבער־מו־טער, די מוטער־רערן, די אָוואַריס, און אויך די בויכהאַל.

די סימפּטאָמען אין דער גאָנאָרעאישער אינפעקציע פון די טיילן זיינען דאָס רוב ניט שווערע. זיי זיינען ניט פיל פאַרשיידן. אָפט זיינען זיי באַגלייט מיט פיבער, ווייטיק און אָן אויספלוס.

באַהאַנדלונג

עס זיינען דאָ אייניקע צושטאַנדן, וואָס זיינען ענלאָך צו דער שאַרפער גאָנאָריע און קענען זיך אָפט סימפּטאָמאַטיש און פּאַטאָ־

לאָגיש גאָר ניט אונטערשיידן פון אַט דער ספּעציפישער קראַנקהייט. עס איז דארום העכסט וויכטיק, אַז די אורזאַכע, דער מיקראָאָרגאַניזם, אין יעדן פאַרדעכטיקן פאַל פון גאָנאָריע זאָל פעסט באַשטימט ווערן. קיין פרוי זאָל ניט דערקלערט ווערן צו ליידן פון גאָנאָריע און ניט באַהאַנדלט ווערן פון דער קראַנקהייט ביז דער דיאַגנאָז איז ניט פעסטגעשטעלט געוואָרן.

דער דיאַגנאָז פון גאָנאָריע קאָן ניט און טאָר ניט געמאַכט ווערן אָן אַ מיקראָסקאָפּישער אונטערזוכונג פון דעם אויספלוס. איין מיקראָסקאָפּישע אונטערזוכונג איז אָפט ניט גענוג. אויב די ערשטע מיקראָסקאָפּישע אונטערזוכונג האָט דעם גאָנאָקאָקוס ניט אַנטדעקט, איז ראַטזאַם צו אונטערזוכן נאָך איינציקע מאָל, אַמווייניקסטן דריי מאָל, עס טרעפט אַמאָל אַז צו דער פינפטער און זעקסטער אונטער־זוכונג אַנטדעקט מען דעם פאַררעטערישן ספּעציפישן מיקראָאָרגאַניזם פון גאָנאָריע.

די וויכטיקייט פון אַ געוויסנהאַפטן פאַרזוך פעסטצושטעלן דעם דיאַגנאָז אין אַלע פאַרדעכטיקע פאַלן איז צו פאַרהיטן די פרוי פון דער פאַרשפּרייטונג פון דער אינפעקציע צו אַנדערע טיילן און די פאָלגן, וואָס די גאָנאָרעאישע אינפעקציע קען ברענגען אין געגענזאַץ צו אַנדערע ניט ספּעציפישע אַנשטעקונג וועלכע האָבן ניט אַזאַ גרויזאַמע ווירקונג אויף דעם שפּעטערדיקן וואוילזיין פון דער פרוי.

אויך איז דער ריכטיקער דיאַגנאָז פון גרויסער וויכטיקייט פאַר די פּערזאָנען, מיט וועלכע די פרוי קומט אין נאָענטער באַרירונג, שוין אָפּגערעדט פון איר אייגענעם מאַן.

די פרוי קען איבערטראָגן די גאָנאָריע, אויב זי איז ניט זייער פאָרזיכטיק, צו אירע קינדער, אַנשטעקנדיק זייערע אויגן און אפילו די געשלעכטס־טיילן.

גאָנאָריע ביי קינדער, הויפּטזעכלאַך באַ מיידלאַך, איז גאָר ניט אַזאַ זעלטנהייט, ווי מען קען דיינקען, און זיי קריגען דאָס הויפּט זעכלאַך דורך אומריינקייט און נאַכלעסיקייט פון אימיצן, וואָס ליידט פון שאַרפער אָדער כראָנישער גאָנאָריע.

די פּראָפילאַקטיק פון גאָנאָריע בא פרויען, די פּארהיטונג, וואָלט באַשטאַנען אין פאַרמיידן צו האָבן געשלעכטלאַכן פאַרקער מיט א מאַן, וואָס ליידט פון כראָנישער גאָנאָריע. די באַשטימונג איז אָפט א זאַך פון אונמעגלאַכקייט פאַר דער פרוי, און פילע מענער רעכענען זיך אליין אויסגעהיילט, ווען אין דער אמת'ן זיינען זיי אָנ־שטעקבאַר. עס זיינען אויך דאָ פאַלן פון ניט סעקסועלער אָנשטעקונג אָבער דאָס זיינען זעלטענע צופאַלן.

די באַהאַנדלונג פון גאָנאָריע, ווען דער דיאַגנאָז איז געמאַכט געוואָרן איז א פאַראַנטוואָרטלאַכע אַרבעט, און מוז אָנגעטרויט ווערן א פאַראַנטוואָרטלאַכן דאָקטאָר. אונטער קיינע אומשטענדן זאָל די פרוי ניט נעמען קיין עצות פון פריינט, און קיין איינשפּריצונגען אָן דעם ראַט פון א דאָקטאָר.

גאָנאָריע בא פרויען ווי בא מענער, אין איר שאַרפער פאָרם, איז א היילבאַרע און זעלבסט באַגרענצטע קראַנקהייט. אונטער זעלבסט „באַגרענצט" מיינט מען, אז די קראַנקהייט, נאָך דעם, ווי עס גייט דורך איר קורס, פאַרשווינדט, און די ליידענדע טיילן ווערן פריי פון דער אינפעקציע ניט איבערלאָזנדיק קיין סימן פון דער קראַנקהייט.

ניט אַלע מאָל טרעפט עס אָבער. אמאָל, ניט קוקענדיק אף דער בעסטער באַהאַנדלונג, גייט די שאַרפע גאָנאָריע אַריבער אין דער כראָנישער פאָרם מיט אַלע שווידערלאַכע פאָלגן. כראָנישע גאָנאָריע ביי פרויען איז פיל שווערער צו היילן ווי ביי מענער, און אָפט באַווייזט זי קיינע סימנים פאַר א לאַנגער צייט, ווייל די ליידענדע טיילן זיינען פאַרבאָרגן און שווער צו באָאָבאַכטן דורך א געוויינלאַכער אונטער־זוכונג. ווען כראָנישע גאָנאָריע ווערט אַנדעקט אין די טיפערע טיילן איז גאַנץ אָפט נויטיק די טיילן אינגאַנצן צו באַזייטיקן דורך כירורגישע מיטלען. דאָס אַלץ באַווייזט די נויטווענדיקייט פון ריכטיגער באַהאַנד־לונג באַלד פון אָנפאַנג.

אין אַלגעמיין באַשטייט די באַהאַנדלונג אין די שאַרפע פאַלן פון דער קראַנקייט אין פאַרגרעסערן דעם ווידערשטאַנד פון פּערזאָן. עס איז הויפּטזעלאַך וויכטיק, אז די קראַנקע זאָלן האָבן אַבסאָלוטע רו,

און נאָך וויכטיקער איז אַז אין דער צייט פון די מאָנאַטלאַכע, זאָל אָנגעהאַלטן ווערן אַ לייכטע דיעטע, און ריינלאַכקייט. די פרוי מוז זיין אין בעט און אויסמיידן יעדע אויפרעגונג, אויסמיידן די געזעלשאַפט פון מענער און, פאַרשטענדלאַך, קיין געשלעכטלאַכען פאַרקער. אַ מילך דיעטע פאַר אַ פאָר וואָכן, אָדער אַ דיעטע וואָס באַשטייט פון פיל פליסיקייט איז זייער וויכטיק. אַלע שטאַרקע און זויערע שפייזן זיינען פאַרווערט און ספּעציעל אַלקאָהאָלישע געטראַנקן.

די טיילן מוזן געהאַלטן ווערן ריין דורך אַ אַנטיסעפּטישער וואַשונג, אָבער גרויס פאַרזיכטיקייט מוז געגעבן ווערן ניט איבערצוטראָגן די קראַנקהייט אין די געזונטע טיילן, ווייל אַן אַנטיסעפּטישער מיטל איז ניט פייאיק צו הרג'ענען די גאַנאָקאָקוס שנעל גענוג, כדי צו פאַרמיידן דאָס אַריבערטראָגן אויף אַ נייעם פּלאַץ דורך באַרירונג.

אַלעס, וואָס קומט אין באַרירונג מיט אויספליסונג מוז פאַרברענט ווערן. די פרוי מוז האַלטן ריין אירע הענט, נוצנדיק זייף און וואַסער און פיליכט אַ גוטן אַנטיסעפּטיק נאָך יעדן מאָל, ווען זי באַרירט די אַפעקטירטע טיילן, כדי ניט אַריבערצוטראָגן די קראַנקהייט צו אימיצן אַנדערש, און הויפּטזעכלאַך צו אירע אייגענע אויגן.

סיפילים

די אַלטקייט פון סיפילים איז היסטאָריש ניט באַשטעטיקט. אייניקע דיינקען, אז עס איז אזוי אלט ווי די מענטשהייט. מען ברייננגט אויסצוגן פון כינעזישע קוואלן, וואו עס ווערן באשריבן סימנים פון קראנקהייטן ענלאך צו די וואָס מען רופט איצט סיפילים. מען ברייננגט אויך שטעלן פון דער ביבל וואָס מען דערקענט אין זיי די קראנקהייט. אַנדערע באווייזן פאר דער גאָר אַלטקייט פון סיפילים קראנקהייט זיינען פארצייטיקע מענטשלאַכע ביינער פון אייראָפּע וואָס טראָגן אף זיך דעם צייכן פון דער קראנקהייט.

די אָנגענומענע מיינונג איז אָבער, אז די מענטשן פון דער אַלטער וועלט האָבן ניט געוואוסט פון דער קראַנקייט ביז דער אנט־דעקונג פון אַמעריקע. מיט דער אַנטדעקונג פון אַמעריקע האָבן די מאַטראָזן עס געבראַכט פון קאָלומבוסעס מדינה קיין שפּאַניען. אין יאָר 1493 האָבן שפּאַנישע סאָלדאַטן דאָס אריבערגעטראָגן קיין נעאפּאָל און האָבן סיפיליזירט די שטאָט. עס האָט זיך באַלד צוטראָגן איבער גאַנץ איטאַליע און אין אייניקע יאָר שפּעטער איז אייראָפּע געווען פול אָנגעשטעקט מיט דעם.

אינטערעסאַנט איז, אז ווען סיפילים איז געוואָרן אזא פאַר־שפּרייטע קראנקהייט אין אייראָפּע, האָבן זיך די דאַמאָלסדיקע דאָקטוי־רים ניט פארנומען מיט דעם באהאנדלען און האָבן עס געלאָזן אין די הענט פון שאַרלאַטאַנעס, וואָס האָבן באַנוצט קוועק־זילבער צו היילן די קראנקהייט, וואָס מען באַנוצט נאָך עד־היום.

שפּעטער האָבן די פּראָפעסיאָנעלע דאָקטוירים אָנגעפאַנגען עס באהאנדלען, און אין 16־טן יאָר־הונדערט האָבן זיי שוין געגעבן גענויע באַשרייבונגען איבער די סימפּטאָמען פון דער קראנקהייט.

אין שפּעטערדיקע יאָרן האָט מען פארמישט סיפילים מיט גאָנאָריע.

מען האָט אָנגענומען די פארשיידענע סימנים אלס ערשיינונגען פון דערזעלבער קראנקהייט. פיל האָט מיטגעהאָלפן דאָס, וואָס סי־

פילים אין דער צווייטער און דריטער שטופע איז פאַרשיידנאַרטיק. אַ זעלבס־אָפּפערענדער עקספּערימענט פון אַ גרויסן דאָקטער פון 17־טן יאָר־הונדערט, יאָהן האָנטער, האָט געהאַלטן די וויסנשאַפטסלייט פון יענער צייט אין בלענדעניש איבער די צוויי באַזונדערע קראַנקהייטן. האָנטער האָט זיך אָנגעשטעקט אום צו באַשטימען די איייניקייט פון די צוויי קראַנקהייטן מיט דעם אויספלוס פון איינעם, וואָס האָט געזאָלט ליידן פון די סימנים פון גאָנאָרעיע. האָנטער האָט אָבער געקראָגן אין צייט די סימנים פון דער צווייטער שטופע פון סיפילים. וואַרשיינלאַך, אַז דער, פון וועמען האָנטער האָט גענומען דעם אויספלוס האָט געהאַט אַ פאַרבאָרגענעם שאַנקער אין געשלעכט־גליד, וואָס האָט שפּעטער פאַראורזאַכט סיפילים אין אָט דעם זעלבסט־אָפּפערענדן וויסנשאַפטס מאַן. דער עקספּערימענט האָט געהאַלטן די וויסנשאַפטס־וועלט נאָך לענגער אין אונוויסענהייט איבער סיפילים. נאָר איייניקע האָבן אונ־טערשיידן די צוויי ווענערישע קראַנקייטן. אין יאָר 1831, האָט ריי־



פיגור 50. די ספּיראָכיטאַ פּאַללידום — די אורזאַך פון סיפילים.
אונטערן מיקראָסקאָפּ, שטאַרק פאַרגרעסערט; קוקן אויס ווי אַ גרייצער.

קאָרד געמאכט 667 אָנשטעקונגען, וואָס האָבן באוויזן אז סיפילים און גאנאריע זיינען צוויי באזונדערע קראנקהייטן.

אלבערט נעיססער, פון ברעסלאו, האָט אין 1879 אנטדעקט דעם מיקראָארגאניזם פון גאנארעיע. אָבער ניט ביז 1905 איז אנט־דעקט געוואָרן די ספיראכיטא פאללידום. נאָך בעפאָר די אורזאך פון סיפילים איז באוואוסט געוואָרן, אין 1903, האָט דער באוואוסטער רוסישער דאָקטער מעטשניקאָוו פון פאסטער אינסטיטוט אין פאריז, אָנגעפאנגען אָנשטעקן פארשיידענע חיות מיט דער קראנקהייט, א קראנקהייט ווי אויך גאנאריע, פון וועלכע זיי ליידן ניט און ס׳איז זיי שווער אָנצושטעקן.

אין 1910 האָט דער באוואוסטער פראָפעסאָר עהרליך אנאָנסירט אז ער האָט געפונען דעם בארימטן מיטל, באוואוסט אלס סאלווארסאָן אָדער „606“, וואָס באצייכנט די צאָל פון זיינע עקספערימענטן. סאל־ווארסאָן האָט געזאָלט הרג׳ענען די ספיראכיטא, ניט שאָדענדיק דעם פאציענט. עס האָט זיך אָבער ארויסגעוויזן אין א געוויסער מאָס צו זיין אויך שעדלאָך פאר די וואָס ווערן מיט דעם באהאנדלט.

און די נייע סאלווארסאָן איז ארויסגעגעבן געוואָרן, וואָס איז אויך יעצט אוניווערסאל געברויכט. די האָפענונגען, וואָס מען האָט אף דעם צום אָנפאנג געלעגט זיינען אָבער פארשוואונדן, און סיפילים איז נאָך אלץ א פראָבלעם.

צוויי יאָר נאָך דער אָנטדעקונג פון דער אורזאך פון סיפילים, האָט דער דייטשער באקטעריאָלאָג, אוגוסט וואסערמאן געגעבן דער וועלט א מיטל צו מאכן א דיאגנאָז איבער סיפילים, וואָס איז באוואוסט אונטערן נאָמען „וואסערמאן רעאקציע“. די וואסערמאן רעאקציע מיט מאדיפיקאציעס ווערט איצט געברויכט איבער דער גאנצער וועלט אין באשטימען א סיפיליטישע אינפעקציע.

די געפאָרן פון סיפילים

סיפילים איז א היילבארע אנשטעקענדע קראנקהייט פון וועל־כער אלע שיכטן פון דער מענטשהייט אין אלע טיילן פון דער וועלט

ליידן. עס איז איינע פון די פארשפרייטסטע און איינע פון די שרעק־לאכסטע פלאגן פון דער מענטשהייט. די קראנקהייט ווערט אָנגע־שטעקט דורך סעקסועלן פארקער אמערסטן, אָבער אויך אַף אנדערע אופנים. עס זיינען באוואוסט פאלן פון אנשטעקונג דורך פארשיי־דענע כלים, וואָס סיפליטיקער האָבן באנוצט, ווי א גלאָז, אָדער לעפל, וואָס איינער מיט אַ סיפליטישער וואונד אַף די ליפן האָט באנוצט; פון קושן זיך מיט איינעם, וואָס האָט אַ סיפיליטישע וואונד, פון דעם גע־ברויך פון פארשיידענע זאכן, וואָס זיינען בארירט געוואָרן פון די אויס־פלוסן פון אַ סיפיליטישער וואונד און אויך אין אַ גרויסן פראָצענט קומט עס דורך ירושה.

די פאָלגן פון סיפיליטישער אנשטעקונג זיינען שרעקלאך אין די פאלן, וואָס ווערן ניט אויסגעהיילט. די קראנקהייט קען באשעדיגן יעדן קערפערלאכן סיסטעם, יעדען אבר, די הויט, דאָס הארץ, די נירן, די ביינער, דער מארך און נערוועז און יעדער אנדער טייל פון קערפער קענען ווערן אטאקירט און צעשטערט דורך דער ספּיראכיטא. דאָס דער־קלערט זיך מיט דעם, וואָס מען רעכנט, אז עס זיינען דאָ פארשיידע־נע מינים פון דעם ספּיראכיטא מיקראָב, כאָטש זיי האָבן אלע דעמ־זעלבן אויסזען. איין מין פון דער ספּיראכיטא איז פעאיק צו אטאקירן די הויט, אן אנדערע דאָס הארץ, אַ דריטע די נערוועז א. א. וו.

אויסער דער צעשטערענדער ווירקונג אַף די אָרגאנען, ברייננגט די קראנקהייט די שווידערלאכע פאָלגן פון ארויסרופן סטעריליטעט, אימפּאטענץ, אבאָרטן און ווען אַ לעבעדיקער קינד ווערט שוין געבאָרן — איז ער אָפט פארקריפּלט דורך איינגעבאָרענעם סיפיליס.

די פרוי איז אָנשטעקבאר און איז פעאיק צו אָנשטעקן, ווי דער מאן. דאָך מוז מען צוגעבן, אז די פרוי קען אָנשטעקן אָפטער ווי דער מאן. אין דער פרוי קען אַ סיפיליטישע וואונד זיין פארבאָרגן אין אירע געשלעכטס־טיילן און אַ וועלכן עס איז פארדאכט. בא פרויען בכלל גייט אָן די קראנקהייט אין אַ לייכטערער און באהאלטענערער פאָרמע, און אָפט קען די פרוי גאָרניט פארדעכטיקן זיך זעלבסט, אז זי ליידט פון דער קראנקהייט און בא אירע בעסטע ווינטשן שטעלן דאָך

אין געפאַר אירע נאָענטע.

דער פעריאָד פון אנשטעקונגס־פעאיקייט אין מאַן, ד. ה. די צייט ווען דער מאַן־סיפיליטיקער קען אָנשטעקן וועמען ניט־איז, רע־כענט מען פון דריי ביז פינף יאָר, אָבער די אַנשטעקונג־פעאיקייט פון דער סיפיליטישער פרוי, דענקט מען, איז לייננער, און אייניקע האלטן, אז עס איז ביז אַכט יאָר.

די פרוי האַלט מען אויך אַלס די שולדיקע אין אנשטעקן דאָס צוקינפטיקע קינד, אין די פאַלן פון איינגעבאָרענעם סיפילים.

אימוניטעט

סיפילים איז היילבאַר. נאָכמער, עס איז א זעלבסט־באגרענצטע קראַנקהייט. אין אנדערע ווערטער, אונטער פאַסענדע באדינגונגען ווערט דער קראַנקער פאַלקאָם אויסגעהיילט אָן קיין באהאַנדלונג. די בלוט רייניגט זי אויס פון די ספּיראכיטן, די סימפּטאָמען פארשווינדן, דער פּאַציענט פילט גוט, און אויב די אינפעקציע האָט ניט באשעדיקט א לעבנס־וויכטיקן אָרגאַן, איז ער אזוי גוט ווי ער איז געווען בעפאָר דער אָנשטעקונג. זי איז אויך ניט מער אנשטעקענד פאַר אנדערע און וועט ניט איבערגעבן די קראַנקהייט ברושה.

מוטער־נאַטור פאַרהיט אונז און היילט אונז פון סיפילים ווי פון אנדערע קראַנקהייטן. אירע מיטלען זיינען אומבאַגרענצט, ווירקזאַם, און פאַלקאָם. אמת, זי היילט ניט אַלע ליידנדע, זי היילט אָבער די פּאַסנדסטע, די וויכטיקסטע פון ביאָלאָגישן שטאַנדפּונקט. זי לאָזט אָפּט דעם יחיד אונטערגיין, אָבער טוט דאָס בעסטע פאַר'ן כלל, פאַר דער ביאָלאָגישער גאַנצקייט און וואוילזיין פון דער מענטשלאַכער ראַסע.

פאַר דער פאַרטיידיקונג פון דער מענטשהייט פון אונטערגאַנג דורך דער שווערער סיפיליטישער קראַנקהייט, האָט אונז באוואָרנט די נאַטור מיט איינעם פון אירע ווירקזאַמסטע מיטלען — מיט דער וואונ־דערלאַכער דערשיינונג פון אימוניטעט. אונטער דעם טערמין „אימו־ניטעט" פאַרשטייט מען די פעאיקייט פון לעבעדיקן קערפּער צו שטערן דאָס אַנטוויקלען פון שעדלאַכע מיקראָבן אין אים און פון זייער אויסאיבן זייער שעדלאַכע ווירקונג אף דעם קערפּער.

אין דעם איינצעלנעם קען מען זען, אז ווען איינער ווערט אויס־געהיילט פון סיפילים און ווערט איבער דאָסניי אָנגעשטעקט, איז די צווייטע אינפעקציע פיל לייכטער ווי די ערשטע. אמאָל האָט מען גראד געדיינקט, אז מען קען ניט אָנגעשטעקט ווערן א צווייטן מאָל מיט סיפילים. דאָס וואָלט מען געקענט אויסטייטשן אף צוויי אופנים. ערשטנס, אז סיפילים פאראורזאכט א פאָלקאָמענע אימוניטעט צו ווי־דער־אינפעקציע, און צווייטנס, פארקערט, אז דער סיפיליטישער צו־שטאנד פון קערפער איז ניט פארשוואונדן, און דארום קומען ניט די סימפטאָמען פון דער צווייטער אינפעקציע. איז אָבער באוויזן גע־וואָרן, אז א ווידער־אינפעקציע קען פאָרקומען, אָבער נאָר נאָך פילע יאָרן נאָך דער פריערדיקער סיפיליטישער קראנקהייט. דאָס קען מען אויך אָננעמען אלס באווייז, אז די ערשטע אינפעקציע איז אויסגעהיילט געווען.

צו באגרינדן אָט די מיינונג קען מען ברענגען די עקספערי־מענטן אף חיות, וואָס באווייזן, פארקערט, אז אזוי לאנג ווי די פערזאָן ליידעט פון סיפילים קען ער ניט אָנגעשטעקט ווערן איבער דאָסניי. א פערזאָן וואָס איז אָנגעשטעקט געוואָרן איינמאָל קען מען נאָר אָנ־שטעקן אין דער צייט בעפאָר דער שאנקער האָט זיך באוויזן, און פאר פופצען ביז דרייסיק טעג נאָך דעם באווייזן זיך פון שאנקער. פון דער צייט אָן ביז דער פאציענט איז אויסגעהיילט, וואָס קען באשטעטיקט ווערן דורך דער אבוועזענהייט פון קלינישע סימפטאָמען, אבוועזענהייט פון די ספיראכיטן און פון דער וואסערמאן רעאקציע וועלכע פאר־בלייבט פערמאנענט נעגאטיוו, איז די פערזאָן ניט מעגלאָך ווידער צו אָנשטעקן מיט סיפילים.

און ניט נאָר אין איינצעלנעם זעען מיר די באמיאונג פון דער נאטור צו פארלייכטערן די קראנקהייט, נאָר מיר געפינען, אז דער ווידערשטאנד צו סיפילים גיט זיך איבער צו די קומענדע דורות. ווי אין אנדערע קראנקייטן אזוי אין סיפילים, זעט מען, אז די פעלקער, וועלכע האָבן געליטן לענגער פון דער קראנקהייט, ליידן ניט אזוי שטארק פון דעם ווי צווישן די פעלקער בא וועמען סיפילים איז א נייע אינפעק־

ציע. מען באמערקט, אז סיפילים בא די ציוויליזירטע פעלקער איז יעצט פיל מילדער, ווי מיט אייניקע יאָרהונדערט צוריק, און דאָס איז זיכער ניט צו פארדאנקן אינגאנצן דער מאָדערנער באהאנדלונג, ווייל ווי מיר וועלן באלד זען, איז די באהאנדלונג צו היינטיקן טאָג ניט ווייט אוועק פון דער באהאנדלונג פון די שארלאטאנעם פון 15־טן און 16־טן יאָר־הונדערטע. עס איז די ביאָלאָגישע פ א ר ט י י ד י ק ו נ ג פון דעם מין, ערוואָרבן דורך פילע יאָרן פון דערפארונג אין באקעמפן א קער־פערלאכן שונא, כאָטש אונזיכטבאר קליין, דאָך מעכטיק צושטערענד פאר דעם מענשלאכן אָרגאניזם.

די אונטערזוכונגען און אנטדעקונגען וואָס ווערן געמאכט איבער אימוניטעט אין סיפילים איז א נייע פעלד. די מעדיצינישע פראָפעסיע האָט נאָך ניט געלערנט דעם גאנצן ווערט פון דער דערשיינונג.

דער שאנקער

מען צוטיילט דעם קורס פון סיפיליטישער קראנקהייט אין דריי פעריאָדן אָדער שטופן. די צוטיילונג ווערט געמאכט פאר באקוועמ־לאכקייט נאָך דער אנטוויקלונג פון דער קראנקהייט און נאָך די סימפטאָ־מען וואָס מען געפינט בא דעם חולה.

1־טע שטופע: די צייט פון דעם מאָמענט פון אָנשטעקן ביז דער צייט וואָס עס באווייזן זיך אלגעמיינע, קאָנסטיטוציאָנעלע סימפטאָ־מען, רעכענט זיך פאר דער ערשטער שטופע. די ערשטע דריי וואָכן פון אָט דער צייט זיינען באם אָנשטעקן ניטאָ קיינע סימנים פון קראנק־הייט.

אָבער די ארבייט פון די מיקראָאָרגאניזמען, די ספּיראָ־כיטן, גייט אָן גאנץ פלייסיק אין קערפער פון קרבן. זיי פארמערן זיך שנעל און צושפרייטן זיך איבער די לימף דריזן, דעם מארך פון די ביינער און אנדערע גלידער פון קערפער.

עס באווייזט זיך א פרישטשיקלאָך דעם פלאץ פון אנשטעקונג וואָס קוקט אויס גאנץ אונשולדיק און אנטוויקלט זיך אין אן אָפענער וואונד, וואָס מען רופט שאנקער אָדער הארטער שאנקער.

דער שאנקער טרעפט פון פארשיידענע גרויסן. עס קען אויס־זען די גרויס בלויז פון א שפּילקע־קעפּל און קען זיין צוויי־דריי סענ־טימעטער אין דיאמעטער. דער שאנקער ווייטיקט ניט, גיט ארויס א דינע פליסיקייט און איז הארט. עס האט דעם אויסזען פון א שיסל, מיט די ברעגן אויפגעהויבן. אין דעם אויספלוס פון שאנקער קען מען גע־פינען די ספּיראכיטא, און דאס מוז דינען אלס א גענוגענדיקע ווארנונג. אפט קען דער שאנקער אינגאנצן ניט באמערקט ווערן. דאס טרעפט ווען עס איז גאר קליין און אויף א פּלאץ וואו עס איז שווער צו זען, ווי אין דער שיידע און אנדערע פארשטעלטע ערטער. דאס רוב, און איבער אכציק פּראצענט געפינט מען נאר איין סיפיליטישע וואונד. עס טרעפן אבער אויך אייניקע שאנקערס, צוויי און מער, פון פארשיידענע גרויסן, אממערסטען אף דעמזעלבן פּלאץ.

אין א קורצער צייט נאך דאס באווייזן זיך פון דעם שאנקער פאנגען זיך אן פארגרעסערן די נאענטסטע לימף דריזן.

דער שאנקער דויערט ניט לאנג. אפילו אן באהאנדלונג קען זיך עס פארהיילן אין אייניקע טעג. אפט דויערט עס וואכן. דער שאנקער לאזט ניט איבער קיין סימן אף דער הויט. די לימף־דריזן ווערן אויך קלענער, אדער עפענען זיך און לאזן ארויס מאטעריע.

דער אלגעמיינער געזונטס־צושטאנד פון חולה קען זיין גוט. ער קען ניט האבן קיין פיבער און ווייטיקן און מען קען זיך פילן אין גוטן געזונט אין דער צייט פון דער סיפיליטישער אינפעקציע.

קאנסטיטוציאנעלער סיפילים

2־טע שטופע: דער שאנקער האט זיך פארהיילט און די לימף דריזן האבן זיך פארקלענערט. די פערזאן פילט אפט גאנץ גוט. די ספּיראכיטן אבער פארמערן זיך, פילן אן אלע גלידער אין קערפּער, גייען אריין אין די בלוטן און מארך און צערשטערן עס. דער קראנקער פאר־לירט דעם פריערדיקן געזונטן־אויסזען, און קריגט א געלבלאכן אדער בלאסן אויסזען. ער קריגט פיבער, אפט גאנץ הויכן, איבערהויפּט ווען דער פערזאן איז ניט קיין גאר־געזונטער, גוט־ערנערטער. עס באווייזט

זיך אן אויסשיט איבערן הויט פון גאנצן קערפּער. אין מויל, באם אריינ־גאנג פון שייד, אונטער די בריסט באווייזן זיך פלעקן. די פלעקן זיינען פּערל־ווייס, פון פאַרשיידענע פאָרמען. שפּעטער בייט זיך דער אויסזען פון די פלעקן און קוקן אויס ווי וואונדן מיט אויפגעהויבענע ברעגן. דער פיבער גייט דאַן אַראָפּ, דער קראנקער פילט אויך ווייטיקן הויפּט־זעכלאַך באַנאַכט. אין די ביינער פון די אָרמס און די פיס און אין שאַרבן פון קאָפּ.

עס פאַנגען אָן אויך אַרויספאַלן די האָר. אמאָל איז עס א געוויינלאַכע ערשיטערונג, אָפט אָבער פאַלן זיי נאָר אין באַזונדערע טיילן פון קאָפּ און לאָזן פיל קליינע פליכן פון פאַרשיידענעם גרויס.

עס מאַכט זיך אויך אז דער פּאַציענט קען האָבן אַנדערע סימפּטאָמען, אַן אַנטצינדונג אין האַלז און הייזעריק ווערן, אַנטצינדונג פון די אויגן א. א. וו.

די אַלע סימפּטאָמען קענען זיין פון פאַרשיידענער אינטענסי־וויטעט. אזוי צ. ב. קען דאָס אויסשלאַג אף דעם לייב זיין אזוי שוואַך, אז עס זאָל זיין קוים באַמערקבאַר. אייניגע סימפּטאָמען זיינען אינגאַנצן אַבוועזענד.

קאָנסטיטוציאָנאַלער סיפילים דויערט פון זעקס ביז אַכטצען מאָנאַטן, א יאָר אין דורכשניט. נאָך דעם פּעריאָד קען דער פּאַציענט פילן גוט. ער קוקט אויס ווי ער איז אינגאַנצן געזונט און דאָס רוב איז ער טאַקע געזונט.

פאַרשפּעטיקטער סיפילים

די דריטע שטופע: דאָס פאָלגט דעם קאָנסטיטוציאָנעלן סיפילים.

ווען די פּערזאָן מיט קאָנסטיטוציאָנעלן סיפילים איז געזונט און שטאַרק, און דער ווידערשטאַנד פון קערפּער צו אינפּעקציע איז גוט, און, הויפּטזעכלאַך, ווען ער האָט געהאַט אַ גענוגענדע און ריכטיגע באַהאַנדלונג, איז צו ערוואַרטן, אז קיינע סימנים פון סיפילים ווען

זיך מער ניט באַווייזן. מערסטע פאַלן פון סיפיליס ענדיקן זיך מיט דעם קאָנסטיטוציאָנעלן סיפיליס. אין אונבאַהאַנדלטע פאַלן איז עס באַוואוסט צו פאַראורזאַכן אַ שפעטערדיקן סיפיליס נור אַרום 25 פּראָצענט פון סיפיליטיקער. אין גוט באַהאַנדלטער סיפיליטישער אינפעקציע איז דער פּראָצענט פון די וואָס קריגן די קראַנקהייט אין דער לעצטער שטופע בלויז אַרום 2 פּראָצענט.

די דריטע שטופע פון סיפיליס קומט קיינמאָל ניט פריער פון דעם צווייטן יאָר פון דער אינפעקציע. אַממערסטן קומט עס, אויב עס קומט נאָר, אין דעם דריטן אָדער פערטן יאָר. עס קען אָבער אויך קומען אַזוי שפעט ווי פינף־און־צוואַנציק, און ווי אַנדערע דענקען אַפילו פופציק יאָר נאָך דער אינפעקציע.

מען האָט פריער געדענקט, אַז סיפיליס אין אירע לעצטע מאַניפעסטאַציעס, וואָס כאַראַקטעריזירן דעם דריטן פעריאָד, איז אַ פאָלגע פון קאָנסטיטוציאָנאַלן סיפיליס, אַז דאָס איז פאַראורזאַכט פון דער ספּיראַכיטאַ און אירע גיפטן אין דער צייט פון דעם צווייטן פעריאָד פון דער קראַנקייט, נאָר אָט די פּאַטאָלאָגישע צושטאַנדן, וואָס באַלאַנגן צו דער לעצטער שטופע פון דער קראַנקייט זיינען ניט אַנטוויקעלט געוועזן געגנוג אַרויסצוציינגן זיך אין יענער צייט צוזאַמען מיט די אַנדערע כאַראַקטעריסטישע סימפּטאָמען פון דעם צווייטן פעריאָד. די מיינונג איז געווען געגרינדעט אויף דעם, וואָס מען האָט ניט געקענט געפינען דעם סיפיליטישן מיקראָאָרגאַניזם אין דעם דריטן פעריאָד.

לעצטנס אָבער האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטדעקן די ספּיראַכיטאַ אין די וואונדן פון דער דריטער שטופע. דאָס נעמט מען אָן צו באַדייטן, אַז די פּאַטאָלאָגישע צושטאַנדן פון סיפיליס אין דער דריטער שטופע זיינען דירעקטע רעזולטאַטן פון דער צושטערענדער אַרבעט פון דער ספּיראַכיטאַ און אירע גיפטן וועלכע האָבן נאָך ניט פאַרלאָזן דעם קערפּער. אין דער שטופע איז סיפיליס זעלטן אָנשטעקבאַר. עס איז אָבער יע דאָ אַ מעגלאַכקייט פון אַנשטעקן אַזוי לאַנג ווי אין די צושטענדן געפינען זיך די מיקראָ־אָרגאַניזמען וואָס פאַראורזאַכן סיפיליס. מען דענקט אויך אַז די קינדער געבאָרן פון עלטערן

וואָס האָבן אריבערגעקומען דעם קאָנסטיטוציאָנאלן סיפילים, כאָטש ניט פריי פון דעם דריטן פעריאָד, קענען זיך זיין פאָלקאָם געזונט, פריי פון סיפילים.

די קראנקהייט פון דער שטופע פון סיפילים אונטערשיידט זיך מיט דעם, וואָס עס איז מער באגרענעצט צו א געוויסן טייל פון קערפער, א סיסטעם, אָדער א גליד, ווי די הויט, די ביינער, די אינערלאכע אָרגאנען, די נערוועז, דעם רוקן־ביין מארך און דעם מארך.

אויך איז די שטופע פון סיפילים ניט געניינט צו זעלבסט באגרענעצונג, צו געהיילט ווערן, נור צו צערשטערונג. די הויט און אינערליכע אָרגאנען ווערן צעשטערט דורך דער פאָרמירונג פון געשווירן, וואָס מען רופט געוועגלאך פראנצן. די ביינער פון קערפער ווערן צעשטערט און מען זעט אָפט די קרבנות פון דער חולאת מיט צעבראָכענע ביינער פון אלע טיילן פון קערפער און איינגעפאלענע נעזער. דאָס הארץ, דער מאָגן, די נירן, דער לעבער קענען ווערן צעשטערט.

די נערוון, דער מארך ווערן אָפט אטאקירט און דער קרבן ווערט פאראליזירט אָדער משוגע.

דיאגנאָז

עס איז פון דער העכסטער וויכטיקייט אין יעדן פארדעכטיקטן פאל אויסצוגעפינען וואָס פריער אויב עס איז א פאל פון סיפיליטישער אינפעקציע. ווען די באהאנדלונג פון סיפילים איז אָנגעפאנגען געוואָרן פריער קען מען ערווארטן פיל בעסערע רעזולטאטן, און אין אייניקע פאלן אן אבאָרט, אן איבערברעך, פון דער סיפיליטישער אינפעקציע.

אין אָנפאנג פון סיפיליטישער אינפעקציע, ווען דער איינצעלנער סימפטאָם איז די לאָקאלע וואונד, דער שאנקער, איז עס מעגלאך צו באשטעטיקן דורך געפינען די ספיראכיטא פאללידום, דעם מיקראָב וואָס פאראורזאכט סיפילים, אין די אויספליסן פון דער וואונד.

מיט דער אנטוויקלונג פון דער אינפעקציע אין קערפער איז מעגלאך צו באשטעטיקן די קראנקהייט דורך דער אזוי־גערופענער וואַסערמאן רעאקציע.

די וואססערמאַן רעאַקציע און די מאָדיפיקאַציעס פון דעם זיינען געמאַכט אויף דעם בלוט פון דעם פּאַציענט. אַ ביסל בלוט פון אַן אָדער ווערט ארויסגעצויגן און ווערט באַנוצט אין דער פּראָבע, וואָס איז זייער קאָמפּליצירט. די וואססערמאַן רעאַקציע וועט ניט באַשטעטיקן סיפי־ליס גלייך נאָך דער אינפעקציע, נאָר זי וועט עס באַווייזן אין זעקס אָדער אַכט וואָכן נאָך דעם. אָפט אָבער קען עס באַווייזן פיל פריער. עס האָט באַשטעטיקט אַזוי פרי, ווי פינף טעג נאָך דער אינפעקציע. אין קאָנסטיטוציאָנעלן סיפיליס, ווען עס איז ניט געוואָרן באַהאַנדלט, וועט די וואססערמאַן רעאַקציע פאָרקומען אין יעדן פאַל, גאַנצע הונדערט פּראָצענט. דאָס באַווייזט אויף וויפיל מען קען זיך פאַרלאָזן אויף דער פּראָבע. עס זענען דאָ פאַלן ווען, ניט קוקנדיק אויף די קלינישע סימפּטאָמען פון סיפיליס, איז עס דאָך אוממעגלאך צו באַשטעטיקן דורך אַ וואססערמאַן רעאַקציע.

אין אַזוינע פאַלן באַנוצט מען אַ שפּיצל. מען פּראָוואָצירט דעם פּאַציענט מיט אַן איינשפּריצונג פון סאַלוואַרסאַן. געוויינלאך מיט אַ סאַלוואַרסאַן באַהאַנדלונג ווערט די וואססערמאַן רעאַקציע נעגאַטיוו, אָבער מיט אַן איינצעלנער איינשפּריצונג פון סאַלוואַרסאַן און אַ קליין דאָזע וועט זיך די וואססערמאַן רעאַקציע באַווייזן, אויב דער פּאַציענט ליידעט פון סיפיליס.

אָפט קומט אויס צו מאַכן די וואססערמאַן רעאַקציע ניט אויף די בלוט, נאָר אויף די פליסיקייט פון דעם רוקן־מאַרך. דאָס געברויכט מען ווען מען קען ניט באַשטעטיקן אַ פאַרדעכטיקן פאַל דורך אַ בלוט־וואססערמאַן.

עקס־שטראַלן באַנוצט מען אין באַשטימען סיפיליס פון די ביינער און אינערלאַכע אָרגאַנען, ווען מען פאַרדעכטיקט אַז די קראַנק־קייט האָט באַשעדיקט די דערמאָנטע אָרגאַנען.

באהאנדלונג פון סיפילים

די היילבאַרקייט פון סיפילים איז נאָך אלץ בא פילע א צווייפל־האפטע זאך. און די באהאנדלונג פון דער קראנקהייט איז נאָך ניט ווי געוואונשן.

זאָגט אָבער אן אמעריקאנער סיפילאָלאָג: „אָנגענומען די מיקראָבישע אָפּשטאמונג פון סיפיליטישער אינפעקציע, איז די ספאנטאנע טענדענץ געהיילט צו ווערן פון סיפילים כמעט אויסער צווייפל. דאָס איז א טייל פון דער לעבנס געשיכטע פון מיקראָאָרגאניזם.“ אין אנ־דערע ווערטער, סיפילים איז א זעלבסט באגרענצטע קראנקהייט, ווי די אנדערע קראנקהייטן פאראורזאכט פון מיקראָבן. דאָס מיינט אָבער ניט, אז די קראנקהייט פאָדערט ניט קיין באהאנדלונג. די בעסטע באהאנדלונג איז ניט צו גוט אין דעם פאַל, ווייל ביז די קראנקהייט לעשט זיך פון זיך זעלבסט ניט אויס ווערט פיל שאָדן געטאָן צום מענטשלאכן קערפּער און יעדע באמיאונג צו פארשנעלערן דעם פּראָ־צעס פון היילונג, און פארמינדערן דעם שאדן וואָס דער קערפּער קען ליידן זיינען בארעכטיקט.

די באהאנדלונג פון סיפילים פאַר די אייניקע הונדערט יאָר וואָס די קראנקהייט איז באוואוסט צו האָבן אריינגעדרונגען אין אייראָפּא פון אמעריקע, האָט דורכגעמאכט קליינע ענדערונגען.

די באהאנדלונג מיט קוועק־זילבער, וואָס די „קוועקס“ האָבן נאָך געברויכט צו באקעמפן די קראנקהייט בעפאָר די געשוואָרענע מעדיצינישע פּראָפעסיע האָט זיך פארנומען מיט סיפילים, איז פאַר־בליבן ביז היינטיקן טאָג איינע פון די שטאַרקסטע וואפן געגן דער קראנקהייט אין די הענט פון דער מעדיצינישער פּראָפעסיע. עהרליך מיט זיין ערפינדונג פון סאָלווארסאָן אָדער 606, ווי אויך אנדערע אנטוויקלונגען אין סיפילאָלאָגיע, האָט ערוועקט א נייעם אינטערעס אין ז'ער באהאנדלונג פון דער קראנקהייט. איצט שפּירט מען נייע ווענ־דונגען קומען פאַר אין דער באהאנדלונג פון סיפילים.

דער נייער קוק אויף דער באהאנדלונג פון סיפילים איז גענייגט

מער צו דער אויפמערקזאמקייט אויף די נאטירלאכע קרעפטן פון קערפער זעלבסט צו באקעמפן זיין שונא, די מיקראָבן און זייערע גיפטן, איידער צו די מיטלען וואָס דארפן צערשטערן די מיקראָבן אין מענטשלאכן קערפער.

„עס איז גוטע פראקטיק צו באקעמפן דעם פאראזיט. אָבער דער קערפער מוז געהאָלפן ווערן אין דעם קאמף געגן אים" — זאָגט אן איטאליענישער סיפילאגראף. און אן אמעריקאנער שרייבט: „דאָס עקזיסטירן פון אן אמת'ער אימוניטעט אין עקספערימענטאלן סיפילים איז אנדעקט געוואָרן דורך טשענסי און קעמפ... דאָס גיט אונטערשטיצונג יעניקע וועלכע גלויבן, אז די באהאנדלונג פון סיפילים דארף פארגרעסערן דעם קערפערלאכן ווידערשטאנד, גיכער ווי צו אָנגרייפן דעם פאראזיט דירעקט."

דיזע נייע ווענדונג אין דער באהאנדלונג פון סיפילים איז דער היפך פון עהרליך'ס טעאָריע, וואָס הערשט נאָך צו יעצטיקן טאָג, אז סיפילים קען אויסגעהיילט ווערן דורך דער סטעריליזאציע פון דעם בלוט דורך סאלווארסאן. פיל ניט באפרידיקטע האָפנונגען האָט דיזע ערפינדונג פון עהרליך ארויסגערופן. דער גרויסער טומל וואָס האָט זיך אויפגעהויבן ארום סאלווארסאָן האָט נאָר מיטגעהאָלפן, אז פילע לייכטזיניקע דאָקטוירים און אונוויסענדע פאציענטן זאָלן זיך אינגאנצן פארלאָזן אויף דאָס פיל געלויבטע מיטל, פארנאלעסנדיק די אלטע מער אויסגעפּרובירטע מעטאָדן.

„עהרליך'ס טעאָריע, זאָגט לידסטאָן, אן אמעריקאנער סיפילאָלאָג, אז סיפילים וואָלט געקענט פארניכטעט ווערן דורך דער סטעריליזירונג פון דעם בלוט דורך סאלווארסאָן, האָט אויפגעלעבט דעם אַלטן פאלשן געדאנק וועגן דער געגנגיפטיקער באהאנדלונג פון סיפילים, פיל צום גונסטן פון די ניט געניטע אין סיפילאָלאָגיע און קאָמערסאנטן אין דער מעדיצין. מעגלאך אַז אייניקע מער געניטע, ניט זאָגענדיק מער געוויסנטהאפטע קעפ, זיינען אויך געוואָרן פארדרייט."

און אזוי, מיט די ערשטע סימנים פון סיפילים איז נויטיק צו ברייגנגען דעם קראנקן אין בעסטן פיזישן צושטאנד, פארבעסערן דעם

אַלגעמיינעם געזונדם צושטאַנד. פאַר דעם זיינען די אַלטע גוט באַקאַנטע און פּשוט'ע מיטלען די בעסטע. דאָס זיינען: פרישע לופט, זון שיין, אַן איינפאַכע נאַרהאַפטע דיעטע מיט גענוג פרישע פרוכט און גרינסן. אין קיין פאַל מיינט ניט אַ נאַרהאַפטע דיעטע — זיך איבערעסן. און איינע פון די וויכטיקסטע זאַכן איז גענוגענדע רו. עס איז ניט נייטיק צו ליגן אין בעט דעם גאַנצן טאָג, פאַרקערט אַ געוויסע מאָס פיזישע איבונגן זיינען ווינשענסווערט פאַר דעם וואָלזיין פון יעדן מענטשן, איבערהויפּט אויף דער פרייער לופט. אין דער זעלבער צייט מוז מען באַזייטיקן יעדן צושטאַנד וואָס קען שעדיקן דעם קערפּער. דאָס זיינען אָפּט שלעכטע ציין, פאַרשטאָפּונג, דאגה, אויפרעגונג געשלעכטלאַכע און אַנדערע א. א. וו.

דער שאַנקער פאָדערט ניט קיין לאָקאַלע באהאַנדלונג, אויסער אַ מילדע אַנטיסעפּטישע מיטל. די אַנטיסיפיליטישע מיטלען זיינען די דערמאָנטע סאַלוואַרסאָן און ניאָ־סאַלוואַרסאָן וואָס מען געברויכט איצט אוניווערסאַל, אויך דאָס גאָר אַלטע מיטל פון די „קוועקס“ — שאַרלאַטאַנעם — קוועק־זילבער (מוירקערי) און אַנדערע.

קוועק־זילבער ווערט ניט געברויכט מיט דער זעלבער אַבזיכט וואָס סאַלוואַרסאָן — צו פאַרניכטן די ספּיראַכיטן, די מיקראָבן. מען געברויכט איצט דעם קוועק־זילבער גלייכצייטיק מיט ניאָ־סאַלוואַרסאַן אָדער סאַלוואַרסאָן.

אויסער די צוויי דערמאָנטע מעדיקאַמענטן געברויכט מען נאָך אייניקע, אויף וועלכע מיר וועלן זיך דאָ ניט אָפּשטעלן.

מיט דערזעלבער אַבזיכט וואָס מען געברויכט קוועק־זילבער, אַרויסצוּוואַרפן פון קערפּער די פּראָדוצירטע דורך דער אינפעקציע שעדלאַכע שטאָפן, געברויכט מען פאַר די לעצטע אייניקע הונדערט יאָר אויך אַזוינע מעטאָדן ווי הייסע בעדער, שוויץ־בעדער, פאַסטן און דאָס גלייכן.

די רעזולטאַטן פון דער באהאַנדלונג פאָלגט מען נאָך מיט דער וואַסערמאַן רעאַקציע וועלכע קען באַווייזן ווען די קראַנקהייט איז פּערמאַנענט אויסגעהיילט.

די באהאנדלונג פון סיפילים איז ווייט פון צו זיין פארפאָלקאָמט און סטאנדאריזירט. קיין ספּעציפישע מיטל געגן דער קראנקהייט איז נאָך ניט אנטדעקט געוואָרן, דאָך איז די קראנקהייט אין מערסטע פאלן היילבאר, און דער שרעק וואָס עקזיסטירט צווישן די ברייטע שיכטן פון דער באפעלקערונג אין אלע טיילן פון דער וועלט פאר דער קראנקהייט איז ניט אינגאנצן פארדינט. סיפילים איז זייער א פארשפּרייטע קראנקהייט. מענער, פרויען און קינדער, רייך און אָרים, געבילדעטע און אנטוויקעלטע, ווי די נידעריקסטע שיכטן פון דער מענטשהייט אין יעדן ווינקל פון ערד קוגל ליידן פון דער קראנקהייט. און דאָך זיי־נען די געפערלאַכע צושטאנדן פון שפּעטערדיקן אָדער ירושה־סיפילים פארהעלטינסמעסיק ניט צו אָפט צו באגעגנען. דאָס איז צו פאר־דאנקען מוטער־נאטור, וואָס היילט די שרעקלאַכע קראנקהייט, ווי אלע אנדערע. אמת, ניט אלע מאָל איז נאטור ערפאָלגרייך אויסצוהיילן די קראנקהייט אין דעם אינדיווידואום, אמאָל מיט דער בעסטער בא־האנדלונג. דאָך קענען מיר זען ווי די נאטור באמיט זיך צו באגרענעצן די פארשפּרייטונג פון דער קראנקהייט, צו אָפּשוואכן די ווירקונג פון דער חולאת אויף דעם מענטשלאַכן דור.

די דערשיינונגען אין וועלכע מיר קענען זען די האַנט פון דער נאטור אין דער באשיצונג פון דער מענטשהייט פון די פּלאגן פון סיפילי־טישער אינפעקציע זיינען פיל :

די ניט־לאנג אנטדעקטע דערשיינונג פון סיפיליטישער אימור־ניטעט איז נאָר אן אנדייטונג, די ניט אָנשטעקבארקייט פון די לעצטע שטופן פון סיפילים באגרענעצט די פארשפּרייטונג פון דער קראנקהייט. די אָפטע סטעריליזאציע פון די ליידענדע פון דער קראנקהייט און אויך די אָפטע אבאָרטן ביי סיפיליטישע פרויען פארקלענרן די צאָל פון די וואָס וואָלטן געבאָרן געוואָרן סיפיליטיקער. ווען אָבער עס ווערט שוין יאָ געבאָרן א סיפיליטיקער, אָנגעשטעקט פון די עלטערן, באגרענעצט אים די נאטור אזוי, אז זיין ווירקונג אויף אנדערע איז זייער שוואך.

כאָטש מיר האָבן נים געפונען קיין מיטל אויסצוראָטן אָדער צו היילן די קראַנקהייט, ווייסן מיר דאָך, אַז סיפילים איז געוועזן מיט הונדערטער יאָר צוריק אַ פיל שרעקלאַכערע קראַנקהייט ווי היינט צו־טאָג. עס איז דאַרום צו האָפן, אַז די מענטשהייט וועט זיך אין גאַנצן באַפרייען פון דער פּלאָג.

פארהיטונג פון ווענערישע קראנקהייט

דער בעסטער מיטל צו פארמינדערן די שווערע פּאָלגן פון ווע־נערישע קראנקהייטן איז צו פאַרהיטן דאָס אָנשטעקן פון די קראנק־הייטן, באגרענעצן די שנעלע און לייכטע פארשפרייטונג צווישען דער באפעלקערונג.

דער קאמף געגען די קראנקהייטן האָט אָבער ניט געקענט זיין דערפאָלגרייך ביז לעצטענס צוליב דעם, וואָס אין דער געזעלשאפט האָט מען געקוקט אויף די קראנקהייטן מער ווי אויף א פאַרברעכן איידער א קראנקהייט. דאָס שעמען זיך מיט די ווענערישע קראנק־הייטן איז געווען אזוי גרויס, אז מען האָט ניט געטאָרט דערמאָנען די ווערטער גאנאריע אָדער סיפילים אין דער אמעריקאנער פרעסע. די לאגע האָט זיך לעצטענס פיל געענדערט, אמווינציקסטנס דאָ אין אמעריקא. דאָס איז צו פאַרדאנקען דער ווירקונג פון דער טעטיקייט אף דעם געביט צווישען דעם מיליטער אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה. איצט גייט אָן א גרויסע טעטיקייט מצד די רעגירונגען פון יעדן לאַנד צו אויסוואָרצלען און אויסראָטען די ווענערישע קראנקהייטן דורך פילזייטיקער טעטיקייט. עס וועט אָבער נאָך לאנג געדויערן ביז א פּאָלקאָמע מעגלאַכקייט צו באקעמפן די קראנקהייטן דורך אַלע מעגלאכע מיטלען וועט געשאפן ווערן.

די ערשטע ווינשנסווערטע דערשיינונג וואָס וואָלט פיל מיט־געהאָלפן דער פארקלענערונג פון דער צאָל ווענערישע קראנקהייטן וואָלט געווען דאָס פארשווינדן צווישן אלע קלאַסן פון דער באפעלקע־רונג פון דער פאלשער שעמעוודיקייט אין באצוג צו געשלעכטס פראגן. ניט נאָר איז ניטאָ וואָס צו שעמען זיך מיט געשלעכט פּראָבלעמען, נאָר פארקערט, יעדערער מוז באהאנדלען, לערנען און וויסן אַלץ וואָס האָט צו טאָן מיט רעפּראָדוצירונג פון מענטשלאכן מין, אַלס די וויכטיקסטע אויפגאַבע פון מענטשן.

אזא פארהעלטעניש צו געשלעכטס־פראגן וואָלט געמאכט מעג־לאָך צו פארשפרייטן אינפאָרמאציע וועגן דער געפאר פון די ווענערי־

שע קראנקהייטן און די מיטלען וואָס דאַרפן געברויכט ווערן אין פאַר־היטן אנשטעקונג. אונטער איצטיקע באגריפן פון „אנשטענדיקייט“ איז עס כמעט אונמעגלאך.

די באזייטיקונג אָדער אמווינציקסטן די אונטערדריקונג פון פּראָסטיטוציע וואָלט פיל פאַרמינדערט די פאַלן פון אנשטעקונג. די פּראסטיטוציע איז פאראנטוואָרטלאך פאַר דער פארשפּרייטונג פון ווע־נערישע קראנקהייטן מער ווי וועלכער אנדערער איינצעלנער פאקטאָר. פּראסטיטוציע איז דער אָפּפאַל זומפּ פאר דעם געשלעכטס טריב פון מאַן.

פון אָט דעם אָפּפאל זומפּ ברענגט דער מאַן גאָר צופעליק די ווענערישע קראנקהייטן וועלכע ער פארשפּרייט אויך גאָר צופעליק צווישן די, מיט וועמען ער האָט שפּעטער געשלעכט פארקער.און אָפּט אויך אָן געשלעכטס בארירונג.

ביי היינטיקן טאָג ווענדן זיך צו פּראסטיטוציע ניט נאָר אזעל־כע מענער וועלכע האָבן ניט קיין אנדער אויסוועג צו באפרידיקן זייערע נאטירלאכע באדערפעניש, נאָר אויך פילע מענער, וואָס האָבן מורא אָדער קענען ניט נעמען אַף זיך די פאראנטוואָרטלאכקייט פון די רע־זולטאטן פון געשלעכטלאכען פארקער, ניט וויסנדיק אָדער ניט זייענדיק זיכער אין די קאָנטראצעפּטיווע מיטלען. דאָס לעגאליזירונג פון גע־בורט קאָנטראָל און די אויסטיילונג פון אינפאָרמאציע וועגן קאָנט־ראצעפּטיווע מיטלען וואָלט פיל מיטגעהאָלפן אין באזייטיקן פּראָסטי־טוציע און מיט דעם מיטהעלפן דעם קאמף פון דער געזעלשאפט געגן ווענערישע קראנקהייטן.

א פאַקטאָר אין ווענערישע אַנשטעקנדיקייט איז אויך אלקאָ־האָליזם. אין שכורן צושטאנד איז דער געשלעכטס טריב אויפגערייצט און דער ווילן אָפּגעשוואכט. דער שכור גייט אָפט צו עקסצעסן פאַר־גרעסערנדיק מיט דעם די שאנסן פון אינפעקציע. אויב אפילו דער מאַן אָדער די פרוי וויים ווי צו פארהיטן זיך פון אינפעקציע איז אָבער אין א שכורן צושטאנד זעלטן ווען מענלאך אָננעמען ערפאָלגרייך די נויּ־טיקע מיטלען געגן אָנשטעקען זיך.

אַן אנדער וויכטיקער פאקטאָר איז די באהאנדלונג פון די ווענערישע קראנקע. די רייכע ווערן באהאנדלט דורך זייער פּריוואטן דאָקטאָר וועלכער באהאנדלט דעם פּאציענט ווי א געוויינלאך קראנקן, ניט באליידנדיק. דער אָרימער, וועלכער קען ניט באצאָלן פאר באהאנדלט ווערן פּריוואט, מוז אָדער זיך אין גאנצן אָפּזאָגן פון פּראָפעסיאָנעלער הילף, אָדער זיך ווענדן צו רעגירונגס אָדער געזעלשאפטלאכע אַנשטאלטן, האָספּיטעלער אָדער קליניקס וואָס באשעפטיקן זיך מיט ווענערישע קראנקהייטן. דער דורכשניטלאכער מענטש און הויפּטזאכלאך די פרוי וועלכע איז צופעליג אָנגעשטעקט געוואָרן אין דעם פּראָצעס פון באפרידיקונג פון די נאטירלאכע באדערפענישן, ווענדט זיך זעלטן וויליג אין אזעלכע אינסטיטוציעס. נאָך ערגער איז עס ווען דאָס טרעפט אין דער צייט ווען דער געשלעכט פארקער איז ניט סאנקציאָנירט דורך דער אָנגענומענער מאָראל, ניט אין דער צייט פון געזעצלאך פארהייראטן לעבן. צו דעם דארף מען צוגעבן, אז דאָס באהאנדלען פון די פּאציענטן אין אזעלכע אינסטיטוציעס איז ווי געוויינלאך אויף א „קאזיאָנעם" אופן אוועקגעשטעלט, אזוי אז אַן אמת אַנשטענדיקער מענטש, און ווענערישע אינפעקציע מאכט נאָך ניט אזא מענטשן פאר ניט אנשטענדיק, פילט זיך גאנץ אָפט באליידיקט. דאָס פירט צו דעם, אז פיל אָרימע ליידענדע זאָלן זיך פארלאָזן אויף גאָטס ניסים, אָדער באבסקע רפואות און מיט דעם, ניט נאָר שטעלן זייער אייגענעם לעבן אין געפאר, נאָר אויך שטעלן אין געפאר פון אנגעשטעקט ווערן זייערע נאָענטע.

דער אויסוועג פון דעם איז, אז אזוינע אַנשטאלטן פאר דער אָרימער באפעלקערונג דארפן אָנגעפירט ווערן אונטער אומשטענדן וואָס זאָלן ניט באליידיקן דעם פּאציענט און די באהאנדלונג זאָל זיין מענטשלאך און דער פּאציענט זאָל פארזיכערט ווערן, אז די באהאנדלונג איז געהאלטן אין סוד א. א. וו.

לעגאלע מיטלען וואָס קאָנען העלפן אין דעם קאמף געגן ווענערישע אינפעקציע זיינען דאָס באשטראָפן פון די וועלכע שטעלן אין געפאר פון אנשטעקן אנדערע פערזאָנען. אייניקע שטאטן אין אמעריקע

האָבן איינגעפירט, אז קיינער קען ניט קריגן קיין ערלויבעניש חתונה צו האָבן סיידן זיי שטעלן צו אַ געזונט־סערטיפיקאַט. דאָס וועט ראַטעווען פילע פרויען אָנגעשטעקט צו ווערן אין דעם גליקלאָכסטן פעריאָד פון זייער לעבן, וואָס פירט אָפט צו לעבענסלאַנגלאַכער פאַר־קריפּלונג.

מער פון אַלץ אין פאַרהיטונג פון ווענערישע אינפעקציע, איז וויכטיק דאָס אָפּהיטן זיך פון יעדן איינצעלנעם. ווען דער עולם זאָל וויסן ווי אזוי צו אָפּהיטן זיך און מאכן עס אַ געוואוינשאפט, קענען מערסטע פאַלן פאַרהיט ווערן. פאַר אַ ביישפּיל קענען מיר זען די רע־זולטאַטן וואָס זיינען דערגרייכט געוואָרן אין דער אמעריקאנער אַרמיי, אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה. אין אַ גרופּע פון 3,660 סאָלדאַטן צו וועלכע עס איז אָנגעווענדעט געוואָרן געצוואונגענע פּראָפילאַקטיק, איז די צאָל פון אנשטעקונג געפאַלן פון 720 אנשטעקונגס־פאַלן מיט גאָנאָריע פון יעדן 1000 אַ יאָר, ביז 10 פאַלן פון טויזנט אַ יאָר! אַן אנדער ביישפּיל פון דער ווירקונג פון אנשטעקונג פאַרהיטונג באַווייזט אַ רעפּאָרט פון דער אמעריקאנער עקספּעדיציע אַרמיי, אַז פון 242,000 פאַלן פון פּראָפילאַקטישער באהאנדלונג איז נאָר איינס און דריי צענטל פּראָ. געווען ניט ערפאָלגרייך.

צום באַדויערן מוז מען אָבער צוגעבן, אַז די דירעקטע פאַרהי־טונגס מיטלען האָבן אַ קלענערן ווערט ביי פרויען ווי ביי מענער. די ווייבלאַכע געשלעכטס טיילן זיינען מער באהאלטן און ווייניקער צו־טרעטבאַר. דאָך קען מען ערוואַרטן אַ גרויסע פאַרקלענערונג אין דער אנשטעקונג פון פרויען, ווען זיי וואָלטען געלערנט ווערן די מיטלען פון פּראָפילאַקטיק.

ריינקייט אין געשלעכט פאַרקער איז זייער וויכטיק. אונטער ריינקייט דאַרף מען אָבער פאַרשטיין ניט נאָר פיזישע ריינקייט, וואָס איז העכסט וויכטיק, נאָר אויך עטישע. דער מאָנאָגאַמישער אינ־סטינקט אין דער פרוי העלפט מיט אין אָפּהיטן די ריינלאַכקייט פון געשלעכט לעבן פון דער פרוי דורך פאַרקלענערן די שאַנסן פון אויס־זעצונג צו אנשטעקונג. אויך צו אָפטער פאַרקער באַשעדיקט די שליים הויט וואָס באדעקט די געשלעכטס־טיילן און דורך דעם ווערן די טיילן

מער עמפינדלאך צו אינפעקציע.

מעכאנישע פראפילאקטישע מיטלען באשיצן פיל געגן אנ־שטעקונג אָבער מען קען זיך אױף דעם אין גאנצן ניט פארלאָזן. דער גומענער זעקעלע, באוואוסט אלס קאנדאם, ווערט אָפט געברויכט פאר דעם צוועק.

די באוואוסטע פראנצויזישע שרייבערן מאדאם דע סטאהל האָט זיך וועגן דעם אויסגעדריקט, אז דער קאנדאם דינט ווי א בארג געגן די געפילן פון פארגעניגן און ווי א שפינוועב פאר פארטיידיקונג פון אנ־שטעקונג.

נאָך יעדן פארדעכטיקטן פארקער דארף די פרוי נעמען אן איינ־שפריצונג פון א קוואָרט אָדער צוויי וואסער, די איינשפריצונג זאָל גע־מאכט ווערן אין א זיצנדיקער פּאָזיציע און עס זאָל ניט קומען אין א שטאַרקן שטראָם, כדי דער אינפעקטיווער מאטעריאל זאָל ניט ארײנ־דרינגען אין די טיפע געשלעכטס־טיילן. נאָכדעם ווי די שייד איז אויס־וואשן פון די אויספליסונגען זאָל אריינגעשפריצט ווערן א 2 אונצ. פון א 2% פּראָטאַרגאָל וואָס איז זייער ווירקזאם געגן דער גאנאריע אינ־פעקציע, אָדער 2% מוירקוראקראם. אויך די אויסערלאכע טיילן דארפן אָפּגעוואשן ווערן פריער מיט זייף און וואסער און א זאלב פון 33% קאלאמעל (קוועקזילבער) זאָל אנגעשמירט ווערן. דאָס איז א רעצעפּט פון בארימטן פּראָפ. מעטשניקאָוו, צו פארהיטן פון סיפילים. דער גע־ברויך פון דעם זאלב אין מענער, איז פארשטייט זיך, פיל מער ווירק־זאמער ווי אין פרויען, ווייל בא פרויען איז דער שאנקער דאָס רוב אינווייניק אין דער שייד וואו דעם זאלב איז אונמעגלאך צו געברויכן.

דאָס אלץ מוז געטאָן ווערן גלייך נאָך דעם פּארקער.

די פארהיטונג פון ווענערישע קראנקהייטן איז פיל וויכטיקער און מער ווירקזאם ווי די באהאנדלונג פון די זעלבע קראנקהייטן. די באשפּראָכענע מיטלען געגן די קראנקהייטן דארפן ווערן פּאפּולאר צווישן די מאסן און די אייניקע רעפּאָרמען נויטיק מיטצוהעלפן אין דעם קאמף געגן די פיל פארשפּרייטע קראנקהייטן פון סיפילים און גאנאריע מיט זייערע שרעקלאכע רעזולטאטן מוזן דורכגעפירט ווערן אין לעבן.

געשלעכטלאכע אבנאָרמאַלקייטן

מאסטורבאציע

מאסטורבאציע, זעלבסט באפלעקונג, אָדער אנאניזם, איז די זעלבסט באהאנדלונג פון די געשלעכטס אָרגאַנען מיט דער אבזיכט צו ארויסרופן דעם אָרגאזם אף א קינסטלאכן אופן.

מאסטורבאציע טרעפט מען בא גאָר קליינע קינדער פון ביידע געשלעכטן. עס איז זייער פארשפרייט צווישן דער יוגענט, אָבער פיל ווינציקער צווישן מיידלאך ווי צווישן בחורים.

מאסטורבאציע ווערט אָפט פאראורזאכט פון געוויסע אנאטאָמישע אבנאָרמאַליטעטן פון די געשלעכטס־אָרגאַנען, ווי א פארוואקסענער קליטאָריס, וואָס קען רייבן דעם אָרגאַן, אויך פון רייבונג פון די קליידער און צופעליקער בארירונג, אָבער אמאָפטסטן דורך אָפלערנען זיך פון אַזוינע וואָס פראַקטיצירן עס אָפט.

געוויינלאכע פאַלן פון מאסטורבאציע זיינען זעלטן שעדלאך, אָבער אין עקסטרעמע פאַלן קען עס ברייננגען צו געפערלאכע נערוועזיטעט, אן אפשטויסונג אָדער געגן־געפיל צו נאַטירלאכן פארקער און אויך גייסטיקע צערודערונג.

די פאַרהיטונג פון דער שלעכטער געוואוינהייט איז זייער וויכטיק.

קינדער מוזן אונטערזוכט ווערן פון א דאָקטער צו באַשטימען צו די אויסערלאָכע געשלעכטס־טיילן זיינען נאָרמאַל. דאָס קליידן זיך פון דעם קינד און יונגער מיידל מוז זיין באקוועם און טאָר ניט רייבן דאָס לייב. קינדער זאָלן שלאָפן אין א באזונדער בעט. אויך דערוואקסענע מיידלאך זאָלן שלאָפן באזונדער און ניט קומען אין נאָענטער בארירונג מיט עלטערע מיידלאך אָדער פרויען.

געשלעכטס היגיענע געלערנט דורך קאמפעטענטע פערזאָנען וואָלט געהאָלפן פיל אין פארמיידן מאסטורבאציע.

די באהאנדלונג פון מאסטורבאציע מוז געפירט ווערן זייער פאָרזיכטיק. אבנאָרמאַלע אנאַטאָמישע צושטאַנדן מוזן כירורגיש באַזייטיקט ווערן. די קליידונג מוז זיין באַקוועם, איבערהויפט די אונטערוועש, עס זאָל געמאכט ווערן פון ווייכע מאטעריע און זאָל ניט זיין געקראָכמאַלעט, צום בעסטן איז זיידנס. דאָס קינד אָדער דאָס דערוואַקסענע מיידל מוז געהיט ווערן. דאָס עלטערע קינד און מיידל דאַרפן אויפגעקלערט ווערן. נאַטירלאַכער געשלעכטס-פאַקער איז די איינציקע רפואה פאר פרויען, און ווען דאָס איז ניט מעגלאַך, וועט אַן אַקטיווער פיזישער און גייסטיקער לעבן פיל מיטהעלפן צו פאַרמיידן מאסטורבאציע.

אָפּוועזנהייט פון געשלעכטס געפילן

(געשלעכטלאכע אנעסטעזיע)

דער געשלעכטלאכער טריב קומט פון דער נאָרמאלער פונקציע פון די געשלעכטס-אָרגאנען. פילע אנדערע אָרגאנען פון אונזער קערפער העלפן מיט אין דער פונקציע פון די ספּעציפישע געשלעכט-אָרגאַנען. אזוי באהילפיקן דעם געשלעכטס טריב אונזערע חושים, ווי הערן, שמעקן און זען.

ניט קוקנדיק אויף דעם אלעמען, בלייבט די פערזאָן אין געוויסע פאלן אונבאוועגט געשלעכטלאך. אין די יונגע קינדער יאָרן און אף דער עלטער איז דאָס א פיזיאָלאָגישע דערשיינונג. אויב אין א יונגן אָדער מיטליאָריקן מענטשן, בא וועמען די געשלעכטס-אָרגאנען זיינען נאָרמאל אנטוויקלט, נאָר דער געשלעכטלאכער טריב פעלט, איז אזא צושטאַנד אבנאָרמאל. דאָס איז באוואוסט אלץ געשלעכטלאכע אנ-

עסטעזיע. צווישן מענער איז דאָס זעלטן, אָבער צווישן פרויען באַגעגנט מען אָפט אַזעלכע פאַלן.

אַזעלכע צנועות האָבן דאָך חתונה אום צו זיין מיט לייטן גלייך, אָדער צו האָבן זייער אייגענע היים. זיי נעמען אָן אינטייל אין געשלעכט פאַרקער אַף וויפיל זיי ווילן צופרידנשטעלן זייער מאַן. די אַבנאָרמאַלקייט אין דער פרוי האָט ניט אַזאַ באַדייטנדע ווירקונג ווי דאָס זעלבע איז אין מאַן צוליב דעם, וואָס די פרוי איז פאַסיוו אין געשלעכטס אַקט און איז סיי ווי מער אונטערוואָרפן דעם ווילן פון מאַן. די געשלעכטס געפילן אין דער פרוי דריקן זיך אויך אויס מער אין האָדעווען אַ פאַמיליע און אין קריגן פאַרשיידענע לאַסקעס פון מאַן איידער אין געשלעכט אַקט זעלבסט. אַנדערש איז עס ווען דער מאַן ליידט פון סעקסואַלער אַנעסטעזיע. דאָס הייראַטן איז דאַן זיכער אַן איבעריקע און שעדלאַכע זאַך פאַר ביידן.

די אַבנאָרמאַלקייט טרעפט איינגעבאָרן און די דאָזיקע פערזאָנען האָבן דאָס רוב אויך אַנדערע פונקציאָנאַלע און אַנאַטאָמישע סמנים פון דעגענעראַציע. אויך קען דאָס זיין דערוואָרבן און פאַראורזאַכט דורך איבעראַרבייטן זיך, דורך אַ שווערע קראַנקהייט, פון צו אָפטן געשלעכט פאַרקער אָדער פון צו לאַנגן אָפּהאַלטן זיך.

דערציאונג האָט אַ גרויסן איינפלוס אַף דעם געשלעכט טריב.

אַבנאָרמאַל פאַרגרעסערטע תאוה

(נימפאָמאַניע)

צו באַגעגענען איבערטריבענע תאוה אין פרויען אין געגענזאַץ צו אַנעסטעזיע איז זעלטן, אָבער גאַנץ אָפט אין מענער. אַ פאַרגרעסערטע תאוה אין דער פרוי איז לייכטער צו באַמערקן, ווייל די פרוי האָט ווינציקער פאַרקער באַדערפעניש ווי דער מאַן און רופט אַרויס

מער פארדאכט צו זיין א פאטאלאגישע דערשיינונג. די אבנארמאל פארגרעסערטע תאוה אין דער פרוי איז באוואוסט אלס נימפאמאניע (סאטיריאסיס אין מאן). פארגרעסערונג פון געשלעכט טריב קען זיין אן איינגעבארענע דערשיינונג און קען האבן א נוראפאטישן באדן. דאס פארשטארקן פון נארמאלן געשלעכט טריב קען ארויסגערופן ווערן דורך פיל אומשטאנדן וואס דערמאנען אפט דאס געשלעכט לעבן און פארשטארקערן דעם געשלעכט אינטערעס. דאס שטאטישע לעבן רעגט אויף מער ווי דאס דארפישע. די אפטע געזעלשאפט פון צווייטן געשלעכט אין דער צייט פון געשלעכטלאכער אקטיוויטעט פאראורזאכט א גרעסערן געשלעכט טריב. פארנאגראפישע ליטעראטור און געוויסע בילדער זיינען אויסגערעכנט צו אויפרייצן דעם געשלעכטס אינסטינקט.

אן אונאקטיווער ארט לעבן, אן באוועגונגען און אן קיין אויסערלאכע אינטערעסן אין לעבן, ווי נאר דאס פערזענלאכע פארגעניגן העלפן קאנצענטרירן די געדאנקען אף די געשלעכטס געפילן און ברייננגען מיט א פארגרעסערטן געשלעכטס טריב. פליישיקע שפייז, אלקאהאלישע געטראנקען און אייניקע אנדערע שפייזן האבן א סטימולירענדע ווירקונג אף דעם געשלעכטס לעבן. באלד נאך די מאנאטלאכע איז דער געשלעכט טריב בא מערסטע פרויען פארגרעסערט און אין אייניקע נערוועזע פרויען דערגרייכט אן אבנארמאלן גראד. לאקאלע אבנארמאלקייטן אדער קראנקהייטן פון די געשלעכט טיילן קענען פאראורזאכן געשלעכטלאכע אויפרעגונג און דערגרייכן א פאטאלאגישן צושטאנד.

איבערגעטריבענע תאוה אין דער אונפארהייראטער פרוי דריקט זיך אפט אויס נאר אין אויסערגעוועגלאכן קאקעטירן און פירט צו מאסטורבאציע. די מורא פאר פארשוואנגערן און דער קאנטראלירנדער געפיל וואס איז שטארק אנטוויקלט אין דער פרוי, א דאנק דורות פון דערציאונג און קולטעווירונג פון דעם געפיל פון איינהאלטונג, האלט אפ די פרוי פון צו באפרידיקן די נאטירלאכע געשלעכטס טריבן און זי באגנוגנט זיך מיט מאסטורבאציע. נימפאמאניע טרייבט פילע פן די

ליידענדע אין די רייען פון פראסטיטוציע. אין הייראט זיינען נימפאָ־מאניקער זעלטן צופרידן און מוזן האָבן א פּאָר לינקע געליבטע צו צופרידנשטעלן זייער אבנאָרמאל פארגרעסערטן געלוסט און בעפאָר זיי זיינען פארטיק מיט זייער אקטיוון געשלעכט פעריאָד, הייראטן זיי אייניקע מאָל.

אידישע פרויען ליידן ניט פיל פון נימפאמאניע, כאָטש זיי זיינען א שטאָטישער עלעמענט און ליידן מער אף נערוועזיטעט און זיינען באוואוסט פאר זייער פרוכטבארקייט. די רעליגיעזע דערציאונג און אונטערדריקונג פון די געפילן פאר דורות צוזאמען מיט פריען הייראטן דערקלערן פילייכט די דערשיינונג.

סאַדיזם

דאָס איז א פארדארבונג פון געשלעכטלאכן אינסטינקט. ווען דער געשלעכט גענוס ווערט פאראייניקט מיט א געפיל פון אכזריות, א געפיל פון פייניקן דעם שותף אין געשלעכט אקט, אָדער אין צוזאמענ־האנג מיט דעם געשלעכט אקט. דער נאָמען נעמט זיך פון דעם פראנצויזישן שרייבער מארקיז דע סאַדע וועלכער פלעגט אין זיינע פּאָרנאָגראפישע נאָוועלן באהאנדלען אכזריות אין צוזאמענהאנג מיט תאוה.

ביז א געוויסן גראד איז דאָס ווייטיקן און פאראורזאכן שמערצן אין פארקער א נאָרמאלע דערשיינונג. אזוינע דערשיינונגען ווי בייסן, טשופען, דראפען, און ענלאכעס, וואָס דאָס רוב דריקט אויס כעס, אין צוזאמענהאנג מיט געשלעכטלאכן פארגעניגען, איז אָן אָפטע זאך און מעג אָנגענומען ווערן אלץ א נאָרמאלע פיזיאָלאָגישע דערשיינונג. ווען אָבער דאָס פאראורזאכן פון ווייטיק דערגרייכט א שטופע וואָס קען פאראורזאכן אויסערגעוויינלאכע שמערצן אָדער א געפאר פארן לעבן פון שותף מוז דאָס באטראכט ווערן אלס פאטאלאָגיש. סאַדיזם איז דער־ריבער נאָר א פארגרעסערונג פון א נאָרמאלן אקט.

די פרוי איז געשלעכטלאך פאסיוו. זי איז אויך באשיידן אין

די געשלעכטס באציאונגען; דאָך פארשאפן דאָס אָנגרייפן פון מאַן אין געשלעכטלאכן לעבן און דאָס פאָלגענדע אונטערגעבן זיך, פארגעניגן דער פרוי. דאָס ברענגט דעם מאַן צו גרעסערע אקטיוויטעט און אָפט צו זיין אכזריותדיק אין באצוג צו דער פרוי. די פרוי איז אויך שוואַכער פיזיש און וואָלט געקראָגן א צו גרויסן ווידערשטאַנד און פארורזאכן פיזישע שמערצן דעם מאַן. מיט דעם דערקלערט זיך ווארום סאַדיזם איז הויפּטזעכלאך א צושטאַנד בא מענער און א גרויסע זעלטענהייט בא פרויען.

מאַזאָכיזם

דער טערמין איז באשאפן געוואָרן פון דר. קראַפט־עבינג פון ווין נאָך דעם פראנצויזישן שרייבער סאכער־מאַזאָך, וועלכער האָט דער ערשטער באהאנדלט די אבנאָרמאלקייט אין זיין שרייבן און פון וואָס מאַזאָך האָט אליין געליטן.

מאַזאָכיזם איז דער היפּוך פון סאַדיזם. אין סאַדיזם איז דער פארלאנג צו פאראורזאכן שמערצן און צו געברויכן גוואַלדטאַטן, אין מאַזאָכיזם איז עס צו לײדן שמערץ און צו זיין אונטערוואָרפן צו פּייניגונג. ווי קראַפט־עבינג דעפינירט מאַזאָכיזם, איז עס „א פאַרדארבונג פון דעם פסיכישן געשלעכטס לעבן אין וועלכן דער אינדיווידואום ווערט געשלעכטלאך קאָנטראָלירט פון דעם געדאנק צו זיין אינגאנצן און אומבאדינגט אונטערוואָרפן צו דעם ווילן פון פערזאָן פון צווייטן געשלעכט; פון זיין באהאנדלט פון דער פערזאָן ווי פון א האַר, באליידיקט און מיסברויכט.“

דער גראַד פון פּייניגונג וואָס א מאַזאָכיסט קען מיט פארגעניגן פארטראָגן איז פארשיידן, אָנפאנגנדיק פון קליינע נארישקייטן און ענדיקנדיק מיט דעם שעדלאכסטן מיסברויכן און באליידיקונג, אפילו מיט די שרעקלאכסטע פיזישע שמערצן. אין מאַזאָכיזם דערגייט עס דאָך ניט צו מאָרד און געפערלאכער פארקריפּלונג, ווי עס טרעפט אָפט אין סאַדיזם. דער אינסטינקט פון זעלבסט אָפּהיטונג האלט אָפּ פון

גיין צו ווייט אין דער דאָזיקער געשלעכטלאכער פארדארבונג.

מאַזאָכיזם, ווי סאַדיזם, איז אַן איינגעבאָרענע און בירושה איר־בערגעגעבענע אבנאָרמאַלקייט.

מאַזאָכיזם, זאָגט קראַפּט־עבינג, שטאַמט פון דעם, וואָס יעדער איינדרוק וואָס איין פּערזאָן פארשאפט אַ צווייטן אין צושטאַנד פון געשלעכטלאכער אויפרעגונג — איז אנגענעם.

אין אַ צושטאַנד פון געשלעכטלאכער אויפרעגונג איז יעדער איינדרוק, וואָס קומט פון דעם וואָס האָט פאראורזאכט די אויפרעגונג, אנגענעם צו דעם וואָס איז אויפגערעגט. אזוי איז אַ ביס, אַ קניפּ און אַ קלאַפּ און אַ דריק גאַנץ נאָרמאַל, ווערט אָנגענומען מיט פארגע־ניגן און ווערט אָפט פּראוואָצירט פון איינעם פון די געליבטע אויס־שליסלאך צו געניסן דאָס פארגעניגן פון שמערץ, וואָס איז פאר־שטענדלאך, ניט צו שטאַרק.

אין אבנאָרמאַלע פאַלן קען דער פארלאנג צו פילן און פאר־טראָגן די שמערצן ווערן פאראורזאכט פון אַ פּערזאָן פון צווייטן גע־שלעכט, וואָס גיט אַ געשלעכטלאכן גענוס, זיין פיל פארגרעסערט אזוי אז דאָס איז שוין מער ניט פיזיאָלאָגיש, נאָר פּאַטאָלאָגיש.

נאָך אַ גרונט פאר דער אָפּשטאַמונג פון מאַזאָכיזם קען מען זען אין דעם געפיל פון אונטערטעניקייט און אָפּהעניקייט פון אַ פּערזאָן פון איין געשלעכט צו אַ פּערזאָן פון צווייטן. די אָפּהעניקייט און אונ־טערטעניקייט דערגרייכט צו דער מדרגה וואו די פּערזאָן שטייט אויס די ערגסטע באלײדיקונגען און שמערצן, דאָס אַלץ אום ניט צו פארלירן דעם שותּף און צו זען ער זאָל זיין צופרידן און גענויקייט צו געשלעכט־לאכן פארקער.

אָט די צוויי שטריכן זיינען דייטלאך פּסיכישע אייגנארטיקייטן פון דער פרוי. איר אנטייל אין געשלעכט לעבן איז פּאַסיוו, אירע גע־שלעכטלאכע פארהעלטנישן זיינען מער אונטערוואָרפן און איר סאָציאַ־לע לאגע איז פאר לאנגע דורות געווען אזא וואָס האָט איר ערנידעריקט, און אונטערוואָרפן דעם ווילן פון מאַן. דאָס האָט געבראַכט די פרוי צו פרייוויליקער אונטערטעניקייט צום מאַן, געשלעכטלאך, ווי סאָציאַל און עקאָנאָמיש.

מאזאָכיזם איז דארום געגרינדעט אַף פּסיכישע אייגנארטי־קייטן פון דער פרוי, בעת סאדיזם, דער געגענזאַץ פון מאזאָכיזם, אויף דער טבע פון מאַן.

דאָך איז מאזאָכיזם אָפט צו באַגעגענען צווישן מענער און מער פאלן פון מענער ליידענדע פון מאזאָכיזם זיינען שטודירט געוואָרן ווי פון פרויען. דאָס מיינט ניט אז בא פרויען איז מאזאָכיזם ניט צו באַגעגענען. די פארשטארקטע פיזיאָלאָגישע אייגנארטיקייטן, וואָס פאראייניקן דעם געשלעכט אינסטינקט מיט א נייגונג צו אבנאָרמאל פארגרעסערטער אונטערטעניקייט און ליידן, איז אויך צו טרעפן צווישן פרויען, אָבער זייער אויסדרוק איז מער באהאלטן און אונטערדריקט א דאנק דער שעמעוודיקייט פון דער פרוי, וואָס האלט איר אָפּ אויך פון דערגרייכן אירע פארלאנגען.

פעטישיזם

פעטישיזם איז די אסאָציאציע פון געשלעכטלאכן גענוס מיט דעם געדאנק פון געוויסע טיילן פון קערפּער פון געגענזעצטן געשלעכט, אָדער פון געוויסע זאכן פון קליידונג וואָס באלאנגען צו דעם אנדערן געשלעכט. דאָס וואָרט „פעטישיזם“ האָט קראפפט־עבינג אנטליען פון טעאָלאָגיע וואו עס מיינט בוקן זיך אָדער פארגעטרן אַן אָביעקט.

אין טעגלאכן לעבן הערן מיר גאנץ אָפט די אויסדרוקן ווי „אייר־נער האָט זיך פארליבט אין אירע אויגן“, „ער האָט זיך פארליבט אין איר שלאנקער פיגור“, „זי האָט זיך פארליבט אין זיין קול“, „אין זיין שיין ריידן“, „אין אירע שיינע האָר“, א. א. וו. דאָס איז גאנץ פיזיאָלאָגיש און איז דער פּרינציפּ פון אינדיווידואליזם אין ליבע.

אנדערש איז עס אין פעטישיזם. דאָ איז דער גאנצער גע־שלעכטלאכער אינטערעס אָנגעוואנדעט אַף א געוויסן טייל פון קערפּער פון א פּערזאָן פון צווייטן געשלעכט אזוי, אַז דער פעטישיסט איז בלינד צו אלץ איבעריגעס אין דער פּערזאָן פון געגנזעצטן געשלעכט. די קאָנצענטרירונג פון געשלעכטלאכן אינטערעס אַף א טייל פון קערפּער

פון אנדערן געשלעכט, וואָס האָט אָפט ניט קיין דירעקטע שייכות צו געשלעכט אָדער נאָר א טייל פון קליידונג, ברענגט אָפט צו דעם, אז דער פעטישיסט קען ניט באגרייפן ווי אזוי דער געשלעכטלאכער פארקער קען באפרידיקן. נאָר דאָס באהאנדלען פון דעם אָביעקט, דעם פעטיש, גיט אים א פאָלקאָמע געשלעכטלאכע באפרידיקונג. פעטישיזם איז ניט קיין פארגרעסערונג פון אינטערעס צו א טייל פון קערפער נאָר א פארקלענערונג אָדער גלייכגילטיקייט צום באטרעפנדן וועזען אלס גאנצעס.

די אורזאכע פון פעטישיזם ווערט צוגעשריבן צו גייסטיקע אב־נאָרמאלקייט וואָס ווערט אממערסטן איבערגעגעבן דורך ירושה און איז פיל מאָל פארשטארקט דורך אנדערע געשלעכטלאכע פארדארבונגען.

דער פארגרעסערטער אינטערעס צו געוויסע פיזישע און גייס־טיקע שטריכן אין א פערזאָן פון צווייטן געשלעכט שפילט א גרויסע ראָל פאר דעם נייעם דור, דורך דעם וואָס עס העלפט אין דעם אויסוואל פון פאסענדסטן און דאָס איבערגעבן בירושה די בעסטע פיזישע און גייסטיקע אייגענארטיקייטן וואָס זיינען נויטיק פאר דער ראסע.

עס איז צו דערווארטן אז אזא וויכטיקע ביאָלאָגישע דערשיי־נונג זאָל זיין אן אייגנשאפט פון ביידע געשלעכטן.

אין דעם פיזיאָלאָגישן אויסדרוק איז טאָקע די אָפשאצונג פון געוויסע טיילן פון קערפער פון צווייטן געשלעכט, דער פאָרצוג פון געוויסע גייסטלאכע אייגנארטיקייטן אויף וועלכע דער אינטערעס איז מער אָדער ווייניקער פארגרעסערט, איז אויך ניט פרעמד דער פרוי. פעטישיזם אלס א פאטאלאָגישע דערשיינונג אין פרויען איז דערוויל נאָך ניט באוואוסט, כאָטש מען דענקט אז דאָס קען יאָ טרעפן.

האָמאָסעקסואַליזם, ליסבישע ליבע, סאַפּיזם

מיט דער געשלעכטלאַכער רייפקייט אַנטוויקלען זיך אין יונגע מענטשן נייע געפילן. די יונגע מיידל כאַפּט אָפּט אַ קוק אַפן בחורל, פילט דעם בליק פון בחורל אַף זיך, וואָס רעגט אויף דאָס יונגע האַרץ. די נאָרמאַלע מיידל, ווי דער בחורל, פילט אַן ענדערונג אין די באַציאונגען צום צווייטן געשלעכט. פון אַ נייטראַלער באַציאונג צום מאַנלאַכן געשלעכט פאַנגט זיך אָן אַ סימפּאַטישע פּאָזיטיווע צוציאונג און די צוציאונג ווערט שטאַרקער ביז עס דערגרייכט דעם פּונקט וואָס איבערשטייגט אין אינטענסיוויטעט יעדן מענטשלאַכן געפיל, דאָס געפיל פון ליבע צו אַן אינדיווידואום פון צווייטן געשלעכט, און וואָס ברענגט ענדלאַך צו דעם געשלעכטלאַכן צוזאַמענלעבן.

אַנדערש איז עס אין די פאַלן פון אַבנאָרמאַלקייט באַוואוסט אַלס האָמאָסעקסואַליזם. אין די פאַלן זיינען די געפילן צום צווייטן געשלעכט ניט נאָר אונאַנטוויקלט, ניט נאָר פאַרבלייבן נייטראַל, נאָר אָפּגעווענדעט פון צווייטן געשלעכט צו דעם אייגענעם געשלעכט. דער גראַד פון צוציאונג צום אייגענעם גשלעכט קען זיין פון פאַרשיידענער מאָס און קען דערגרייכן די זעלבע אינטענסיוויטעט פון נאָרמאַלער געשלעכטלאַכער ליבע מיט דעם רעזולטאַט פון געשלעכטלאַכן פאַרקער מיט דעם זעלבן געשלעכט.

האָמאָסעקסואַליזם דריקט זיך ניט אויס אין דעם געשלעכט פאַרקער, נאָר הויפּטזעכלאַך אין די געפילן פון דעם פּערזאָן וואָס זיינען אָפּגעווענדעט פון געגנזעצלאַכן געשלעכט אַף דעם אייגענעם. דער געשלעכטלאַכער אַקט מיט אַ פּערזאָן פון זעלבן געשלעכט ווערט אָפּט אונטערגענומען נאָר דערפאַר ווייל אַ נאַטירלאַכער געשלעכט פאַרקער איז ניט מעגלאַך צוליב דער אָפּוועזנהייט מיט וועמען דאָס דורכצופירן. אַזוי זעען מיר, אַז אין אַנשטאַלטן וואו מענטשן פון זעלבן געשלעכט וואוינען צוזאַמען און זיינען אָפּגעזונדערט פון צווייטן געשלעכט, ווי אין געפענגענישן, מאָנאַסטירן, מיידלשע סעמינאַרן און דאָס גלייכן, איז עס אַ גאַנץ אָפּטע דערשיינונג. די וואָס אונטערנעמען דעם געשלעכט אַקט מיטן זעלבן געשלעכט אויס נויט, ווייל זיי זיינען גע-

צוואונגען פון אומשטאנדן, אָדער ווייל זיי קענען ניט קריגן קיין בע־סערם ,קענען זיך אומקערן צום נאַטירלאכן געשלעכט פּאַרקער מיטן צווייטן געשלעכט בא דער ערשטער געלעגנהייט.

ניט אזוי איז עס מיטן האָמאָסעקסואַליסט. דער האָט פון גע־בורט אָן אן אבנאָרמאַלע געשלעכטלאכע נייגונג צו פּערזאָנען פון זעלבן געשלעכט און א ווידער־געפיל צום צווייטן געשלעכט. זייערע גע־שלעכטלאכע אָרגאַנען קענען זיין נאָרמאַל און אפילו גוט אנטוויקעלט און די פּערזאָן קען זיין פיזיש און פונקציאָנאַל פון דעם געשלעכט וואָס איז באצייכנט דורך דעם געבוי פון קערפּער. דאָך זיינען די געשלעכטלאכע געפילן און נייגונגען און אָפט דאָס האלטן זיך אין געזעלשאפט, דער אויסוואל פון באשעפטיקונג, דאָס שפּילן און פאר־ווילן, דאָס קליידן און פּוצן זיך כאראקטעריסטיש פאר דעם געגנ־זעצלאכן געשלעכט צו וועלכן דער פּערזאָן באלאנגט פיזיש. דאָס איז א ווידער־שפּרוך פון פיזישן געבוי פון קערפּער מיט דעם פּסיכישן צושטאנד.

האָמאָסעקסואַליזם טרעפט מען באביידע געשלעכטער. די אב־נאָרמאַלקייט צווישן פרויען רופט מען ל ע ס ב י ש ע ליבע אָדער ס א פ י ז ם און אזוינע פרויען רופט מען ט ר י ב א ד ע ס . לעס־בישע ליבע איז אָפט פארשטעלט מיט א מאסקע פון געוויינלאכער ווייבערשער פריינטשאפט און איז דארום ניט אזוי מערקזאם צווישן פרויען ווי האָמאָסעקסואַליזם צווישן מענער.

די מיידל וואָס איז גענויגט פון געבורט צו די פאַרקערטע גע־שלעכט געפילן, האלט זיך אין פיל הינזיכטן ווי א מאן, זי אימיטירט דאָס מאנלאכע קליידן, זי האָט א נייגונג צו טאָן מאנלאכע אַרבעט און ווייזט אָפט מאנלאכן מוט און העלדישקייט. אמאָל געפינט מען אויך אנאטאָמישע מאנלאכע כאראקטערן אין אזוינע פרויען. אזוי בא־געגנט מען האָר אפן פּנים; דער אויסזען, דער בעקן, דער קול א. ד. ג. האָבן א מאנלאכן אויסזען. אין באציאונגען צו פרויען האלטן זיי זיך ווי א מאן צו א פרוי. אזוינע פרויען מיט פאַרקערטע געשלעכטס גע־פילן קריגן לייכט דעם צוטרוי פון יונגע מיידלאך און פארפירן זיי צו

לעבן ווי מיט א מאן. דאָ העלפט אויך מיט די ווייבלאכע באשיידנקייט און די צו שטרענגע אָפּגעזונדערטקייט פון די מיידלאך. די שרעק פארן געשלעכטס פארקער, און הויפּטזאכלאך פאר די נאטירלאכע פאָלגן פון דעם, און די מורא פאר אנשטעקונג מיט ווענערישע קראנק־הייט ברייגגט פילע פרויען צו אויסקלייבן א האָמאָסעקסואלן לעבן, און נאָך א לאנגן דויער ווערט דאָס אַ פּאטאלאָגישער צושטאַנד וועלכן עס איז שווער צו באקעמפן. די פרוי, אין געגעזאץ צו דעם מאן, פאר־בינדט איר געשלעכט פארקער מיט איר גאנצן לעבן און איז טריי און איבערגעבן צו דעם אָביעקט פון אירע געשלעכט געפילן. די פארפירטע מיידל פון אן אמת׳ער „טריבאדע" אין אַ לעסבישער ליבע איז, נאָך א לאנגער צייט, אזוי איבערגעגעבן איר פארפירערן, ווי עס וואָלט גע־וועזן א מאן.

אונזערע אידישע מוטערס פון אלטן שניט דארפן זיך גאָר ניט אזוי פרייען ווען זיי זעען זייערע טעכטער קושן זיך, האלזן זיך און ליבן זיך מיט זייערע חבר׳טעס אין דער צייט פון זייער פולער רייפ־קייט אנשטאט מיט יונגע לייט, וואָס איז גאנץ נאטירלאָך.

הינטער דער אויסערלאָך פלאטאָנישער, חבר׳שער ליבע קען באהאלטן זיין אן אנדער מיין.

סאָדאָמי

סאָדאָמי אָדער בעסטיאלקייט איז דער געברויך פון חיות פאר דעם געשלעכטלאכן פארקער. די אָפטע חיות פאר דעם צוועק זיינען הינט, קעץ, פערד, בהמות און אפילו הינער. דער אויסוואל פאר דעם אומנאטירלאכן פארקער פון פרויען איז דאָס רוב מיט הינט.

סאָדאָמי איז זעלטן א פּסיכישע אבנאָרמאלקייט. דאָס פעלן פון עפּעס בעסערס, די אוממעגלאכקייט פון נאטירלאכן געשלעכטס פארקער צוזאמען מיט א פארגרעסערטן געשלעכטס אפעטיט טרייבן מענטשן צום ווילדן פארקער.

אין א רוסישער געפענגעניש האָב איך אונטערגעהערט דאָס בארימען זיך פון קרימינעלע פארברעכער וואָס זיינען אָפּגעווען אין

געפענגעניש פאר פילע יאָרן, וועגן זייערע סאָדאָמישע עקסצעסן. א צופעליק הינטל אָדער קעצל וואָס האָט פארבלאָנדזשעט אין געפענגעניש פלעגט פארגוואלטיקט ווערן און דערנאָך, נאָך דעם אָנזעטיקן זיך, איז עס דער'הרג'עט געוואָרן צו פארדעקן די שפורן. אין די פאלן איז עס נאָר פאראורזאכט געווען דורך געשלעכטלאכן הונגער, דורך דער אוממעגלאכקייט פון אַ נאַטירלאכן אויסוועג פאר תאוה. די אומגליקלאכע ארעסטאנטן, וועלכע האָבן אױף דער פריי געפירט דאָס רוב אַן אויסגעלאסענעם לעבן, וואָלטן זיך ניט אָפּגעשטעלט פאר קיין זאך צו באפרידיקן זיך, און דאָס אָרימע חיה'לע איז געווען דאָס בעסטע וואָס זיי האָבן געקענט קריגן.

אויך אױף דער פריי געפינען זיך פיל מענטשן וואָס דער פארקער מיט אַ חיה איז פאר זיי דער לייכטסטער אויסוועג. דאָ מוז מען אָבער צוגעבן, אז דער מענטש וואָס קען ניט באפרידיקן זיין תאוה אױף אַ נאַטירלאכן אופן, איז שוין אין געוויסע הינזיכטן אויסער נאָרמאל. דער שרעק פון פארשוואנגערן אלס אַ רעזולטאט פון נאטירלאכן פארקער קען טרייבן אַ פרוי צו סאָדאָמי. אויך די איבערטריבענע באשיידנקייט פון פרויען וועלכע זיינען דערצויגן געוואָרן אונטער דעם איינדרוק פון שמאָל הערציקער מאָראל קען פירן צו אזעלכע אבנאָרמאלע פארהעלטנישן.

טערמינאָלאָגיע

טערמינאָלאָגיע

א.

אבאָרט — מפּיל, דאָס איבעררייסן פון שוואנגערשאפט.

אוואום — דאָס אייעלע, די ווייבלאכע געשלעכט צעל.

אָוואַרי — אייער שטאָק, דער אָרגאן וואָס אנטהאלט די ווייבלאכע געשלעכט צעל.

אימוניטעט — ווידערשטאנד צו אנשטעקונג מיט א קראנקהייט.

אימפאטענץ — די אומפעאיקייט פאר דעם געשלעכט אקט.

אינדיווידואום — איינער, אן איינצעלנע פערזאָן.

אינפעקציע — די אנשטעקונג מיט לעבעדיקע מיקראָבן וואָס פאראורזאכן קראנקהייט.

אלקאָהאָליזם — די פארגיפטונג מיט אלקאָהאָל.

אַמענאָריע — אָפּוועזענהייט פון די מאָנאטלאכע.

אמניאנישע פליסיקייט — די פליסיקייט וואָס געפינט זיך ארום פעטוס אין צייט פון שוואנגערן.

אנאטאָמיע — די וויסנשאפט וועגן דעם געבוי פון קערפּער.

אָנאניזם — זע מאסטורבאציע.

אַנטיסעפּציע — דאָס צושטערן פון דער ווירקונג פון שעדלאכע מיקראָבן.

אַנטיסעפּטיק — א מיטל וואָס ווערט געברויכט צו צושטערן אָדער פארהיטן די שעדלאכע ווירקונג פון מיקראָבן.

אָרגאן — א טייל פון קערפּער וואָס האָט א באשטימטע אויפגאבע.

אַרטריטיס — אנצינדונג פון די געלענקן.

אַסעפּצים — אָפּוועזנהייט פון שעדלאכע מיקראָבן.

ב.

באקטעריאָלאָגיע — די וויסנשאפט וואָס פארנעמט זיך מיט דעם שטודירן פון באקטעריען.

ביאָלאָגיע — די וויסנשאפט וועגן לעבעדיקע וועזנס.

בעסטיאַלקייט — זע סאָדאָמי.

ג.

גאָנאָקאָקוס — דער מיקראָב וואָס פאראורזאכט גאָנאָריע.

ד.

דיאַגנאָז — די אונטערשיידונג פון איין קראנקהייט פון אן אנדערער.

דיסמענאָריע — שמערצפולע מענסטרואציע.

ה.

האָמאָסעקסואַליזם — געשלעכטלאכע נייגונג צו פערזאָנען פון זעלבן געשלעכט.

היגיענע — די וויסנשאפט וועגן געזונט און ווי דאָס אָפּצוהיטן.

הערעדיטעט — פערערבונג, פיזישע און גייסטיקע ירושה.

ו.

וואַגיניזם — ספּאַזמאַטישע צוזאמענציאונג פון דער שייד.

וואולווא — די אויסערלאכע ווייבלאכע געשלעכט אָרגאַנען.

וואַססערמאַן רעאקציע — א פּרוביר מיטל פאר סיפילים.

וויקאַרישע מענסטרואציע — בלוט אויספלוס וואָס פאר־

בייט דעם געוויינלאכן פּעריאָדישן אויספלוס פון דער געבערמוטער.

ווענערישע קראנקהייט — א קראנקהייט וואָס ווערט איבער־געגעבן געוויינלאך דורך געשלעכטלאכן פארקער.

ט.

טעראפּעווטיק — די קונסט פון באהאנדלען קראנקהייטן.

י.

יוגעניק — די לערע פון פארבעסערן די צוקונפטיקע דורות.

כ.

כראָמאָזאָמען — די קליינע טיילכעלאך פון דער באפרוכפּער־טער צעל וואָס טראָגן אריבער די אייגנשאפטן פון די עלטערן.

ל.

ליסבישע ליבע — האָמאָסעקסואַליזם צווישן פרויען.

לוקאריע — דאָס ווייסע אויספלוס.

מ.

מאַזאָכיזם — א פארדארבונג פון געשלעכטלאכן אינסטינקט וואָס דריקט זיך אויס אין ליידן שמערצן און באליידיגונג פאראייניקט מיטן געשלעכטלאכן גענוס.

מאָנאָגאַמיע — איין ווייבלאכקייט.

מאסטורבאציע — אָנאַניזם, דאָס אומנאטירלאכע געשלעכט־לאכע באפרידיקונג דורך מעכאנישער באהאנדלונג פון די געשלעכט טיילן.

מיקראָב — אַ קליינער לעבעדיקער וועזן וועלכן מען קען נאָר זען מיט אַ מיקראָסקאָפּ.

מענדעליזם — מענדעלס געזעץ אין באַצוג צו ביאָלאָגישער ירושה.

מענאָראַגיע — די פאַרגרעסערונג אָדער פאַרלענגערונג פון דעם נאָרמאַלן אויספלוס פון די מאָנאַטלאַכע.

מענסטרואַציע — די מאָנאַטלאַכע, דאָס מאָנאַטלאַכע בלוט אויספלוס בײַ פרויען.

נ.

נימפאָמאַניע — אַבנאָרמאַל פאַרגרעסערטע תאווה בײַ פרויען.

נוקלעוס — דאָס קערנדל אין אַ צעל.

ס.

סאָדאָמי — דאָס געברויך פון חיות פאַר דעם געשלעכטלאַכן פאַרקער.

סאַדיזם — אַ פאַרדאַרבונג פון געשלעכטלאַכן אינסטינקט וואָס דריקט זיך אויס מיט אַ געפיל פון אכזריות פאַראייניקט מיט דעם געשלעכטלאַכן גענוס.

סאַטיריאַסיס — אַבנאָרמאַל פאַרגרעסערטע תאווה בײַ מענער.

סאַניטאַציע — די באַדינגונגען וואָס זיינען גינסטיק פאַרן געזונט.

סאַפיזם — האָמאָסעקסואַליזם.

סטעריל — אונפרוכטבאַר, פרוכטלאָז, אומפעאיק צו געבוירן.

סימפּטאָם — אַ סימן פון קראַנקהייט אָדער צושטאַנד פון פּאַציענט.

סעקס — געשלעכט.

ספּיראָכיטאַ פּאַללידום — דער מיקראָב וואָס פאַראורזאַכט סיפיליס.

ספערמאַטאָזאָאָן — די מאנלאכע געשלעכט צעל.

ספעציפישע קראנקהייט — אזא וועלכע איז פאראורזאכט פון איין באשטימטן מיקראָארגאניזם.

ע.

עמבריאָ — די פרוכט ביז דעם דריטן מאָנאט פון שוואנגער־שאפט.

עקלאמפסיע — א שווערע פארגיפטונג אין דער צייט פון שוואנגערן.

פּ.

פּאָזיציע — די שטעלונג פון איין זאך צו אן אנדער. די לאגע פון פעטוס אין דער געבערמוטער אין באצוג צו דער מוטער.

פּאַטאָלאָגיע — די לערע איבער די פארענדערונגען אין בוי און פונקציע פאראורזאכט דורך א קראנקהייט.

פּאָליאַנדריע — פיל מאנלאכקייט, זיין פארהייראט צו מער ווי איין מאן אין דערזעלבער צייט.

פּאָליגאַמיע — פיל ווייבלאכקייט.

פּובערטוס — די געשלעכטלאכע רייפקייט.

פּלאַצענטאַ — דער אָרט. דער אָרגאן אין דער שוואנגערענדער געבערמוטער וואָס טראָגט די בלוט פון דער מוטער צום קינד.

פּעריטאָניטיס — אנציינדונג פון דער בויך־הויט.

פּראסטיטוציע — זנות, דער מיסברויך פון געשלעכט אקט פאר מאטעריעלן געווינס.

פּראָפילאַקציע — די פארהיטונג פון קראנקהייט.

פ.

פיסטול — א וואונד וואָס פאראייניקט צוויי אָרגאנען.

פּעטום — די מענטשלאַכע פּרוכט פון דריטן מאָנאַט ביזן געבורט.

פּעטישיזם — די פאַרבינדונג פון געשלעכטלאַכן גענוס מיט דעם געדאַנק פון געוויסע טיילן פון קערפּער, אָדער זאַכן וואָס באַלאַנגען צום אַנדערן געשלעכט.

ק.

קאָמפּליקאַציע — פאַרוויקלונג, שווערער מאַכן אַ קראַנקהייט.

קאָנצעפּציע — די באַפרוכפּערונג פון דעם אייעלע.

קאָנטראַצעפּציע — די פאַרהיטונג פון באַפרוכטיקונג; פאַרהיטונג פון שוואַנגערשאַפט.

קלימאַקטאָריום — די צייט אין דער פרוים לעבן ווען זי פאַרלירט די מאָנאַטלאַכע.

ר.

רעפּראָדוצירן — דאָס געבוירן פון אַ דור.

ש.

שאַנקער — די וואונד וואָס איז דער אָנפאַנג פון סיפיליס.

שאַנקראָיד — אַ ווייכע ווענערישע, ניט סיפיליטישע וואונד.

אילוסטראציעס

פיג. 1. דער בעקן.

פיג. 2. די אינערלאכע ווייבלאכע געשלעכט אָרגאנען.

פיג. 3. די אָרגאנען אין ווייבלאכן בעקן.

פיג. 4. דאָס מענטשלאכע איי.

פיג. 5. די ברוסט.

פיג. 6. מענטשלאכע ספערמאטאזאָא.

פיג. 7-8. אריינגאנג פון ספערמאטאזאָא אין איי.

פיג. 9-19. די צונויפשמעלצונג פון ספערמאטאזאָאן און איי.

פיג. 11, 12, 13, 14. די ערשטע צעל צוטיילונג.

פיג. 15. מענטשלאכע עמבריאס.

פיג. 16. די פרוכט צו 2, 3 און 4 מאָנאטן.

פיג. 17. די פלאצענטא, מוטער פלאכע.

פיג. 18. די פלאצענטא, פעטוס פלאכע.

פיג. 19. מענדעליזם.

פיג. 20. די הויך פון דער געבערמוטער פון דער 12־טער ביז דער 40־סטער וואָך פון שוואנגערשאפט.

פיג. 21. טאבעל אויסצוגעפינען די דאַטע פון אנטבינדונג.

פיג. 22. די נאָרמאלע לאגע פון דעם פעטוס.

פיג. 23. עקס שטראל בילד אין אָנפאנג פון אנטבינדונג

פיג. 24. עקס שטראל בילד אין אנטבינדונג. אבנאָרמאלע פאָזיציע.

פיג. 26. עקס שטראל בילד. דאָס קינד ליגט אין קווער.

פיג. 27. עקס שטראל בילד אין אנטבינדונג פון א צווילינג.

פיג. 28. די פארשיידענע פאָרמען פון בעקן פאראייננגערונג.

פיג. 29. רוקן אויסזען מיט אַ נאָרמאַל בעקן.

פיג. 30. " " פון אַן אַלגעמיין גלייכמעסיק פאַראייִנגטן בעקן.

פיג. 31. " " פון אַ פלאַכן בעקן.

פיג. 32. " " פון אַ קווער פאַראייִנגטן בעקן.

פיג. 33. " " פון אַן אַסימעטרישן בעקן.

פיג. 34. " " פון אַ ריקווערטס־קוועער פאַראייִנגטן בעקן.

פיג. 35. " " פון אַ צוזאַמענגעצויגענעם בעקן.

פיג. 36. בויך באַוועגונג.

פיג. 37. בויך וויגונג.

פיג. 38. זייט בייגונג און קערפּער דרייאונג.

פיג. 99. פאַראויסבייגונג.

פיג. 40־41. קני־עלנבויגן באַוועגונג.

פיג. 42. קני־ברוסט פּאָזיציע.

פיג. 43־48. אַבנאָרמאַלע פּאָזיציעס פון דער געבער־מוטער.

פיג. 49. די גאָנאָקאָקוס.

פיג. 50. סיפּיראָכיטאַ פּאַלידום

אַנצייגער

אַנצייגער
פון געגענשטאַנדן און נעמען

א.

אבאַרט, 151.
אבנאָרמאַלקייטן, איינגעבאָרענע
וואָלוואַ, 230
שייד, 234
געבערמוטער, 238
אייער שטאָקן, 244.
אַדערן צוציגענע, 231.
אָווארים, 23, 228, 260, 244.
אָוואום, 24, 41, 42, 52.
אוריטריטיס, 260.
איבונגען
אין שוואַנגערשאַפט, 138.
אין קינפּעט, 211.
נאָכן קינפּעט, 213.
איי קאַנאַל, זע מוטער רערן.
אייעלע, זע אָוואום.
אייער שטאָקן, זע אָווארים.
קינפּעט, 203.
אימוניטעט, 205, 277.
אַלקאָהאָליזם, 227, 282.
אמניאַנישע פליסיקייט, 125.
אמענאריע, 222.
אַנעסטעזיע, געשלעכטלאַכע, 287.
ארטריטיס, 258.
אַציני, 28.
אַנציינדונג
פון וואָלוואַ, 230,
געבערמוטער, 241.
אייער שטאָקן, 244.
מוטער רערן, 247.
בריסט, 249.

ב.

באפּרוכטיקונג, 39.
בויך, 210.
בויך וויגונג איבונג, 212.
בויך באַוועגונג, 211.
בלוט שטורץ, 148, 152.
בויך ווייטיק, 223.
בריסט, 15, 28, 122, 136, 196, 249
ברוך, 231.
ברעכן, 127, 128, 141, 142, 219, 249.
בעקן, 16, 181.
בתולים הייטל, זע היימען.

ג.

גאַלטאָן, 112.
גאָנאָריע, 79, 256, 260.
גאָנאָקאָקוס, 257.
גט, זע צושיידונג.
געבורט, 82, 163, 192.
געבורט באַשרענקונג, 77, 107.
געבער־מוטער, 22, 122, 125, 192, 205,
225, 228, 238, 241.
געשווילאַכצן
אייער שטאָקן, 245.
בריסט, 250.
שייד, 236.
געשלעכט בילדונג, 99.
געשלעכט פּאַרקער, 39, 80, 81, 92, 208.

ד.

דיאַגנאָז פון
גאָנאָריע, 261.
קינפּעט פיבער, 208.

סיפיליס, 274.
שוואנגערשאפט, 128.
אין קינפעט, 195.
דיעטע, אין קינפעט, 195.
דיסמענאָריע, 219.
דע־סטאהל, מאדאם, 285.

ה.

האָבן, זע געבורט.
טרוקענער, 175.
הארץ ברענעניש, 147.
" פעלער, 258.
" קראנקהייט, 156.
האָמאָסעקסואליזם, 295.
האנטער יאן, 265.
הויט, 137.
היגיענע
פון הייראט, 79.
פון מענסטרואציע, 36.
פון שוואנגערשאפט, 135.
היימען, 20.
הייראַט, 69, 83, 85, 114.
היסטעריע, 220.
הערעדיטעט, 33, 52, 79.

ו.

וואגינא, זע שייד.
וואגיניזם, 235.
וואולווא, 19, 31, 168, 180, 230.
וואולוויטיס, 230.
וואסער ברוך, 231.
וואסער זעקל, 166, 168, 176.
וואסערמאן, אוגוסט, 266.
ווייען, 163.
אין אבאָרט, 153.
שוואכע, 173 .
צו שטאַרקע, 174.
וויקאַרישע מענסטרואציע, 222.
ווענערישע קראנקהייטן, 224, 254.
פארהיטונג, 281.

ז.

זאָמען, 41, 225.
זויגן, 197.
זייט בויגונג איבונג, 213.
זעמעלוויים, 201.

ט.

טובערקולאָז, 79, 199.
טריפער, זע גאָנאָריע.
טשענסי, 277.

י.

יוגעניק, 112.
יחוס, 88.
ירושה, זע הערעדיטעט.

כ.

כראָמאָזאָמען, 52.

ל.

לוקאָריע, 147.
ליבע, 61, 67, 84, 85, 293.
ליידנשאפט, 67, 68, 94.
לידסטאָן, 277.
ליפן, גרויסע, 19.
ליפן, קליינע, 20.

מ.

מאזאָכיזם, 291.
מאלטוס 108.
מאָנאָגאַמיע, 71, 73.
מאָנאַטלאָכע, זע מענסטרואציע.
מאנס וועגעריס, 19.

מאסטורבאציע, 286, 289.
מוטערגאנג, זע שייד.
מוטער רערן, 23, 228, 247, 260.
מוטערשאפט, 77, 119.
הארץ קראנקהייט, 156.
טובערקולאז, 157.
נירן קראנקהייט, 158.
נערוון קראנקהייט, 158.
עפילעפסיע, 159.
פארוועררונג פון, 115.
מילך, 197.
מילך־פוס, 209.
מעטשניקאוו, 266.
מענדעל, גרעגאר, 54.
מענדעליזם, 54.
מעלאנכאליע, 220.
מענאראגיע, 221.
מענסטרואציע, 23, 32, 127, 219.
מערידן, 146.
מפיל, זע אבארט.

נ.

נאכווייען, 196.
נאפל־שנור, 51.
נדן, 74, 78.
נודען, 128, 141, 142, 219.
נימפאמאניע, 286.
נירן, 258.
ניפל, 28, 29, 122.
נעיסער, 257, 266.
נעיסערישע אינפעקציע, זע גאנאריע.

ס.

סאדיזם, 290, 291.
סאדע, מארקיז דע, 290.
סאראמי, 297.
סאכער מאזאך, 291.
סאלווערסאן, 266.
סאפיזם, זע האמאסעקסואליזם.
סטערלימעט, 224.
סימפטאמען פון
גאנאריע, 260.
געבערמוטער אנצינדונג, 242.
דיסמענאריע, 219.
אייער שטאקן געשווילאכץ, 245.
קינפעט פיבער, 208.
סיפילים, 270, 271, 273.
סיסטאסיל, 236.
סיפילים, 79, 264.
באהאנדלונג, 276.
דיאגנאז, 274.
אנשטעקונג, 267.
קאנסטיטוציאנעלער, 271.
פארשפעטיקטער, 272.
סעקס צעל, 52, 53.
זע אויך אוואום און
ספערמאטאזאאן.
ספיראכיטא פאלידום, 266, 269, 270,
273, 274.
ספערמאטאזאאן, 39, 42, 52, 225.

ע.

עהרליך, 266, 276, 277.
עמבריא, 44.
עקלאמפסיע, 144.
עפילעפסיע, 159.

פ.

פאזיציעס, אומנארמאלע
פון געבערמוטער, 238.
פון פעטוס, 176.
פאליאנדריע, 71.

פאליגאמיע, 70, 71.
פובערטום, 28, 30.
פלאטא, 112.
פלאצענטא, 44, 49, 133, 258.
פראסטיטוציע, 103, 282.

פ.

פארגיפטונג, 142.
פארהיטונג פון
ווענערישע קראנקהייטן, 281.
מאסטורבאציע, 286.
פארעל, 61.
פאליקע, זע עפילעפסיע
פאראויסבויגונג איבונג, 214.
פארקוקן זיך, 132.
פארשטאפונג, 149, 210.
פיגור אויפהאלטונג, 210.
פיסטולן, 235.
פעטום, 46, 49, 135, 152.
פעטישיזם, 293.

צ.

צוזאמענלעבן, 83.
צוואנגס אפעראציע, 188.
צושיידונג, 95.
צייט, די, זע מענסטרואציע.
ציין, 140.
צעל פון גראאף, 24.

ק.

קאלאסטרום, 29, 122, 197.
קאמפליקאציעס, אין
אנטבינדונג, 169.
שוואנגערשאפט, 141.
קאנוואולסיעס, 144.
קאנסער, 251.
קאפ דרייעניש, 220.
קאפ ווייטיק, 219.
קינדער, 77, 90, 261.
קראנקהייטן
אייער שטאקן, 244.
בריסט, 249.
געבערמוטער, 238.
וואלוואַ, 230.
ווענערישע, 254.
מוטער רערן, 247.
קייזער שניט, 190.
קליטאריס, 19 .
קלימאקטאריום, 32.
קליידונג, 37, 139.
קני־ברוסט פאזיציע, 215.
קני־עלענבויגן באוועגונג, 214.
קראמפאדערן, 145.
קראפט, עבינג, דר., 291, 292.
קרייץ ביין, 17.
קרעב קראנקהייט, זע קאנסער.
קרעמפן, 147.
קערפער, ווייבלאכער, 15.
אין פובערטום, 30.
דרייאונג איבונג, 213.
קינפעט, 192.
פארבערייטונגען, 160.
פארוואלטונג, 193.
פיבער, 200.
קעמפ, 277.

ר.

ראק, זע קאנסער.
ריקארד, 265.
רעגל, זע מענסטרואציע.
רעקטאסיל, 236.

ש.

שאנקער, ווייכער, דאס זעלבע וואס
שאנקראיד, 254.
שאנקער, 270, 278.
שוואנגערשאפט, 82.
אינסטינקטן אין, 205.
ברעכן אין, 127 14,1, 142.
דויער פון, 129.
דיאגנאז פון, 128.
היגיענע פון, 135.
מאסקע פון, 122
נודען אין 127, 141, 142.
קאמפליקאציעס אין, 141.
קליידונג אין, 139.
פארגיפטונג אין 142.
פארשטאפונג אין, 149.
סמנים פון, 127.
ענדערונג אין, 121.
ציין אין, 140.
שדכנים, 63.
שידוכים, 65.
שייד, 20, 21, 234, 260.